STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07196

MIT EYGENE OYGN

Zalman Vasertsug

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיט אייגענע אויגן

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito de ley

מיט אייגענע אויגן

עסייען און רעפּאָרטאַזשן

פון

זלמן וואסערצוג

געז. פאר יידישע וועלטלעכע שולן
ביבליאטעק א. נ. פון
שלמה מענדעלסאָן

בוענאָס איירעס

1945

דעם הייליקן אנדענק פון מיינע טאטע־
מאמע, ברידער און שוועסטער און
זייערע פארשניטענע משפחות — א
בלוטיקע באשולדיקונג אויף דעם
גערמאנישן שטאם.

שטאַנדפּונקטן

דער שרייבער

ווען טאַטעס זאָלן קומען מיך פרעגן אַן עצה, וואָס זיי זאָלן טון מיט זייערע קינדער, וואָס פאַר אַ פאַך זיי צו לערנען, וואָלט איך זיי געעצהט:

— מאַכט זיי פאַר שרייבער!

און דער אמת איז, אַז שרייבעריי איז נאָך אַלץ אַ גלענצנדיק און גאָלדן פאַך. אין אונדזערע משונהדיקע צייטן, ווען די גאַנצע וועלט ליידט פון דעוויזן־שוועריקייטן און די גאַנצע אינדוסטריע איז באַזאָרגט ווי צו באַקומען רוי־שטאָפן, איז דער שרייבער פריי פון די אַלע זאָרגן.

שרייבעריי איז פון די איידעלע און וואונדערלעכע אינדוסטריעס וואָס דאַרף נישט קיין רוי־מאַטעריאַלן. דער שרייבער פּראָדוצירט זיינע ווערטן פון גאָרנישט — פון לבנה־שטראַלן, פון פייגל־געזאַנג, פון ווערטלאָזע שטיקער וואָלקנס, פונעם גרינס פון סכך, פון דער ווייסקייט און גלאַטקייט פון מיידלשע אָרעמס און אַנדערע ענלעכע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען גאָר קיין מאַטעריע נישט.

די געלערנטע זאָגן, אַז עס דראָט דער וועלט אַ געפאַר, אַז עס וועט מיט דער צייט אויספעלן נאַפט, עס וועט אויספעלן אייזן, שטאָל. וועלן די אויטאָמאָבילן זיך מוזן אָפּשטעלן און מ׳וועט, חלילה, מער נישט קענען פאַבריצירן קיין מעסערס און קיין באָמבעס. דאָס קען טאַקע זיין אַ גרויס אומגליק פאַר דער וועלט...

אָבער קיין מאָלערישע זונען־אונטערגאַנגען וועלן קיינמאָל נישט אויספעלן. די פייגל וועלן שוין מסתמא אַזוי פּישטשען ביז עק־וועלט, און די לבנה וועט קיינמאָל נישט מיד ווערן אַראָפּצוקוקן מיט איר מעלאַנכאָליש־ראָמאַנטישן קוק אויף אונדזער ערד אַראָפּ, כדי די פּאָעטן זאָלן זי באַזינגען.

אַ שרייבער איז פון די פּריווילעגירטסטע און אומבאַרירלעכסטע מענטשן. ער דרייט זיך אַרום צווישן אונדז ווי איינער פון דער „פינפטער קאָלאָנע". ער לאָזט אונדז פון אויג נישט אַראָפּ. ער אָבסערווירט אונדז

אין אונדזער טרויער, אין אונדזער פרייד און בענקעניש, און ער טראָגט דאָס אַלץ דערנאָך אַרויס פאַר דער וועלט.

ווי אומבאַהאָלפענע חדר־יינגלעך שטייען מיר פאַר דעם שרייבער, פאַר וועמען מיר זיינען מער נישט ווי רוי־מאַטעריאַל...

און דערצו איז שרייבעריי אַ פאַך, וואָס ווייסט נישט פון קיין אַר־בעטלאָזיקייט. קען דען זיין אַ רייד פון אַרבעטלאָזיקייט ביי אַן אינ־דוסטריע, וואָס פּראָדוצירט פאַר דער אייביקייט?

דאָקטוירים, לערערס, שדכנים, הייבאַמס, גאָלדשמידן און אַלע אַנ־דערע „מלאכות־מלוכות", אַז מ'האָט זיך שוין אויסגעלערנט דאָס פאַך, מוז מען ערשט באַקומען אַ פּאָסטן, אַרבעט, איינשאַפן זיך אַ קליענטעלע — דאָס סאַמע שווערסטע היינט. און אַ פּאָעט, אַ שרייבער, אויב ער האָט נאָר עטלעכע סענט אויף פּאַפּיר מיט טינט (די קאָליר פון טינט שפּילט דאָ נישט קיין שום ראָל), קען ער שוין זיצן, אָדער אַפילו שטיין, און „אַרבעטן".

די גאַנצע וועלט, מיט אַלע אירע פּראָבלעמען, מיט אַלע אירע שיינ־קייטן און מיאוסקייטן, מיט אַלע נעכטנס און מאָרגנס, ליגן ביים שריי־בערס פיס און בעטן זיך: „זוך אַ ליי זונג פאַר אונדז, געשטאַלטיק אונדז. גיב אונדז אַ תיקון, אַ זין!".

* * *

אין שרייבעריי, ווי אין אַלע אַנדערע פאַכן, זיינען פאַראַן סיי עכטע מייסטערס און סיי נאָכשלעפּערס, קאַליקעס, אַזעלכע וואָס וועלן שוין זייער גאַנץ לעבן בלייבן לערן־יינגלעך... אָבער דעם שרייבערס פאַך שטייט אין איין ריי מיטן אַלמעכטיקן הער באַשעפער.

פון דערינערונגען און שטימונגען פאַרנעפּלטע, פון כאַאָס, רופט דער שרייבער אַרויס שאָטנס און בלאָזט אַריין אין זיי דעם גייסט פון לעבן. מיטן כוח פון זיין וואָרט באַשאַפט ער וועלטן און מאַכט זיי חרוב.

און דאָס אַלץ באַווייזט דער שרייבער מיט זיין מאַגיש שטעקעלע — מיט דער פען. אַמאָל איז די פען געווען אַ גענדזענע, און היינט איז דאָס מערסטנס אַ פאָונטן־פען, אָדער גאָר אַ סך פענעס צוזאַמענגענומען — אַ שרייב־מאַשינקע.

כמעט מיט גאָרנישט קען אַ שרייבער אויסקומען. דערפאַר אָבער מוז ער אומבאַדינגט האָבן איין איינציקע זאַך, און דאָס איז:

אַן אויער, אַ מענטשלעך אויער וואָס זאָל אים אויסהערן, אָדער גאָר מאַכן דעם אָנשטעל אַז ס'הערט אים אויס...

דאָס איז דעם שרייבערס שוואַכסטער פּונקט, דאָס איז זיין „אַכי־לעסעס פּיאַטע", וואָס פאַרשקלאַפט אים און מאַכט אים אָפּהענגיק פון אונדזער ערדישער וועלט.

אויב איר באַגעגנט אויף דער וואַכעדיקער און פאַרשמאַיעטער גאַס אַ מענטשן, וואָס שפּאַנט אַ צעפּלאָמטער, אַ גליקלעכער, אַ יום־טובדיקער, טאַ זייט וויסן, אַז דאָס איז אַ שרייבער, וואָס האָט ערשט פאַרענדיקט אַ שאַפונג, אַ ניי ווערק, וואָס דער הויך פון דעם שאַפונגס־פּראָצעס ליגט נאָך דערויף. דאָס זוכט ער אַ קרבן, אַן „אויער" וועמען איבערצוזאָגן זיין שאַפונג, וואָס דאַרף איינעמען די וועלט...

ער מוז איינעם איבערלייענען זיין שאַפונג, מעג דער איינער זיין אַן אַנאַלפאַבעט, אַ הינט־שלעגער אָדער גאָר אַ טויבער אויף ביידע אויערן... ערשט דעמאָלט באַרואיקט זיך דער אויפגעשטורעמטער ים פון זיין שעפערישקייט און ער קען צוטרעטן צו אַ ניי ווערק.

אויסגעהערט ווערן פון אַ מענטשלעך אויער הייסט אויסגעהערט ווערן פון דער אייביקייט. און ס'איז אַזוי טראַגיש און אַזוי דערהויבנדיק צו קוקן אויפן שרייבער בשעת ער לייענט זיינע שאַפונגען. דער גאַנצער כוח און כישוף פון מענטשלעכן וואָרט לייכט אַרויס פון אים.

נאָר ווי איז צו דעם, וואָס איז נישט שפּאָרזאַם מיט קיין לויב־ווערטער פאַר דעם איבערגעלייענטן ווערק. פאַר אַזאַ פולער מאָס אָנערקענונג, וועט דורך אַ „צופאַל" דער שרייבער אויסגעפינען ביי זיך אין די קעשענעס נאָך עטלעכע שאַפונגען, אָדער קאַפּיטלען גאַנצע פון ראָמאַנען, וועלכע ער וועט זיי פאָרלייענען מיט גרויס ענטוזיאַזם פאַר דעם „מבין"...

* * *

דער שרייבער איז פון די גלויביקסטע מענטשן. מיט יעדן ליד, דערציילונג אָדער עסיי, וואָס ער שרייבט אָן, גלויבט ער אַז ער וועט מיט דעם איינעמען די וועלט, די גאַנצע וועלט, פון פאָל ביז פאָל.

אַ שרייבער גלויבט, אַז דאָס לעבן באַקומט ערשט דעם אמתן זין און חן, ווען ס'גייט דורך דעם פילטרירונגס־פּראָצעס פון זיין געמיט און שטימונג. אַנדערש וואָלט דאָך די גאַנצע שרייבעריי נישט געהאַט קיין באַרעכטיקונג. פאַר אָט דעם גלויבן אַליין מעגן מיר אים מקנא זיין, דעם שרייבער.

א פאך פון ווערטער. וואס איז דען א שרייבער אויב נישט דער מייסטער פון ווארט און קלאנג? די אומקלארסטע געפילן, די אומדעפי־נירטסטע בענקענישן, גלוסטענישן און שטימונגען, קען ער אנטון אין די פאסיקסטע ווערטער. און אז ס'איז נויטיק, קען ער, אזוי ווי א קינד, אליין זיך באשאפן ווערטער און קלאנגען.

ער, דער שרייבער, ווייסט דעם סוד פון מעסטן און וועגן און דער־פילן דעם דעליקאטסטן אונטערשיד צווישן ווארט און ווארט. און דאך. און דאך — איז נישטא עפעס גרינגערס ווי צו געווינען דעם מייסטער און פארפירן אים מיט א ווארט.

זאגט א שרייבער א גוט ווארט וועגן זיינער אן ארבעט, וועט ער אייך אייביק דאנקבאר זיין.

דער דיכטער, וואס קען זינגען וועגן לעבן און טויט אין אויסגע־העמערטע פערזן: דער שרייבער, וואס קען אנשרייבן טרילאגיעס וועגן די קאמפליצירטסטע און סובטעלסטע פראגן פון דעם מענטשנס אינער־לעכע וועלטן — זיי קומען מיט הכנעה צום קריטיקער, אויסצובעטלען ביי אים א פאר נישטיקע שורות וועגן זייערע ווערק.

איז דאס נאאיוויטעט?

ניין. די אויסגעבעטלטע נאטיצן ביים קריטיקער זיינען נאר פאר איב א מיטל אנצובינדן א קאנטאקט מיט מענטשלעכע אויערן. און מענטשלעכע אויערן — דאס איז די אייביקייט.

און דער באגריף פון אייביקייט איז אזוי פארשידן און עלאסטיש, ווי פאר איינעם. עס איז אייביקייט הונדערט יאר; עס איז אייביקייט טויזנט יאר, און א טאג, דער קורצער פרייטיק — איז אויך אייביקייט...

* * *

מ'זאגט, אז שרייבער זיינען נישט קיין קלוגע מענטשן. איז דאס אמת?

שרייבער אבער דארפן נישט זיין קלוג, דעם שרייבערס מיסיע איז נישט צו פארשפרייטן חכמה אויף דער וועלט.

א שרייבער איז דאך מער נישט ווי א מיסט־קלייבער. ער נישטערט דורך גאנצע בערג מיט אפפאל, כדי צו דערטאפן ערגעצוואו א פערל — א בליץ, א בליאסק פון מענטשלעכער שיינקייט און דערהויבנקייט. דעם שרייבערס אמתע און רעאלע וועלט איז די שרייבעריי — די ליטעראטור.

וואָס איז ליטעראַטור?

דאָס איז אַ פּרוּוו פון איבערגעבן דורך ווערטער, שטימונגען, איבערלעבונגען — אייגענע אָדער פרעמדע — פון יחידים, פון אַ קלאַס, צי פאָלק — פון היינט, פון נעכטן, אָדער גאָר פון מאָרגן. ווי גוט די ליטעראַטור זאָל נישט זיין, בלייבט זי אַלץ נאָר אַ קאָפּיע, אָבער נישט קיין אָריגינאַל. דער אָריגינאַל איז דאָס לעבן.

דאָס איז אַזוי אין דער וועלט פון דעפיניציעס, אין דער וועלט פון טעאָריעס. פאַרן שרייבער אָבער איז ליטעראַטור — דאָס לעבן אַליין, ווייל קיין אַנדער לעבן, אויסער דעם, האָט ער נישט און ער קען נישט האָבן.

דער שרייבער בויט נישט קיין וואָלקן־קראַצערס און ער פאַרוואַרפט נישט קיין שטאָלענע בעלקעס איבער טייכן, כדי אויסצולייגן אויף זיי בריקן. דער שרייבער טוט דאָס אַלץ, נאָר אויף זיין שטייגער — ער באַשרייבט דאָס, ער באַזינגט דאָס...

זשול ווערן וואָלט קיין איין סענט נישט געקאָנט פאַרדינען אַלס לערן־ייִנגל אין אַ ווערפט פון אונטערוואַסער־שיפן. אָבער ער האָט געגעבן די אידייע פאַר אונטערוואַסער־שיפן.

פאַראַן שרייבער, וואָס וועקן העלדישקייט ביים פאָלק און וואָס קענען אָנצינדן מיט זייער שריפטלעך וואָרט מאַסן און ברענגען זיי צו רעוואָלט, צו קאַמף, און אַליין — זיינען זיי גאָר פּחדנים פון דער נאַטור.

פאַראַן שרייבער, וואָס זיינען דאָן־זשואַנען אין זייערע ווערק, און אין טאָג־טעגלעכן לעבן זיינען זיי שלים־מזלס.

פאַראַן שרייבער, וואָס זיינען אין זייער טאָג־לעבן די אומבאַהאָלפנסטע מענטשן, און ביים שרייב־טיש קענען זיי שטענדיק געפינען אַן אויסגאַנג, אַן אויסוועג פון די פאַרפּלאָנטערטסטע סיטואַציעס.

זיינען דאָס סתירות?

ניין.

פאַרן שרייבער איז דאָס שרייבן זיין וועלט, וואו ער לעבט זיך אויס. קיין אַנדער לעבן האָט ער נישט.

און דאָס איז איינער פון די טראַגישסטע מאָמענטן פאַר אַ שרייבער. ער איז פאַרשקלאַפט צו זיין פאַך. ער שרייבט אפילו ווען ער זיצט נישט ביים שרייב־טיש. ער שרייבט אפילו דעמאָלט ווען אַנדערע מיינען, אַז ער פאַרוויילט זיך, אָדער ווען עס רייסט אים אַ צאָן...

און עס וואָלט בפירוש נויטיק געווען אַז אַ שרייבער זאָל נאָכמאָל

געבוירן ווערן און אָפּלעבן דאָס לעבן פון אַ ציווילנעם מענטשן, ווייל פון זיין ערשטן לעבן האָט ער קיין הנאה נישט...

אַ שרייבער איז שטענדיק אין דער ראָל פון אַן אָבסערוואַטאָר. אפילו זיין חופּה־נאַכט איז פאַר אים מער אַן אָביעקט פון אָבסערוואַציע, פון אַריינלעבן זיך אין אַ נייער סיטואַציע, איידער פון זיין פּערזענלעכן גליק...

אַפּילו ווען ער ליגט שוין אויפן טויטן־בעט, דער שרייבער, איז אים נישט צו גלויבן. דאָס האָט ער זיך נאָר אויסגעזוכט אַ געלעגנהייט אַריינצוקוקן אין דער רעפּובליק פון טויט, כדי די באַקומענע איינדרוקן דערנאָך אַריינצופלעכטן אין אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן...

איז אַ שרייבער אַ ליגנער?

איז דען אַ קינד אַ ליגנער?

זיין ראַפינירטער חוש פאַר פאָרם, פאַר שיינקייט, מאַכט אים פאַר אַ ליגנער פאַר עקסעלענץ, וואָס זוכט פאָרם, ראַמען פאַר זיינע ליגנס.

דער שווער־פּונקט פון שרייבעריי ליגט נישט אין דעם אויסוואַל פון שטאָף, טעמע, נאָר אין אויסגעפינען די געהעריקע פאָרם, וואָס דאַרף באַנייען דעם שטאָף...

ס'איז נישט וויכטיק, אַז דאָס וואָס דער שרייבער דערציילט מוז פּונקט האָבן אַזוי פּאַסירט. עס וואָלט אַזוי געדאַרפט פּאַסירן... דאָס איז דער דראַנג פון וועלן דערהויבן און פאַרשענערן אונדזער לעבן.

* * *

מ'קען אים קויפן מיט אַ וואָרט, דעם שרייבער. אַזוי גרינג אים צופרידנשטעלן, און דאָך — איז דער שרייבער דער סאַמע אומצופרידנסטער, דער אייביק־פאַרביטערטער. ער איז אין כסדרדיקן קאָנפליקט מיט דער וועלט.

די וועלט פאַרשטייט אים נישט... די וועלט דערשאַצט אים נישט... און אויך די קנאה לייגט דאָ צו איר האַנט.

טאָ וואָס מיינט איר טוט ער אין זיין פאַרביטערטקייט? צעברעכט ער זיין פען, ווי משה האָט צעבראָכן די לוחות?

ניין. ער איז זיך נוקם אין דער וועלט אויף זיין שטייגער. פון זיין פאַרביטערטקייט און פאַרצווייפלונג שרייבט ער אַן נאָך אַ ליד, נאָך אַ סקיצע, און די וועלט, די אייביק־אומדאַנקבאַרע וועלט — לייענט דאָס אויפסניי נישט...

איז דאָס קאָמיש?

— ניין. ס'איז טראַגיש, עכט טראַגיש!

אַ שרייבער קען זיין אייגענעם טרויער און פרייד איינפּרעסן אין פּערזן, איינראַמען אין אַ דערציילונג, אַ סקיצע. און דאָס איז, זעט איר, באמת אַ מדרגה. אַ שאָד נאָר, וואָס מיר לעבן היינט אין צייטן פון איי־בערפּראָדוקציע און דוחק אין אָפּזאַץ־מערק...

* * *

לויט די דאָקטוירים ספּעציאַליסטן זאָגן, איז נישטאָ קיין האָפענונג, אַז דער שרייבער זאָל זיך ווען אויסהיילן פון זיין שרייבעריי. ער איז שוין אַ פאַרפאַלענער אויף אַלע אייביקייטן.

דער דראַנג צו שרייבן, דער דראַנג צו באַזינגען און צו באַשיינען אונדזער לעבן איז אַזוי עכט, ווי עכט עס איז דער דראַנג צו האָבן קינ־דער. איז טאַקע שווער פון די ביידע שוואַכקייטן זיך אויסצוהיילן...

אַ שרייבער איז געגליכן צו אַ קימפּעטאָרן. נאָך יעדן מאָל האָבן אַ קינד, שווערט די קימפּעטאָרן, אַז מער קיין קינדער וועט זי נישט האָבן. און אַ שרייבער שווערט אויך אַזוי נאָך יעדן געבורט פון זיינער אַ שאַפונג...

נאָר די וואָס פּלאָנטערט זיך אומזיסט אין דער נעץ פון אייביקייט, די וואָס מוז מיטמאַכן דעם ווירוואר פון עליות און ירידות — דאָס איז דעם שרייבערס פרוי. זי איז דאָך דאָ גאָרנישט שולדיק און טאַקע אומ־שולדיק...

און ס'איז אַזוי נישט דאַנקבאַר צו זיין אַ פרוי פון אַ שרייבער, אַז ס'איז פּשוט אַ רחמנות אויף איר.

זי שפּילט דאָ מער די ראָל פון אַ „פאַרזוכערן" איידער פון אַ ווייב. זי איז פאַרמשפּט אויסצוהערן, אויפצונעמען די גאַנצע פרוכטבאַרקייט פון מאַנס שאַפונגען.

דעם שרייבערס פרוי איז די ערשטע, אויף וועלכער ער פּרוּווט־אויס אַלע זיינע שרייבערישע פאָרמען און עקספּערימענטן. און זי מוז זיין דערביי אַ מילדע, זייער אַ מילדע קריטיקערן... וואָס מוז זיך אַנט־ציקן מיט יעדער געלונגענער און נישט־געלונגענער סטראָפע, אָדער זאַץ...

און וואָלט שרייבעריי געווען אַ ירושה־זאַך, וואָלטן ביי אַ שרייבער מיט דער צייט — אין אַ טויזנט, אָדער אין אַ מיליאָן יאָר אַרום — זיך אַנטוויקלט אַזעלכע פיזיאָלאָגישע אייגנשאַפטן, אַז דער שרייבער וואָלט ביאָלאָגיש פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ נייעם טיפּ מענטש.

ווערט אָבער דער פּראָצעס יעדעס מאָל איבערגעריסן, ווייל שרייבעריי גייט זעלטן איבער בירושה פון טאַטע צו זון...

איז שרייבעריי אַ גאָב, אַ מתנה פון דער נאַטור?

ניין, ניין! ס׳איז גיכער אַ... קללה.

דער גאָסן־קערער

זאָגן אַז דער גאָסן־קערער איז אַזוי שטאָלץ מיט זיין פּראָפעסיע, ווי א מיניסטער אָדער אַ „פּראָפעסאָרא דע פּיאַנאָ", וועט עס זיין אַביסל איבערגעטריבן. אַזוי פיל באַוואוסטזיין וועגן זיין פּראָפעסיע האָט ער נישט, אָבער געפאַלן ביי זיך איז ער אויך נישט.

און אין דער אמתן, פאַרוואָס זאָל ער זיין געפאַלן ביי זיך? איז דען גאָסן־קערעריי אַ קנאַפּער יחוס?

אמת, די קענטעניש פון אויסלענדישע שפּראַכן איז ניט נויטיק פאַר אַ גאָסן־קערער צו זיין באַשעפטיקונג. עס איז צומאָל נישט נויטיק צו האָבן אַ דיפּלאָם פון אַ הויכשול אויף צו באַקומען אַ פּאָסטן אַלס גאָסן־קערער, הגם אַ סך מיט הויכשול־בילדונג, וואָלטן היינט גערן געוואָרן גאָסן־קערער... און דאָך איז דאָס נישט, ווי מען מיינט, פון די גאָר גרינגע פּראָפעסיעס.

באַהערשן אַ פאַך מיינט נישט נאָר קענען אויספירן די אַרבעט אויף אַ גאַנץ מעכאַנישן אופן, נאָר — אויף וויפל מען וואַקסט פּסיכאָלאָגיש אַריין אין דעם אַרבעטס־געביט; אויף וויפל מען אידענטיפיצירט זיך מיט דער אַרבעט, לעבט זיך אוים אין איר און מען געפינט אין איר אַ שעפערישן תיקון.

ביי דער אַרבעט — אַמאָל טרייסט מען זיך וועט אַזוי זיין — דאַרף אַ מענטש נישט נאָר פאַרדינען אויף צו לעבן, נאָר אויך שטייגן, אויסוואַקסן און שעפן פון דאָרט זיין לעבנס־חכמה.

און דאָס איז געמאָלט ביי יעדער אַרבעט. אַלע מענטשלעכע פאַכן און פּראָפעסיעס האָבן דאָ גלייכע שאַנסן, גלייך ווי אַלע נומערן פון דער לאָטעריע האָבן גלייכע שאַנסן צו אַריינכאַפּן דאָס גרויסע געווינס. און דאָס איז נאָר אַ פראַגע פון דערציאונג, פון פאַרשטיין און באַגרייפן וועלכע עס זיינען די צילן פון אַרבעט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

ביי די היינטיקע אַרבעטס־באַדינגונגען, ליידט דער גאָסן־קערער פון

די אַלע חסרונות, ווי למשל: קעלנערס, באַנקירן, דענטיסטן, א. א. זיינען טאַקע פאַראַן צווישן די גאַסן־קערערס אַזעלכע, וואָס זיינען גוטע פּאַכּ־לייט, עקספּערטן, און אויך — קאַליקעס, פּאַרטאַטשעס.

אויף צו ווערן אַ גאַסן־קערער, — אַ גוטער גאַסן־קערער, וואָס זאָל פאַרדינען צו טראָגן דעם נאָמען — פאָדערט זיך אַ געוויסע פילאָזאָ־פישע צוגרייטונג, אַ צוגרייטונג, וואָס מען באַקומט נישט אין ביכער, אין שולן, נאָר — לעבנס־דערפאַרונג, לעבנס־חכמה.

קוקט, מיט וואָס פאַר אַ סטאָאישער רואיקייט דער גאַסן־קערער טוט זיין אַרבעט!

קוקט, מיט וויפל גלייכגעוויכט און אינערלעכער שלוה ער דערפילט זיין גאַסן־קערערישע מיסיע!

* * *

ביי קיין שום פּראָפעסיע האָט מען נישט אַזוי די מעגלעכקייט צו־צוקומען ביז צום סאַמע תוך, ביז צום סאַמע עקסטראַקט פון אונדזער לעבן, פון אונדזער זיין, ווי ביי גאַסן־קערעריי.

דורך זיין בעזים און שיפלע גייט דאָך אַלץ דורך. דאָס איז דער לעצטער עטאַפּ פון אַלעם, וואָס פאַרגייט און ווערט צעפּרעסן פון דער צייט...

אַ יונגערמאַן שפּאַנט מיט איילנדיקע טריט. ער טראָגט אַ בונט ווייסע און רויטע רויזן. זיינע אויגן לייכטן און זיין פּנים — פלאַמט. צו זיין הארץ־געליבטער מיידל טראָגט ער זיי, די בליענדיקע, שמעקנדיקע בלומען.

די יונגעלייט, וואָס שטייען אין די ראָג־גאַסן זיינען אים מקנא.

אויך דער גאַסן־קערער רייסט־איבער אויף אַ ווײַלע דאָס קערן. ער שפּאַרט אָן זיינע ביידע הענט אויף דער באַרשט און שמייכלט אַריין אין זיינע וואָנצעס.

„מאָרגן, איבערמאָרגן — טראַכט ער זיך — וועלן די שמעקנדיקע רויזן שוין זיין פאַרוועלקט, צעפאַלן, און זיי וועלן אַריבער אין מיין רשות, אין מיין קעניגרייך פון אָפּפאַל און מיסט...“

און וואָס געפינט מען נישט אין דעם גאַסן־קערערס קעניגרייך? פּרויען־שיך וואָס זיינען אַמאָל געווען ניי און עלעגאַנט, שטיקער פון טייערע כלים גלעזערנע, שטיקער פון צייטונגען מיט פּאָעמעס און באַלאַ־

דעם צאַרטע, און טויטע קאַנאַריקעס, וואָס האָבן פאַרהילכט די גאַסן מיט זייער זיס געזאַנג.

* * *

דער גאַסן־קערער שטייט ווי אין דער זייט פון אונדזער טומלדיקן לעבן. ווי אַן אַרעסטאַנט קוקט ער אויס אין זיינע קאַזיאָנע מלבושים, מיטן נומער אויפן היטל. אָבער גאָרנישט פון אונדזער לעבן איז אים פרעמד און פאַרהוילן.

דער גאַסן־קערער באַגרייפט גאָר אַלץ און מעסט אַלץ מיט זיין מאָס־שטאַב — לויט דעם מאַסשטאַב פון זיין בעזים, גלייך ווי דער פאָרשער טוט דאָס מיט זיין מיקראָסקאָפּ און די טענצערן — לויט די ליניעס פון איר קערפּער...

דער גאַסן־קערער שאַצט אָפּ מענטשן, באַוועגונגען, פּאַרטייען, גע־שעענישן און טעג, לויט דער מאָס אַרבעט, וואָס זיי פאַרשאַפן אים...

קיינער האָט נישט אַזוי פיל אַרבעט אין די טעג פון וואַלן, אין די טעג פון יום־טובים און מאַניפעסטאַציעס, ווי דער גאַסן־קערער. גאַנצע בערג מיט אָפּפאַל, מיט פּראָפּאַגאַנדע, מיט לאָזונגען, מיט שרייענדיקע ליגנערישע הבטחות קערט ער צונויף.

נאָך די אַלגעמיינע פּאַרלאַמענט־וואַלן אין לאַנד האָט זיך פאַר מיר געקלאָגט אַ גאַסן־קערער, אַז ער האָט באַקומען געשוואָלענע הענט פון אַרבעט.

נאָר אַמערסטן שרעקט זיך דער גאַסן־קערער פאַר — יום־טובים. עטלעכע טעג יום־טוב זיינען גענוג, אַז עס זאָל דראָען דער שטאָט, מיט אַלע גערטנער, פּאַרקן און פּליאַזשן — פאַרפלייצט צו ווערן פון מיסט.

דאָס איז דערפאַר, ווייל דער מענטש איז אַ שעפערישע און פּראָדו־צירנדע באַשעפעניש. אַפילו אין יום־טוב־טעג, ווען ער אַרבעט נישט, פּראָדוצירט ער אויך, — מיסטיקט ער...

יאָ, דער גאַסן־קערער האָט זיך זיין אייגנאַרטיקע לעבנס־פילאָזאָ־פיע. עס זיינען נאָר פאַרשידן די הנחות, די אויסגאַנגס־פּונקטן, אָבער די שלוסן זיינען כמעט אומעטום די זעלביקע. און ביים גאַסן־קערער איז דער אויסגאַנגס־פּונקט — דער בעזים.

וואָס איז דען דער אונטערשיד צווישן אַ גוטן און אַ שלעכטן גאַ־סן־קערער?

ביידע קערן זיי, ביידע רייניקן זיי די גאַס, וואָס מען באַשטימט זיי. דער אונטערשיד ליגט נישט אין דער מאָס ענערגיע, ערנסט און געוויסנ־האַפטיקייט, וואָס יעדער איינער פון זיי לייגט אריין אין דער אַרבעט, נאָר אין זיין וועלט־אַנשויאונג.

דער גוטער גאַסן־קערער באַטראַכט אומריינקייט, אָפּפאַל, ווי אַ גע־זעץ, ווי אַ נאַטור־געזעץ, און דער פאַרטאַטשנער גאַסן־קערער באַטראַכט דאָס ווי אַ בייזוויליקייט פון די מענטשן, כדי צו פאַרשאַפן אים אַרבעט...

דער ערשטער שמייכלט בשעת דער אַרבעט, פייפט זיך אונטער אַ לידל, בעת דער צווייטער איז פאַרביטערט און שליידערט מיט קללות אויף רעכטס און לינקס.

* * *

עס איז זעלטן צו טרעפן אַ יונגן צווישן די גאַסן־קערער. די יונגסטע צווישן זיי זיינען שוין איבער די פערציק.

איז דאָס אַ צופאַל נאָר?

ניין.

כ'האָב געפרעגט די פראַגע אַ גאַסן־קערער, האָט ער מיר די פראַגע פאַרענטפערט.

— יונגע מענטשן — האָט ער מיר די זאַך אויפגעקלערט — טויגן זיך נישט אויס צו זיין גאַסן־קערער; יונגע מענטשן האָבן פליי אין די נעז...

פאַרטייטשנדיק דאָס אויף אונדזער לשון, מיינט עס:

יונגע מענטשן חלומען נאָר וועגן קאַריערעס, וועגן דערגרייכן דאָס טעלערל פון הימל. די אַמביציעס לאָזן זיי נישט איינרוען.

אַ יונגער מענטש, וואָס מיינט אויך אַ נאַאיווער מענטש, גלייבט נאָך אַלץ אַז עס זיינען פאַראַן וויכטיקע און מינדערוויכטיקע אַרבעטן, בכבודע און אומבכבודע באַשעפטיקונגען.

און אויך דער אינסטינקט אויפצוהאַלטן דעם מענטשלעכן מין, שפּילט דאָ אַ געוויסע ראָלע, און האַלט־אָפּ יונגעלייט צו ווערן גאַסן־קערער. ווייל וועלכע מיידל וועט זיך דאָס לאָזן קושן און וועלן חתונה האָבן מיט אַ גאַסן־קערער?

עס איז נויטיק אַ געוויסע עלטער, אַ געוויסע דערפאַרונג, אַ געוויסע רייפקייט און גייסטיקע גלייכגעוויכט אויף צו ווערן אַ גאַסן־קערער, גלייך ווי דאָס איז נויטיק אויף צו ווערן אַ לאָרד, אָדער דער פּרעמיער פון דער ענגלישער אימפּעריע...

די רייפקייט באקומט נאָר פאַרשידענע אָנווענדונגען, אָבער די קוואַליטעט איז די זעלבע. די זעלבע טשוועקעס און פאַרב וואָס מען באַנוצט צו מאַכן אַ קינדער־וויגעלע, באַנוצט מען אויך צו פאַבריצירן טויטן־קאַסטנס...

* * *

כ'האָב געפרעגט אַמאָל אַ גאַסן־קערער פאַרוואָס ער איז געוואָרן אַ גאַסן־קערער און נישט עפּעס אַנדערש, האָט ער מיר קורץ און שאַרף געענטפערט:

— ווייל ס'איז אַ ריינע אַרבעט.

ער איז מאָראַליש באַפרידיקט און ער געפינט אין זיין פּראָפעסיע אַלס גאַסן־קערער אַ גייסטיקן אָפּרו.

עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז דער גאַסן־קערער טוט נישט אויס זיין מונדיר, זיין היטל מיטן בלעכענעם נומער, אפילו אין די טעג ווען ער איז פריי פון זיין אַרבעט. ער פילט זיך גוט מיט זיין גאַסן־קערערישער מיסיע.

יעדן טאָג קענט איר אין דער פּאָליציי־כראָניק פון די טאָג־צייטונגען אָנטרעפן פאַלן פון שווינדל, פון גנבה, פון שנאה און מאָרד. אַלע נאַציעס און פּראָפעסיעס זיינען דאָ פאַרטראָטן אין דער אָפּטיילונג. נאָר דער גאַסן־קערער איז דאָ נישט פאַראַן, ער שטייט אין אַ זייט פון די אַלע פּאַסירונגען.

און די מערסטע פון די גאַסן־קערער האָבן דאָך זייער פאַרגאַנגענהייט, זייערע פּרוואוון, זייערע חשבונות. פאַראַן צווישן זיי אויך געוועזענע אַרעסטאַנטן, וואָס זיינען שוין אָפּגעקומען זייער שטראָף פאַר גנבות, אָדער שווערערע פאַרברעכנס.

אין ערגעץ האָבן זיי זיך נישט געקענט איינלעבן, און דאָ, ביי גאַסן־קערעריי, האָבן זיי געפונען זייער תיקון, זייער דערליי‌זונג.

מיטן בעזים אין דער האַנט איז אים געלונגען זיך אָפּצורייניקן אַ סטעזשקע, אַ וועג, וואָס פירט צום מענטש, צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און איינגלידערן זיך אין איר.

נאָר די מענטשלעכע געזעלשאַפט דערזעט אים נישט און אָנערקענט אים נישט. זי באַציט זיך מיט ביטול צום גאַסן־קערער — זי שעמט זיך מיט אים.

דאָס איינציקע, וואָס מיר טוען פאַר דעם גאַסן־קערער איז, צו פאַרשאַפן אים אַרבעט, אָן איבערפלוס פון אַרבעט...

די מאַמע

די פאָלקס־לידער פון אַלע פעלקער, און גאָר באַזונדער די אָפּערע־טעס וואָס גייען מיט דערפאָלג אין יידישן טעאַטער, רעכענען אויס אַזוי־פיל מעלות וועגן דער מאַמען, און דער עיקר וועגן איר „מאַמעס האַרץ״ — אַן וועלכן עס וואָלט אפשר קיין יידיש טעאַטער נישט געווען... — און זיי פאַרגעסן צו דערמאָנען איר הויפּט־מעלה:

דאָס איז איר נאַרישקייט.

אַ מאַמע איז נישט נאָר די נאַרישסטע צווישן די פרויען, נאָר אויך די נאַרישסטע פון אַלע מענטשלעכע וועזנס. און דאָס וועט אינגאַנצן נישט שאַטן איר געשטאַלט וואָס איז שוין פאַרהייליקט סיי ווי; הייליקע האָבן די פּריווילעגיע צו מעגן זיין נאַריש...

נאַרישקייט האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט פאַרשטאַנען צו ווערן ווי אַ נעגאַטיווער מענטשלעכער שטריך. נאַרישקייט איז אַ גרויסער שע־פערישער פאַקטאָר אין אונדזער לעבן. פאַראַן אַזויפיל אויפטוען מענטש־לעכע, עפּאָכע מאַכנדיקע אַנטדעקונגען, וואָס זייער אור־שפּרונג איז נישט געווען חכמה.

אויף שריט און טריט באַגעגנט מען פאַלן וואו חכמים האָבן געלאָזט פאַרבייגיין געשעענישן, סיטואַציעס, און האָבן זיי נישט אויסגעניצט, ווייל די געזונטע לאָגיק, די פעסטע געזעצן פון אונדזער מענטשלעכער חכמה האָבן פאַראויסגעזען דאָ אַ דורכפאַל. זיינען געקומען די קנאַפּע חכמים, די „גאָטס געשטראָפטע״, די נאַראָנים, און זיי האָבן יאָ דערגרייכט.

און ס׳איז די פראַגע, אויף וואָס מיר זיינען גרייט מוותר צו זיין: אויף דער חכמה, אָדער אויף דער גוטסקייט?

ווייל נאַרישקייט געפינט זיך כמעט שטענדיק אין אַ גלייכער פּראָ־פּאָרץ צו גוטסקייט. גוטע מענטשן — דאָס איז שוין אַן אַלט־באַשטע־טיקטער כלל — זיינען מערסטנס נאַריש ווי אינדיקעס.

א נישט־קלוגער מענטש ווערט באהערשט נישט פון דער לאָגיק, נאָר פון געפיל, איז זיין האנדלונג א דירעקטע, א ספּאָנטאַנע, אָן ישוב־הדעת און אָן צווייפלונגען. דער קלוגער מענטש אָבער באראַט זיך פריער מיט זיין חכמה, צי עס לוינט צו זיין גוט, און די מאָדאַם חכמה אַנאַלי־זירט די זאַך אויף גיך, אָריענטירט זיך גלייך אין דער לאַגע און זי ווינקט שעלמיש מיטן אייגל:

— נישט כדאי...

— וועסט דערפון גאָרנישט האָבן...

— מאַך זיך אַז דו זעסט נישט...

א מאַמע איז דער בעסטער איבערציייגנדיקסטער באַווייז וואָס די נאַ־רישקייט קען אויפטון פאַר דער מענטשהייט.

אַלע העראָאישע טאַטן האָלטן נישט אויס דעם עקזאַמען פון אונ־דזער לאָגיק. דאָס זעלבע געשעעט מיט דער מאַמען — א העראָאיזם וואָס דויערט שוין אַזויפיל דורות און וואָס ציט זיך פון אייביקייט ביז איי־ביקייט.

לוינט זיך דאָס אַלץ וואָס א מאַמע טוט פאַר איר קינד?

וואָלט א מאַמע געקענט לאָגיש און מיט רואיקייט אַנאַליזירן די פראַגע, צי איר מקריב־זיין זיך פאַרן קינד לוינט, צי נישט, וואָלט זי זיכער געקומען צום באַשלוס, אַז עס לוינט נישט.

און אין דער אמתן, לוינט זיך דען צו פטרן אַזוי פיל געזונט אין לעבן, דורכמאַכן אַזוי פיל שרעק און פיין, אַזוי פיל אומרואיקע טעג און שלאָפלאָזע נעכט, אויף אויסצוהאָדעווען א נפש וואָס זאָל דערנאָך אַוועק־פאָרן קיין אַמעריקע און נישט שרייבן איר קיין בריוול צומאָל?...

לוינט זיך דען אַז א מאַמע זאָל זיצן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אריין און פאַרנייען איר קינדס הייזעלעך, וועלכע ער וועט מאָרגן גלייך ביים ערשטן צוזאַמענטרעף מיט זיינע חברים ווידער אויפסנייי צערייסן?

דאַרף דען א מאַמע אויפשפּרינגען פון שרעק און אומרו, אַז איר קינד וועט קומען מיט עטלעכע מינוט שפּעטער פון שולע?

אָבער זוכט נישט קיין לאָגיק ביי דער מאַמען. דער מאַמעס אַלאָ־גישקייט — לאָמיר דאָס אָנרופן נאַרישקייט — איז א גליק, א ברכה, פאַר דער מענטשהייט...

* * *

מיט אזוי פיל זאָרג איז היינט פול די וועלט, וועלכע געפינט זיך ביים ראַנד פון תהום, פון אונטערגאַנג. היינט, מאָרגן, דאַכט זיך, ביים אויפשטיין, קען מען געוואויר ווערן, אַז דער אויפריים איז שוין געווען — די וועלט איז שוין צעשטויבט געוואָרן.

אָרימע וועלט! אין אַלע קאַפּעען, און אַלע „סובטעס״ רעדט מען פון איר. פון מיניסטער ביזן שאָפער, פון דער טענצערין ביזן פויפּסט — אַלע זיינען באַזאָרגט, אַלע זיינען געשפּאַנט, אין דערוואַרטונג פון די קומענ־דע געשעענישן.

נאָר זי, די מאַמע, זי איז נישט מפסיק קיין איין מינוט פון די קליינע, גרויסע, אייביקע זאָרגן און אייביקע פריידן אירע:

„ס׳קינד האָט היינט געגעסן מיט אַ פאַלשן אַפּעטיט״...

„ס׳קינד איז מיר עפּעס נישט מיט אַלעמען״...

„ס׳ערשטע באַק־ציינדעלע!״

און לייגט אַרויף אויף איין וואָגשאָל די מלחמה־געפאַר אין דאַנ־ציק, די פּראָבלעם פון דעם אָפּמאַך מיט סאָוועט־רוסלאַנד, די פראַגע פון די אויסלענדישע קאָנצעסיעס אין כינע, דאָס נייטראַליטעט־געזעץ אין נאָרד־אַמעריקע; און אויף דער צווייטער וואָגשאָל — די 5 שטריכן פון דעם קינדס געהויבענער טעמפּעראַטור, אָדער דאָס ערשטע ציינדעלע, וועט איר זען וואָס עס וועט אַריבערוועגן.

מ׳שטיינס געזאָגט, אויך מיר זאָרגן! אָן דעם ערשטן ציינדעלע, וואָס פאַר אַ באַדייט וואָלטן דען יענע אַלע פּראָבלעמען און זאָרגן גע־האַט?...

* * *

וויפל מאָל האָבן שוין מאַמעס געקושט זייערע עופהלעך? וויפל מאָל האָבן שוין מאַמעס איינגעוויגט זייערע קינדערלעך מיט געזאַנג? וויפל שלאָפלאָזע און פּיינפולע נעכט מאַמעס האָבן שוין פאַרבראַכט ביי די וויגעלעך פון זייערע קראַנקע, גליענדיקע פון פיבער קינדער?

און דאָך איז פאַראַן אין יעדן פאַל די נייקייט, די אָריגינעלקייט פון מעשה בראשית. פאַראַן אין יעדן פאַל באַזונדער שיינקייט, עמאָציע און די דערהויבנקייט פון אַ הערלאַיזם, וואָס הערט גאָרנישט אויף און וועט נישט אויפהערן.

דאָס איז דער כוח פון עבטקייט, דער כוח פון דער אומטיטלבאַרער נאַטור. און אַ מאַמע מיט איר גאַנצער אומרואיקייט און שרעק פאַר איר

עופהלע, מיט איר גאַנצער נאַרישקייט און שקלאַפֿישער איבערגעגעבנ־קייט, איז אַ שטיק לעבעדיקע נאַטור פֿון די ששת ימי בראשית.

עס מאַכט נישט אויס וואָס אַ היינטיקע מאַמע צופּט זיך די ברע־מען, פֿאַרבט זיך די ליפּן און די נעגל און קרייזלט אירע האָר. די מאַמע אין סאַמע תוך פֿון איר וועזן איז די זעלביקע ווי זי איז געווען אין די צייטן פֿון אדם הראשון, כאָטש דער פּראָצעס פֿון דערציאונג איז דעמאָלט געווען אַ היפּש ביסל גרינגער ווי אין אַ היינטיקן דעפּאַרטאַמענט וואָס איז באַזאָרגט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פֿון דער מאָדערנער טעכניק...

* * *

מען וואַרפֿט פֿאָר אַ היינטיקער מאָדערנער מאַמען וואָס וויל מער נישט האָבן ווי איין אָדער צוויי קינדער, אַז דאָס איז אַ באַווייז פֿון דע־גענעראַציע פֿון די מוטער־געפֿילן. איז דאָס ווירקלעך אַזוי?

אויב דער געפֿיל פֿון מוטערלעכקייט איז דער דראַנג פֿאַרצוזעצן דעם מענטשן־מין — האָט די אַמאָליקע מאַמע געמוזט האָבן אַ סך קינ־דער, ווייל די שטערבלעכקייט צווישן קינדער איז אַמאָל געווען זייער גרויס, און אַ מאַמע פֿון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט דאַרף דאָס נישט, גלייך ווי אַ מענטש דאַרף היינט נישט גיין אויף יאַגד. יאַגד איז היינט געוואָרן אַ לוקסוס אַרטיקל, אַ ספּאָרט, אַ פֿאַרגעניגן...

צוליב די שוועריקייטן מיט וועלכע ס'איז פֿאַרבונדן דאָס אויסהאָ־דעווען אַ קינד, ווייל בעסער די מאָדערנע מאַמע קאָנצענטרירן איר גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט און ליבע אויף אירע געציילטע, אָפּגעציטערטע קינדער. די עקאָנאָמישע שוועריקייטן און לעבן פֿון דער גרויסער שטאָט ברענגען דערצו און נויטן דער מאַמען, אַז זי זאָל אַזוי האַנדלען.

אָבער דאָס שמעקט שוין מיט לאָגיק, מיט אַנאַליזירן צי עס לוינט זיך, און דאָס איז פֿרעמד דעם כאַראַקטער פֿון אַ מאַמען.

דער גרעסטער חסרון וואָס מ'קען טאָקע אויסטראַכטן אויף דער מאָדערנער מאַמען איז, אַז זי ווערט אַלץ קלוג און קליגער. און דאָס איז באמת אַ געפֿאַר.

* * *

אויב ס'איז פֿאַראַן עכטער שניידנדיקער צער און אמתע, דערהויבענע פֿרייד — ווייסט דאָס נאָר אַ מאַמע. פֿאַראַן נאָך אַנדערע פֿריידן און טרויערס, אָבער זיי זיינען נאָר פֿון אַן ערגערער קוואַליטעט. אַ מאַמע איז אַ געמיש פֿון צער און פֿרייד.

ווער נאָך ווי אַ מאַמע קען אַזוי בליץ־שנעל זיך טראַנספאָרמירן, אײַ־בערגײן פון פאַרצווייפלנדיקער שרעק, טרויער, ביז גרעניצלאָזער פרייד? ס׳איז שווער ביי דער מאַמען דורכצופירן אַ גרעניץ צווישן טרויער און פרייד, צווישן האָפנונג און פאַרצווייפלונג.

איר גאַנץ לעבן שוועבט צווישן צוויי פּאָליוסן:

צווישן דעם קינדס אַ פאַרדעכטיק הוסטעלע און דעם קינדס אַ שמייכל...

* * *

היינט האָט אַ קינד אין דער מיליאָניקער שטאָט אַרויסגעבראַכט צום ערשטן מאָל דעם קלאַנג פון אַ „ריש״.

אַ זייטיקער וואָלט דאָס אינגאַנצן נישט געהערט, ווייל די „ריש״ איז קוים געווען אַ שאָטן, אַ קאַריקאַטור פון דעם קלאַנג. אָבער זי, די מאַמע, ווי אַ פּילבאַרע אַנטענע, האָט אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג און זיך גע־פרייט מיט אים ווי מיט אַ זעלטן־טייערע בשורה. זי האָט פאַרלאָזט אַלע אירע טועניש, פאַרוואָרפן אַלע אירע אַרבעטן, פאַרגעסן מיטאַמאָל אין אַלע אירע דאגות, און געכאַפּט איר דריי־יאָריק באַשעפעניש אויף דער האַנט און געבעטן זיך ביי דעם:

— ווי, ווי האָסטו געזאָגט, מיין קינד, ווי?

דאָס קינד האָט זיך געריסן פון דער מאַמעס הענט צוריק צו זיינע שפּילערייען און ער האָט אינגאַנצן נישט געדענקט וואָס ער האָט געזאָגט. אָבער פאַר דער מאַמען איז דאָס שוין גענוג געווען. אַ יום־טוב האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר איר.

אַזאַ טיפע אומרואיקייט און זאָרג האָט זי געפּייניקט: אפשר וועט איר קינד שוין נישט קענען אַרויסרעדן די „ריש״... און ווען זי איז גע־געבליבן אַליין מיט איר זון האָט זי אויסגעזוכט ליבטע ווערטער מיט „רישן״ און מיט אַ באַזונדערן פליים האָט זי דעמאָנסטרירט פאַר אים די קלאַנגען, כדי ער זאָל זיי וועלן נאָכמאַכן.

און היינט האָט דאָס פּאַסירט! דער ערשטער קלאַנג פון דער „ריש״ איז שוין אַרויסגעבראַכט. איצט איז זי שוין זיכער די מאַמע, אַז איר קינד וועט קענען אַרויסרעדן אַלע קלאַנגען, אַלע! איז די גאַנצע וועלט היינט אין אירע אויגן אַ נייע, אַ שיינענדיקע.

* * *

זי איז אַ טראַגיש געשטאַלט, די מאַמע. איר גרויסע ליבע, איר גרויסע שקלאַפּישע צוגעבונדנקייט, מאַכט זי טראַגיש. זי איז אַזוי, ווייל זי מוז, ווייל זי קען אַנדערש נישט זיין.

אָבער אַמטראַגישסטן איז די מאַמע פון דעם קראַנקן קינד. ס'איז אַזוי ווייטיקלעך, פּיינלעך צו זען ווי אַ מאַמע דריקט צו צו זיך אַ קינד אַ קריפּל. די געפילן פון דער מאַמען זיינען ממש דורכגעווייקט מיט צער, מיט שטומען און טיפן צער. די נאַטור, פילט זי, האָט דאָ געוואָלט אָפּקרימען, אָפּחוזקן פון אירע הייליקסטע געפילן, און זי דריקט צו זיך איר קראַנק קינד מיט בלינדער ליידנשאַפט.

ס'איז דער קאַמף צווישן לאָגיק און אינסטינקט. די לאָגיק זאָגט אַז די גאַנצע אַרבעט און איבערגעבנקייט איז דאָ אַרויסגעוואָרפן; שווער אויסצוגלייכן וואָס די נאַטור האָט אויסגעקרומט, אָבער דאָס געפיל טרעט נישט אָפּ. „ס'איז דיין קינד, דיין בלוט און פלייש — האָב אים ליב, באַשיץ אים, כאָטש דו ווייסט פון אים קיין פרייד נישט האָבן!"

אויב מ'זאָל אויסגעפינען אַן אַפּאַראַט וואָס זאָל קענען אויסמעסטן די שטאַרקייט פון מוטער־ליבע, וואָלט מען באַשיינפּערלעך געזען, אַז די־ליבע פון די מאַמעס צו זייערע געשטראָפטע קינדער איז אַ סך שטאַרקער. אַ קראַנק קינד נויטיקט זיך אַ סך מער אין שוץ, אין מוטערלעכע וואַרימקייט און צערטלעכקייט ווי אַ נאָרמאַל קינד.

* * *

די פּאָעטן פון אַלע אומות פון דער וועלט האָבן אַזויפיל מאָל באַזונגען די מאַמע, און דאָך איז די טעמע נאָך אַלץ ניי, אומבאַרירט.

איז פאַראַן עפּעס אַן אונטערשיד צווישן אַן איטאַליענישער און יידישער מאַמען?

אַלע מאַמעס זיינען אין תוך גענומען ענלעך צו זיך מיט זייערע געפילן. עכטע מענטשלעכע געפילן זיינען אומעטום די זעלבע.

פאַרשידן זיינען נאָר די מאָטיוון, די לידער מיט וועלכע די מאַמעס וויגן איין זייערע עופהלעך.

אַ כינעזישע מאַמע זינגט וועגן רייז־פעלדער, אַן איטאַליענישע מאַמע וועגן העלדן און העלדישקייט, און אַ יידישע מאַמע זינגט וועגן אַ ווייס ציגעלע...

דער בוכהאַלטער

אַזויפיל בוכהאַלטערס און בוכהאַלטערלעך טרעפט מען היינט. בוכהאַלטעריע איז געוואָרן זייער אַ פּאָפּולערע זאַך. אַמאָל איז בוכהאַלטעריע געווען אַ חכמה, שיעור נישט אַ קונסט־זאַך, און היינט איז דאָס אַ וואָכעדיקער ענין.

די בוכהאַלטעריע וואָס איז אַמאָל געווען אַן עבודה, איז פאַרוועלטלעכט געוואָרן. פאַראַן היינט אַן איבערפּראָדוקציע פון בוכהאַלטערס. די אַקאַדעמיעס לאָזן ארויס צוויי מאָל דורכן יאָר גאַנצע מחנות מיט דיפּלאָמירטע בוכהאַלטערס — „קאָנטאַדאָרן".

אַ ביליקע זאַך געוואָרן די בוכהאַלטעריע. הערט נאָר, אַפילו דורך קאָרעספּאָנדענץ קען מען זיך היינט אויסלערנען צו קענען אומגיין מיט ציפערן, די חכמה פון בוכהאַלטעריע.

און דאָס איז אַזוי נישט נאָר מיט בוכהאַלטעריע, נאָר מיט אַ סך חשובע פאַכן. מען קען היינט טרעפן אויך גענעראַלן און פירער פון פעלקער, וואָס האָבן זיך איינגעשאַפט זייער חכמה דורך קאָרעספּאָנדענץ...

די פאַכן בכלל ווערן פאַרביליקט, פאַרלירן זייער אַמאָליקע חשיבות, ווען אַ פאַך איז געווען פאַרבונדן מיט טראַדיציע פון דורות.

ווייל בנוגע אַ פאַך איז דאָך נישט וויכטיק נאָר דאָס בלויזע קענען, דאָס אויסלערנען זיך די מלאכה. נישט פון קלענערער וויכטיקייט איז דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, די אייגנאַרטיקע פּסיכאָלאָגישע אַטמאָספער ארום יעדן פאַך.

אַ גוטער פאַכמאַן איז דער וואָס האָט זיך צונויפגעוואַקסן מיט זיין פאַך. אַ פאַך איז נישט נאָר אַ מיטל צו קענען מאַכן אַ לעבן, נאָר איז דאָס גלאָז דורך וועלכן מען זעט דעם גאַנצן ארום, די גאַנצע וועלט.

רעדנדיק וועגן אַ בוכהאַלטער דאַרף ער נישט נאָר פאַרשטיין אין

חשבונות, נאָר ער דאַרף אויך קענען מעסטן די וועלט מיט זיינע ציפערן, לויט זיינע בוכהאַלטערישע השגות און מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן...

אַזוי אָפּט הערט מען רעדן וועגן ליבע צו אַ פאַך. ווי אַזוי אָבער קען מען ליב באַקומען אַ פאַך, וואָס מען האָט זיך עס אויסגעלערנט דורך קאָרעספּאָנדענץ, אויף איין פוס?

* * *

שוין אין זיין אויסערלעכן אויסזען פון דעם דיפּלאָמירטן „קאָנטאָ־דאָר" איז נישטאָ גאָרנישט וואָס זאָל מיט עפּעס אָנדייטן, וואָס זאָל מיט עפּעס אַ וואונק געבן וועגן זיין פּראָפעסיע.

ווער וואָלט זיך דאָס אַמאָל פאָרגעשטעלט אַ בוכהאַלטער אָן ברילן, און נישט סתם אַזוי ברילן, נאָר טאַקע מיט דיקע, געשליפענע אויגן־גלעזער.

אַמאָל איז געווען אַ טראַדיציע, ממש, אַז אַ בוכהאַלטער פלעגט מוזן זיין קורצזיכטיק. זיין קורצזיכטיקייט פלעגט זיין אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געמוזט גוט־גוט איינלייגן דעם קאָפּ אין די ביכער אַריין, כדי צו דערזען דאָרט עפּעס.

די קורצזיכטיקייט איז געוואָרן פאַרן בוכהאַלטער אַ מין קוואַליפי־קאַציע, פונקט ווי אַ מעדאַל איז אַ גוטע קוואַליפיקאַציע פאַר אַ גענעראַל.

אַ קורצזיכטיקער, אַמאָליקער בוכהאַלטער איז שוין טאַקע אויך גע־ווען אַ גוטער פאַכמאַן, ווייל אַ טריט אַרויס פון זיינע ביכער האָט ער גאָרנישט געזען, מיט לייב און לעבן איז ער געווען איינגעטאָן אין די ביכער און די חשבונות.

און נאָך אַ שטריך וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן אַמאָ־ליקן בוכהאַלטער, און פון וועלכן עס איז ביים היינטיקן „קאָנטאָדאָר", ביים היינטיקן צייל־מייסטער, קיין שפּור נישטאָ.

דער אַמאָליקער, דער קלאַסישער בוכהאַלטער האָט נישט געהאַט קיין חוש פאַר סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. פון גריבלען זיך כסדר אין פרעמדע חשבונות, איז דער רייץ זיינער פאַר געלט פאַרטעמפּט געוואָרן. דאָס מטפּל זיין זיך כּסדר מיט מיליאָנען, דווקא דאָס אַריינקוקן שטענ־דיק אין לעצטן סך־הכּל פון די פאַרדינסטן — האָט אָפּגעשוואַכט זיין רייץ פאַר געלט, פאַר גרויסע רווחים.

די ציפערן האָבן מיט דער צייט פאַרלוירן פאַרן בוכהאַלטער זייער־

לעבעדיקן, פליישיקן באדיים און זיינען געווארן הוילע אבסטראקטקייט, הוילע רוחניות...

דאס אלץ איז געווען אמאל. די היינטיקע בוכהאלטערס האבן פאר־לוירן זייער קורציזכטיקייט און זיי האבן אנגעהויבן זען וואס עס טוט זיך אויך מחוץ פון די גראב־בייכיקע ביכער. די טויטע ציפערן זיינען מער נישט פאר א היינטצייטיקן מאדערניזירטן און מעכאניזירטן „קאנ־טאדאר" קיין אבסטראקטע צייכנס.

פון הינטער די גלייכשורהדיקע פאזיציעס פון נולן באהאלטן זיך, ווינקן ארוים צו זיי לעבעדיקע מענטשלעכע רייצן...

* * *

אבער מיט דעם אלעם איז די בוכהאלטעריע און אויך די בוכהאל־טערס טשיקאווע מענטשן. ווי פארבלאנדזשעטע עכאס באגעגנט מען נאך עכטע קלאסישע פארשטייער פון דער פראפעסיע.

איינעם אזא האב איך באגעגנט צווישן די דייטש־אידישע פליטים. א סך יארן איז ער געווען א בוכהאלטער אין ראטשילדס באנק אין ווין. זיינען געקומען די נאציס און אים ארויסגעטריבן א בלויזן, א פאראָרימ־טן. איז ער אביסל צייט געשטאנען מיט די דיקע פארלאפענע אויגן־גלעזער א צעטומלטער און האט נישט פארשטאנען גענוי וואס עס געשעט. דא מוז זיין עפעס א טעות אין א פאזיציע — האט ער זיך דאס פאר־טייטשט אויף זיין שטייגער...

דערנאך האט ער ארפגענומען די דיקע אויגן־גלעזער, זיי אויסגעריבן מיטן לעדערל וואס ער טראגט ביי זיך שטענדיק אין וועסטל־קעשענע און געזאגט: יא, דא איז עפעס א טעות אין חשבון...

און נאך לאנגע וואנדערונגען איז ער אנגעקומען אהער, צו אונדזע־רע ברעגן. אייגנטלעך וואס איז אים דען דער אונטערשיד וואו ער גע־פינט זיך, אז ער זעט סיי ווי נישט וואס עס טוט זיך מחוץ פון די ביכער...

זיצט ער דא איצט דער קלאסישער בוכהאלטער מיט א שמייכל אי־בער די ביכער, א גוטמוטיקער. אים איז ווירקלעך אלצאיינס וואו ער זיצט און פירט דעם חשבון. אומעטום זיינען די ציפערן די זעלבע, מיט די זעלבע אייגנשאפטן.

עס איז א פרייד צו קוקן אויף אים, מיט וויפל געמיטלעכקייט און

אינערלעכע רואיקייט ער זיצט פאַרטיפט אין די לאַנגע קאָלומס ציפערן און זוכט צונויפגיסן זיי אין איין סך־הכל.

ער איז פון די געציילטע ווירדיקע פאַרשטייער וואָס זיינען נאָך געבליבן אין דער פראָפעסיע, פון די וואָס אידענטיפיצירן זיך מיט די ציפערן. א טריט ארויס פון די ביכער זיינע, זעט ער נישט וואָס עס קומט פאָר און נישט עס אינטערעסירט אים. די ציפערן זיינען זיין וועלט.

נאָר פירנדיק אזוי פיל חשבונות, אזוי פיל רובריקן און קאָנטאָס — פאַרגעסט ער דערווייל אין זיין אייגענעם חשבון. ער האָט זיך אויפגעלייזט אין די ציפערן.

* * *

נאָר טשיקאַווע מענטשן זיינען זיי די בוכהאַלטערס. דער חשבון איז לאַנג שוין געענדיקט און ער האַלט נאָך אין וואַקסן, אָבער אים, דעם בוכהאַלטער, גייט דאָס גאָרנישט אָן.

דעם בוכהאַלטער איז לגמרי נישט וויכטיק, צו די בעלי־חובות וועלן באַצאָלן דעם חוב אָדער נישט. זיין עבודה איז צו פאַרשרייבן און געדענקען דעם חוב. צו יעדער מינוט איז ער אייך גרייט אונטערצוטראָגן דעם סך־הכל.

מ׳קאָן אמאָל טרעפן א בוכהאַלטער זייער א צערודערטן און צעטראָגענעם. וואָס איז געשען? זיינען אים עטלעכע שיפן אונטערגעגאַנגען? ניין. עס פעלן אים נאָר 5 סענט צום באַלאַנס, צום סך־הכל.

גאַנצע מחנות זע איך זיי, די פלינקע רעכן־מייסטערס מיט די פאַרשפיצטע בלייערס הינטער די אויערן, גרייט א שווים צו טון אין דעם ים פון ציפערן, גרייט צו באַדעקן די לאַנגע זייטן פון די געשטעמפלטע ביכער מיט ציפערן, און מערער נאָך — מיט נולן.

אָ, זיי זיינען גרייט די גאַנצע וועלט צו פאַרנישטעווען, צו פאַרנולעווען... זיי קוקן מסתמא אויף דער קיילעכדיקייט פון ערד־קוגל אויך ווי אויף א גרויסע, גרויסע נול...

* * *

און נישט אזוי די בוכהאַלטעריע ווי די דאָפּלטע בוכהאַלטעריע. אזוי פיל מענטשן פירן היינט א דאָפּלטע בוכהאַלטעריע!

אזוי פיל מענטשן פאַרשטייען היינט צו דערליידיקן זייערע ענינים לויטן סיסטעם פון דאָפּלטער בוכהאַלטעריע...

דאָפּלטע בוכהאַלטעריע מיינט פּשוט פירן דאָפּלטע חשבונות, צוויי פּנימדיק. דאָס איז די קונסט פון טראָגן אויפן פּנים אַ מילד שמייכעלע, בשעת מען איז אָנגעזאָפּט מיט גיפט.

ווער קאָן היינט אויסקומען אָן דאָפּלטע בוכהאַלטעריע? עס באַנוצט זיך מיט דעם סיסטעם דער אַלמאַסענעראָ און דער מיניסטער, דער הויז־וועכטער און דער באַנקיר.

די דאָפּלטע בוכהאַלטעריע רעגירט היינט אין די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש און אויך אין די באַציאונגען צווישן פאָלק און פאָלק. נאָר דאָ רופט מען עס מיט אַ שיין־קלינגענדיקן נאָמען:

דיפּלאָמאַטיע.

* * *

לויטן שכל דאַרפן מיר יידן זיין גלענצנדע רעכן־מייסטער. און דאָס איז טאַקע אמת. ווער קאָן זיך פאַרמעסטן מיט אַ יידן אין חשבון?

יעדער ייד איז אַ רעכן־מייסטער אפילו אָן בוכהאַלטעריע. יידן ווי דער שטייגער איז פלעגן קוקן אויף חכמת הבוכהאַלטעריע מיט אַ שמייכל, מיט ביטול.

צו וואָס באַשרייבן, באַטיטלען אזוי פיל פּאַפּירן און ביכער — פלעגן יידן טענהן — אַז דער גאַנצער חשבון איז אַ פּשוטער, אַן אויבן־אויפיקער און לאָזט זיך באַרעכענען מיט אַ שטיקל קרייד אויפן טיש...

און צו וואָס בכלל דאָס חשבונען, אַז אין דער אונטערשטער שורה בלייבט סיי ווי גאָרנישט?

צו וואָס און נאָכוואָס די גאַנצע בוכהאַלטעריע, אַז דער לעצטער סך־הכל איז אַן אָרימער, אַ טרויעריקער?...

און הגם יעדער ייד פאַר זיך איז אַ גאַנצער רעכן־מייסטער, זיינען מיר אָבער אַלס פאָלק שלעכטע בעלי־חשבון.

מיר האָבן קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען צו ציען די ריכטיקע מסקנות פון די נישט געסילוקטע חובות.

מיר פאַרגעדענקען נישט גענוג גוט געוויסע פּאָזיציעס אין דעם לאַנגן חשבון וואָס מיר האָבן מיט דער וועלט...

דער סאָלדאַט

אין לאַנגע, אומאויפהערלעכע רייען מאַרשירן זיי, מיט די ביקסן, טאָרניסטערס, פולע קוילן־טאַשן און מיט די גאַז־מאַסקעס. אין פולער אויסשטאַטונג מאַרשירן זיי.

די גרויע און איינהייטלעכע מלבושים, האָבן אָפּגעווישט זייערע אינדיווידועלע שפּורן און זיי צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויע, מאָנאָטאָנע מאַסע. די גרויסע, שטאָלענע העלמען באַדעקן זייערע פּנימער מיט שאָטן, מיט ערנסט און טרויער.

די באַראַבאַנען פּויקן, הויך און שטאַרק, אָן אויפהער און פאַרטרייבן יעדן געדאַנק פון די זעלנערישע מוחות. דער שטאַרקער ריטם פון די פּויקן האָט מעכאַניזירט די טריט פון די מאַרשירנדע סאָלדאַטן, וועלכע שפּרייזן ווי אויטאָמאַטישע גולמס, אָן ווילן, אָן מוט.

די זון שיט אירע ברענענדיקע שטראַלן אויף די קאָלאָנעס מאַרשירנדע סאָלדאַטן און פון אונטער די שטאָלענע העלמען קייקלען זיך אָן אויפהער טראָפּנס שוויס, אָבער זיי, די מעכאַניזירטע סאָלדאַטן אין פולער אויסשטאַטונג, פילן דאָס ניט. אַרום און אַרום דעם ערד־קוגל וואָלטן זיי אַזוי געקענט מאַרשירן מיט זייערע באַטשוועקלטע טריט, אָן אָפּרו, אָן שפּייז.

פון אַלע שטיבער איז מען אַרויס באַגעגענען די מאַרשירנדע סאָלדאַטן. מאַמעס באַטראַכטן די דורכמאַרשירנדע סאָלדאַטן מיט רחמנות, מיט שטומען צער און זיי ווישן די טרערן, וואָס פולן אָן זייערע אויגן.

דינסט־מיידלעך באַטראַכטן די רייען דורכמאַרשירנדע סאָלדאַטן מיט האַרץ־קלאַפּעניש. זיי קוקן אויף די סאָלדאַטן, ווי העלדן, וואָס וועלן צוריקקומען פון די שלאַכט־פעלדער נאָכן באַזיגן דעם שונא, מיט פאַרשידנערליי קרייצן און אויסצייכנונגען, אין נייע גוט־געפּאַסטע מונדירן.

ווי שיין עס איז צו שפּאַצירן מיט אַ העלדישן זעלנער אַלס חתן!...

און אַנדערע קוקן אויף די סאָלדאַטן ווי אויף... קרבנות, אומגליקלעכע קרבנות פון אַ קראַנקער וועלט.

און זיי אַליין, די לאַנגע רייען סאָלדאַטן, וואָס טראַכטן זיי וועגן זיך?

דער סאָלדאַט אַליין טראַכט נישט. אַ גוטער סאָלדאַט טאָר גאָר נישט טראַכטן, גלייך ווי עס איז גיט געוואונטשן דאָס טראַכטעניש פאַר אַ גלויביקן און פאַר אַ פאַרליבטן...

די אַרבעט פון טראַכטן, דאָס דאַרף טון פאַרן סאָלדאַט זיין עלצ־טער. ער, דער סאָלדאַט, דאַרף נאָר אין איין איינציקער דאָגמע גע־דענקען:

הרגנען און צעשטערן יענע דאָרטן — דעם שונא!

מעג זיך דאָרט אויף יענער זייט געפינען זיין אייגענער ברודער, זיין קינד, זיין אייגענע מאַמע — זיינען זיי הייגט זיינע שונאים...

אַן אידעאַלער סאָלדאַט איז דער, וואָס טראַכט נישט, אַן אידעאַלער סאָלדאַט איז דער, אין וועמענס וועזן עס האָט אויפגעוואַכט דער דורשט נאָך בלוט, און דאָס געשריי פון וואַלד; דאָס געשריי פון אור־מענטש וואָס צינדט זיינע בלוטן מיט ווילד־זיסע באַגערן:

אויסהאַקן ציינער.

צעשפּאַלטן קעפּ.

אויפרייסן בייכער —

און דערפילן דעם ברי פון הייסע שטראָמען בלוט אויף די הענט...

* * *

ווי אַזוי איז דען געמאָלט, אַז עס זאָלן מיטאָמאָל אויפוואַכן אינס־טינקטן, וואָס דרימלען שוין אַזוי פיל הונדערטער און טויזנטער יאָרן? ווי אַזוי איז געמאָלט, אַז עס זאָלן מיטאַמאָל אויפשטיין תחית המתים אויסגעלאָשענע עכאָס, רעמיניסצענצן ווייטע פון וואַלד און הייל?

אין פאַרלויף פון לאַנגע און לאַנגע דורות האָבן פאָעטן געזונגען דעם מענטשן געזאַנגען פון שיינקייט, געזאַנגען פון דערהויבנקייט און האָבן אים איינגעשלעפערט מיט מעשהלעך צאַרטע און גוטע. מחנות מור־זיקער האָבן געשפּילט פאַרן מענטש אויף כלערליי אינסטרומענטן זייערע אויסגעבישופטע מעלאָדיעס. און טויזנטער ערלעכע פּליכטוואַטע לע־רערם און גייסטלעכע פון אַלע רעליגיעס האָבן באַקומען האַלדז־טרוקע־ניש פון כסדר רעדן צום מענטשן און דערציילן אים וועגן גוטסקייט, וועגן איידלקייט און געטלעכקייט.

און איין־איינציק כישוף־וואָרט — מלחמה — איז גענוג אויף אומ־

צעוואָרפן און צעשטערן די אַרבעט פון דורות, און אַז דער מענטש זאָל זיך אָפּטרייסלען פון דעם באַרג מיט שמות, געזעצן, געוואוינהייטן, שיינקייט, אונטער וועלכע עס האָבן געדרימלט זיינע אור־באַנערן, און ער דערשיינט ווידער פאַר אונדז אַ נאַקעטער, אַ רויער ווי אַמאָל.

ווער האָט דען געזאָלט וויסן, אַז די אַלע אינסטינקטן דרימלען נאָר מיט איין אויג אין דעם מענטשן און זיי שפּיזן און קוקן זיך מיט יעדן אומשולדיק לידל וועגן אַ פּאַן, וועגן העלדישקייט און נצחונות, צו קענען אויפהויבן דעם קאָפּ ביי דער ערשטער געלעגנהייט?...

מיר פירן אַ לעבן פון סתירות, אַ דאָפּלטע בוכהאַלטעריע. מיר וועקן צוטרוי צום מענטשן, און גלייכצייטיק באַפעסטיקן מיר די ריגלען פון אונדזערע טירן. גלייכצייטיק מיט דעם שאַפן שטראָפן פאַר מאָרדן, פּער־פּעקציאָנירן מיר אונדזערע מאָרד־אינסטרומענטן...

אַ סאָלדאַט איז די לעבעדיקע פּאַרקערפּערונג פון אונדזערע סתירות.

איינער פון די סאָלדאַטן איז פון פאַך אַ מויערער. צוויי צענדליק יאָרן האָט ער אַוועקגעגעבן זיין ענערגיע אויפצושטעלן הייזער. איצטער פּלייסט ער זיך צו צעשטערן די הייזער, וואָס ער און אַנדערע פאַך־קאָ־לעגן זיינע האָבן מיט מי אויפגעשטעלט.

איינער פון די סאָלדאַטן איז גאָר אַ צער־בעלי־חיימניק. אויף זיינע זונטיקדיקע נאָכמיטיק־שפּאַצירן אויף פרייער נאַטור, האָט ער זיך גע־היט נישט צו צוטרעטן די מוראַשקעס, וואָס האָבן געוואַנדערט צווישן די גרעזער. און דער זעלביקער צער־בעלי־חיימניק באַמיט זיך איצט פון זיין אָקאָפּע אַרויס, אַז עס זאָל נישט חס ושלום פאַרלוירן גיין קיין איין־אייציקער שאָס פון זיין מאַוזער־ביקס. און נישט אויף מוראַשקעס צי־לעוועט ער, נאָר אויף מענטשן, לעבעדיקע מענטשן — „שונאים“...

פאַרן אַוועקגיין אין דער מלחמה אריין, האָט דער סאָלדאַט געקושט זיין פרוי, געקושט זיין קינד, און ערלעכע מענטשלעכע טרערן האָבן אָנגעפולט זיינען אויגן. און איצטער, אויפן שלאַכטפעלד, שטעלט ער איין זיין לעבן אין סכנה, אַז דער „שונא“ וואָס האָט אויך אַ ווייב מיט אַ קינד, אַז ער זאָל שוין מער קיינמאָל נישט קענען אַהיימקומען...

און קוים איינמאָל אַרויסגערופן די סתירות, איז שווער זיי צו פאַר־גלעטן מיט סתם תירוצים, אָדער מיט אָפּשפּרעכונגען.

אויפגעוואַכטע באַנערן, אויפגעוואַכטע אינסטינקטן זיינען געגליכן צו ספּרוזשינעס. ס'איז זייער גרינג זיי אַרויסצוברענגען פון זייער גלייכ־

געוויכט, דערפאר אבער איז זייער שווער זיי צוריק איינצושפאנען, זיי צוריק איינצופרעסן...

און עס וועט דעריבער זייער שווער זיין פאר דעם סאלדאט, וואס איז א מויערער פון פאך, אז ווען ער זאל שוין אפילו אהיימקומען בשלום פון דער מלחמה, זאל ער זיך ווייטער שטעלן אויף דער רעשטאוואניע און לייגן שורות ציגל אויף דער מויער, מיט דעם זעלבן פלייס, ווי ער האט דאס אמאל געטון...

און נאך דאפלט שווערער וועט עס זיין פאר דעם צער־בעלי־חיימניק...

אין דער מלחמה ווערן צעשטערט נישט נאר פיזישע, נאר אויך גייס־טיקע ווערטן, וועלכע זיינען א סך שווערער צו רעסטאורירן ווי די חרובע שטעט...

* * *

ס'איז א ליגן, אז דער סאלדאט שרעקט זיך פארן טויט. אויף דעם שלאכטפעלד איז דער טויט נישט דאס ערגסטע און נישט דאס פיינלעכ־סטע. דער סאלדאט האט זיך פולקאם פאמיליאריזירט מיטן טויט. ער אליין איז געווארן די סיבה פון טויט פאר אנדערע.

פון הינטער יעדן בוים און בערגל, לויערט דער טויט אויפן סאל־דאט. אויב שרעקן זיך וואלטן אלע סאלדאטן פוןביידע לאגערן גע־שטארבן אויף די שלאכטפעלדער פון... שרעק, און עס וואלט קיינער ניט געבליבן, וואס זאל אויסשיסן צומאל איין שאס.

ס'איז א סך מילדער פאר א סאלדאט איבערצוטראגן די שטארק־סטע אויפרייסן, ווי דאס שטילשוויגן צווישן איין שאס און דעם צווייטן. ס'איז א סך גרינגער פאר א סאלדאט אויפצונעמען דעם שאס, ווי דאס דערווארטן אים.

בכלל איז שיסן אויפן שטלאכטפעלד נישט קיין פרואוו פון ראטע־ווען זיך און אוודאי נישט קיין ווילן צו באווייזן העלדישקייט. שיסן איז פארן סאלדאט א צייט־פארטרייב, א מיטל צו ראטעווען זיינע נערוון פון אנגעצויגנקייט, פון משוגעת.

שיסט ער און ער באווייזט „העלדישקייטן”. ער איז גרייט זיך אליין צו דערשיסן אויב דאס איז נויטיק. אבער נישט ער טוט דאס צוליב דעם אז מען זאל דערמאנען זיין נאמען אלס העלד.

אויב דער סאלדאט האט אמאל א באגער צו ווערן א העלד, איז עס

אין צייטן פון שלום, אבער נישט, ווען ער געפינט זיך אויפן שלאכטפעלד. אין דער אטמאספער פון שלאכטפעלד קאן אפילו דער גרעסטער פחדן פארוואנדלט ווערן אין א העלד.

פון צייט צו צייט טויכן אויף אין דעם סאלדאטס זכרון בילדער פון זיין אמאליקן פרידלעכן לעבן. ווי ווייטע רעפלעקסן קומען זיי, די בילדער, פון א ווייטער און פארגאנגענער וועלט, א וועלט, צו וועלכער ער וועט זיך שוין קיינמאל נישט צוריקקערן, אפילו ווען דאס גליק וועט אים צושפילן און זיין בויך וועט נישט אויפגעריסן ווערן פון א באמבע...

עס טרעפט, אז דער סאלדאט אין א רעגנדיקער נאכט, דערזעט פון זיין קבר, פון זיין אקאפע ארויס, צווישן איין שאס און דעם צווייטן, ווי עס טויכט־אויף און שוועבט אין דעם פינצטערן, וויינענדיקן חלל, דאס געשטאלט פון א מאמע, וואס רייסט זיך די האר און קלאגט אין דער פארברענטער, חרובער וויסטעניש אריין. ווער איז זי, די מאמע?

ס'איז דאס וואכע נאך געוויסן, וואס וואיעט ווי א פארוואונדעטער הונט אויף די חורבות פון א ברענענדיקער וועלט.

אבער דעם פעלדפעבלס באפעל: פייער! — מאכט צונישט און פארטרייבט די אלע וויזיעס און זעענישן.

* * *

א סאלדאט איז א מענטש אן אן אייגענעם ווילן, וואס טוט אלץ אויף א צווייטנס באפעל. עס קומט דאך אויס, אז אין דער מלחמה שלאגן זיך נישט קיין מענטשן, נאר גולמס, באשעפענישן אן אייגענע ווילנס...

פרעגט איינעם פון די מארשירנדיקע סאלדאטן וואוהין ער מארשירט — וועט ער אייך נישט וויסן וואס צו ענטפערן.

און אייגנטלעך דארף ער דאס גאר נישט וויסן. איז דען ניט דעם סאלדאט אלצאיינס וואו ער וועט פאלן, אויף מזרח, מערב אדער גאר אויפן צפון־פראנט? איין זאך איז קלאר, אז קיין גאנצער וועט ער נישט צוריקקומען, אפילו ווען ער וועט בלייבן לעבן...

א סאלדאט איז א לעבעדיקער באווייז ווי ווייט מען קען חרוב מאכן א מענטשן מיטן כוח פון באפעל, מיטן כוח פון היפנאז. די באגריפן פון לעבנס־רוים, עקאנאמישע אינטערעסן, העגעמאניע איבערן קאנטינענט — דאס זיינען נאר צוגעטראכטע איינשלעפערדיקע שפרוכן...

און זעלטן, זעלטן, אז א סאלדאט זאל צוריק באקומען זיין ווילן, אפילו ווען די שפורן און די ווירקונג פון היפנאז האבן שוין אויפגעהערט. מלחמה קען אויך זיין א „דערנענטערונג" צווישן טאטעס און קינ־

דער. עס קען טרעפן, אז סאָלדאַטן געפאַלענע אין דער איצטיקער מלחמה, זאָלן באַערדיקט ווערן בשכנות פון די קברים פון זייערע טאַטעס, וואָס זיינען געפאַלן אין דער פריערדיקער מלחמה...

עס איז וואונדערלעך געמיינזאַם טראַגיש דער גורל פון טאַטעס און קינדער, פון מענטשלעכע דורות...

די בערג געפאַלענע סאָלדאַטן־קערפּערס, וואָס פוילן, פאַרפּעסטען די לופט מיט באַקטעריעס, מיט עפּידעמיעס, דאָס זיינען די אַזוי גערופענע מלחמה־נאָכווייעניישן.

די זעלבע פוילנדע סאָלדאַטן־קערפּערס ווירקן אָבער אויך ווי אַ דעזינפעקציע אויף אונדזער מענטאַליטעט. נאָך אַ מלחמה הויבן אָן בלאָזן נייע,פרישע און מילדע ווינטן...

און דאָס איז דעם סאָלדאַטס גרעסטער פאַרדינסט, זיין העלדיש־קייט, און דאָס איז אויך אַ טרייסט, אפשר די איינציקע פאַרגיטיקונג פאַר זיין יונג־פאַרשניטן לעבן.

דער יידישער לערער

„פאר די צוואנציק יאר מיינע אלס יידישער לערער, האב איך א פופציק מאל חרוב געמאכט דאס בית־המקדש און פארטריבן די יידן פון זייער לאנד... און איצט ליג איך דא אליין א פארטריבענער און א חרובער..."

אזוי האט ער אנגעהויבן דאס געשפרעך.

צווישן זיין פנים און דעם קישן אויף וועלכן ער איז געלעגן, איז אנגעגאנגען א שטילע קאנקורענץ, א געוועט — ווער ס'וועט וועמען איבעריאגן אין בלייכקייט... און דעם לערערס פנים איז ארויס דער זיגער. זיין קראנק פנים איז א סך, א סך בלייכער געווען.

ס'איז געווען אזא צער צוקוקן אויף דעם מענטשן, וואס האט אפגעשפארט פון א גאנצן לעבן ארבעט — א רייכע פארציע נעווראסטעניע און א סך טויזנטער קאך־באצילן אין די לונגען.

די קראנקן־שוועסטער איז צוגעקומען צו זיין בעטל און געמאכט אים אן איינשפריצונג.

ער האט זיך געקלאגט אויפן קאפ.

— עס טוט אייך וויי דער קאפ?

— ניין. כ'פיל נאר אזא הוילקייט, אזא פוסטקייט אינעווייניק, גלייך ווי א קלאס נאכן אהיימגיין פון די קינדער...

— ס'איז אביסל נערוועאישקייט, מיין פריינט. איר טארט זיך נישט אויפרעגן און נישט אנשטרענגען — האט די קראנקן־שוועסטער געזאגט און איז אוועק צו א צווייט בעטל.

„זאל זיין אזוי ווי זיי רופן דאס: נערוועאישקייט. איך אבער רוף דאס הוילקייט, פוסטקייט. איר וועט מיך אפשר פארשטיין פארוואס. טאג־איין, טאג־אויס געהאלטן אין איין אויסליידיקן זיך, און איבערגיסן זיך אין אנדערע ווענס, אין לעבנס אויפגייענדע. נאך מיינע צוואנציק יאר שול־ארבעט, פיל איך זיך ווי אן אויסגעליידיקט פלעשל טינט... אדער ווי אן אפגעמעקטער טאוול..."

— אָבער איר טאָרט זיך נישט אָנשטרענגען, מיין פריינט — האָב איך אים איינגעשטילט.

ער האָט זיך נישט געלאָזט. מיט דער האַנט האָט ער געמאַכט אַ ביטול־באַוועגונג און ווייטער גערעדט:

„נו איך רו דאָך, איך אַרבעט דאָך נישט. ס'איז דאָך איצט פּויזע ביי מיר, וואַקאַציעס... קראַנק זיין, דאָס איז דעם יידישן לערערס פּענ־סיאָנירונג... עפּעס וויל זיך אַזוי אַ שמועס טון וועגן דעם אַלעם. אַ גאַנצן לעבן געגעבן צו פאַרשטיין אַנדערע, וויל איך היינט מיר אַליין קלאָר מאַכן געוויסע זאַכן. און עס איז נויטיק זיך קלאָר צו מאַכן, איידער עס קומט דער קלונג, איידער די לעקציע ענדיקט זיך... אַן אַנדערער אין דעם עלטער מיינעם פון פיר און פערציק יאָר, האַלט ערשט כמעט נאָך ביים אָנהויב, און פאַר אַ לערער איז דאָס שוין דער באַרג־אַראָפּ."

ווידער האָב איך געוואָלט אָפּווענדן דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכ־טונג, אָבער ער האָט מיך איינגאַנצן נישט געלאָזט קומען צום וואָרט.

„און מיינט נישט אַז איך מיין דאָ צו קלאָגן, פּיעשטשען זיך פאַר אייך. אין אַנדערע באַדינגונגען וואָלט איך אפשר געוואָרן אַ גענעראַל, אָדער איך וואָלט אויסגעזוכט עפּעס אַ טעריטאָריע, וואו צו קאָלאָניזירן עטלעכע מיליאָנען אידן... וואָלט איך מיין ענערגיע אַלצאיינס געפּטרט אויף גאָרנישט. נאָר ליגנדיק דאָ אויפן שפּיטאָל־בעטל, איז מיר קלאָר גע־וואָרן עפּעס אַזעלכעס, וואָס פאַרשאַפט מיר פּיין."

— וואָס אַזעלכעס?

„אַז אייגנטלעך בין איך גאָר קיין לערער נישט געווען. די טאַטעס פון די קינדער האָבן, ווייזט מיר אויס, מיר געצאָלט, נישט פאַר מיין לערנען, נאָר אַז די קינדער זאָלן האָבן וועמען פיינט צו האָבן... זיי האָבן מיך געדונגען איך זאָל פירן אַ מלחמה פאַר זיי, פאַר די טאַטעס און מאַמעס — אַ מלחמה קעגן דעם קינדס פרייהייט. זיי האָבן מיך געדונ־גען, אַז איך זאָל צווינגען דאָס קינד, דרעסירן אים, אָנבינדן אים פּענ־טעס, אָנהענגען שווערע געוויכטער, „מ'טאָר נישט'ס" צו זיין יונגן און איידעלן האַלדז. און כדי צו פאַרדינען זיך דעם טיטל פון אַ גוטן לערער, האָב איך אַרויפגעצויגן אויף מיין פּנים אַ מאַסקע פון אַן ערנסטן און שטרענגען שונא און כ'האָב זיך געפּלייסט צו דערציילן די קינדער פון זאַכן וואָס אינטערעסירן זיי נישט. ווי אַן עהרלעכער און געוויסנהאַפטער קעמפער האָב איך זיך געפּלייסט צו פאַרנודען און פאַרטעמפּן דעם שונא און די פליגלען אים אונטערהאַקן."

— האָט איר זיך כאָטש דערדינט צו דעם טיטל פון אַ גוטן לערער פאַר אייערע לייסטונגען?

„וואָס פאַלט אייך איין! ערשט דאָ אויפן שפּיטאָל־בעטל בין איך נעװאָרן אַ גוטער און אידעאַלער לערער. אַ גוטער לערער נאָך זייער מיינונג איז דער, וואָס ווערט קראַנק, וואָס שפּייט מיט בלוט... גלייך ווי אַ העלדישער זעלנער איז דער וואָס פאַלט אָדער ווערט פאַרוואונדעט אויפן שלאַכט־פעלד. און נאָר שפּייען מיט בלוט! אַנדערע שלאַפקייטן ווערן ביי אַ לערער נישט גענומען אין אַכט. און איך האָב געהאַט דאָס אומגליק נישט צו שפּייען מיט בלוט די גאַנצע צייט, ביז לעצטנס... גוטע, געזונטע לונגען געירשנט פון מיינע עלטערן. און דער געדאַנק איז מיר אַזוי פיינלעך. כ'האָב געחלומט אמאָל צו ווערן אַ לערער, און געוואָרן בין איך אַ צוימער, אַ תליון, אַן אָביעקט פון שנאה...”

איך האָב זיך גענומען אויפשטעלן און געזאָגט:

— מיין ליבער פריינט, איר טאָרט זיך נישט אויפרעגן. אויך מיין שוואַך האַרץ דערלויבט מיר ניט אויסצוהערן חשבון הנפש און ווידוים.

ערשט איצט האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין רעדן פון עפּעס אַנדערש.

„כ'וועל שמועסן מיט אייך וועגן וואָס איר ווילט, נאָר נישט וועגן די לערערישע נאַרישקייטן מיינע, צוליב וועלכע איך האָב מיין לעבן געפּטרט. פון פּאָליטיק וועלן מיר רעדן — האָט ער איראָניש געזאָגט — פון וועלט־פּאָליטיק. גוט? אָבער אַ לערער וואָס ער זאָל נישט טון און וועגן וואָס ער זאָל נישט רעדן, בלייבט ער אַלץ אַ לערער. אין יעדער באַוועגונג זיינער וועט איר דערקענען דעם לערער.”

— אין וואָס אַ שטייגער?

„אין וואָס נישט? — האָט ער אויסגעטון דיברילן זיינע און נעגומען זיי פּוצן, רייבן, אפשר צום צענטן מאָל שוין — אַ לערער רעדט אַזוי מיט אַ מענטשן, גלייך ער וואָלט גערעדט צו אַ קלאַס פון פּערציק קינדער. אַ לערער רעדט נישט, נאָר ער גיט צו פאַרשטיין...

„אַ לערער שמועסט מיט אייך, און גלייכצייטיק קוקט ער אויף אייך פול מיט חשד, צי איר הערט אים. זיין בליק זוכט שטענדיק צו פּאַקן דעם שילער, וואָס קנייטשט גאָר אוים אונטער דער באַנק אַ פּאַפּירן שיפל בשעת דער לעקציע...

„אַ לערער האָט אַ חוש פאַר צייט. ער וועט אייך זאָגן אויף אויסנווייניק וויפל ס'איז דער זייגער און ער וועט זיך זעלטן טועה זיין. אַ

לערער לעבט כסדר אין א ריטם פון 45־מינוטיקע לעקציעס...

„א לערער באציט זיך מיט מורא און חשד צו יעדן אומבאקאנטן מענטשן, גלייך ווי צו א נייעם שילער וואס מ'האט אים ערשט געבראכט אין שול אריין.

„א לערער טיילט איין מענטשן, נישט אויף קיין רייכע און ארימע, נישט אויף קיין פארדארבענע און עהרלעכע, נישט אויף קיין געזונטע און קראנקע, נאר — אויף שטילע און טומלדיקע...״

כ'האב אים נישט געפרואווט אפּוועגדן פון זיינע באהויפּטונגען, כדי אים נישט צו פּראוואצירן. ער האט נאך אלץ געהאלטן אין איין פוצן זיך די ברילן און געשמייכלט צו מיר מיט א מיד און סארקאסטיש שמייכעלע, גלייך ער וואלט געוואלט נקמה נעמען אין זיך זעלבסט...

כ'האב גענומען די טאג־צייטונג וואס איז געלעגן אויף זיין בעטל און גענומען בלעטערן.

— וואס זאגט איר עפּעס צו די געשעענישן אויף דער וועלט? דא אין דער רואיקייט פון שפּיטאל איז פאראן גענוג צייט צו באנעמען דאס אלץ.

„איך טראכט אפט וועגן דעם. די שפּראך פון די פּאשיסטישע לענדער איז אזא אפענע און קלארע, זייערע שטרעבונגען זיינען אזעלכע דרייסטע און חוצפּהדיקע, אז ס'איז גארנישט פאראן וואס אויפצוקלערן. אלץ איז דא אזוי קלאר. די פּאשיסטישע לענדער האבן א נויגונג אלץ צו ס׳מפּליפיצירן.״

— איך פארשטיי נישט וואס איר מיינט דערמיט צו זאגן.

„באלד וועט איר מיך פארשטיין. די פּאשיסטישע לענדער, ווייזט אויס, זיינען נאר אויסן צו פארגרינגערן דעם קינד אין געוויסע למודים. נעמט דעם למוד פון געאגראפיע. אזוי פיל נעמען פון פעלקער און לענדער. האבן זיי אנגעהויבן אויסצושטרייכן נעמען פון דער מאפּע. זיי האבן שוין אויסגעשטראכן עטאפּיע, עסטרייך, גאנצע טיילן פון כינע. איצט טוען זיי דאס זעלבע מיט טשעכאסלאוואקיע, מיט דאנציק, מיט פּוילן און מיט אנדערע לענדער. אין תוך זיינען זיי נישט אויסן מער, ווי צו פארגרינגערן דעם קינד...״

איך האב אים איבערגעריסן און געזאגט:

— דאס אלטע פאלקס־ווערטל, אז א מלמד בלייבט א מלמד, אפילו אין מרחץ... איז נאך אלץ אמת.

„נו זיכער — האט ער פארגעזעצט — ס'איז שווער ארויסצוקריכן

פון דער אייגענער הויט. יעדער איינער זעט און באַנעמט די וועלט מיט די מענטשן פון זיין ווינקל אַרויס. אַז איך לייען די געשעענישן פון דער וועלט איז מיר שווער צו באַפרייען זיך פון דעם איינדרוק, אַז דאָס זיינען נאָר אייגנטלעך געוויינלעכע שול־פּאַסירונגען. עטלעכע טומלענדיקע גאַסן־יינגלעך האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אויפן שול־הויף און זיי טומלען, קערן אַלץ איבער און צעברעכן, צעטרעטן, צעשלאָגן און צעבלוטיקן אַלעמען. און דער לערער איז נישטאָ, ער וועט מסתמא באַלד קומען. מיט איין שטאַרקן קלאַפּ אין טיש אריין וואָלט דער לערער אַלעמען באַרואיקט. ער וואָלט די אויערן אָנגעדרייט און איבער די הענט זיי געגעבן. אָבער דער לערער ווייזט זיך נישט, ער קומט נישט. און דער שול־הויף ווערט דער־ווייל פאַרגאָסן מיט בלוט...

„די וועלט, מיין פריינט, איז געגליכן צו אַ שול־הויף..."

איך האָב אים ווידער איבערגעריסן:

— אַט זענט איר שוין צוריק ביי זיך אינדערהיים, ווידער אין שול.

אָבער ער האָט מיך איננאַנצן נישט געהערט און ווייטער גערעדט אין עקסטאַז:

„און איך זאָג אייך, אַז דער לערער וועט קומען! נאָר דער לערער וועט זיי קענען איינשטילן און מאַכן אָרדענונג. ס'איז שווער אַז די וועלט זאָל אויסקומען אָן אַ לערער..."

פון זיינע קרענקלעכע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט צוויי פלעמלעך, ווי צוויי נר־תמידס — — —

דער זייגער־מאַכער

אין מיין געגנט וואוינט אַ זייגערמאַכער. ווען איך גיי פאַרביי זיין פענצטער, זע איך אים ווי ער זיצט איינגעבויגן איבער זיין טישל, מיטן שפּאַקטיוול אויפן אויג און קוקט אַריין אין דעם געווערק פון אַ זייגערל.

אָבער יעדעס מאָל, ווען איך זע אים ביי דער אַרבעט, ליד איך אַן אַנטוישונג. לויט מיינע באַגריפן וואָס איך האָב וועגן זייגערמאַכערס, פּאַסט ער זיך גאָרנישט צו דער אַרבעט. און מיר ווייזט זיך נאָר אויס, אַז מיט דעם מענטשן איז געשען עפּעס אַ טעות; דורך אַן איראָניע אָדער דורך איינעמס קאַפּריז, איז דער מענטש געוואָרן אַ זייגערמאַכער.

דער פאַל באַווייזט, ווי שטאַרק די סביבה וואו מען וואַקסט אויס, ווירקט אויף אונדזער באַוואוסטזיין און כאַראַקטער. אין די קינדער־יאָרן שאַפּט זיך איין יעדער פון אונדז די הויפּט־באַגריפן וועגן מענטש און געזעלשאַפט. די דאָזיקע באַגריפן קענען נאָר מיט דער צייט אויסגעברייטערט ווערן, אָבער פאַרבייטן זיי אויף אַנדערע, איז ביז גאָר שווער, אָדער אפשר אוממעגלעך.

און פאַרוואָס, מיינט איר, געפעלט מיר נישט דער מענטש אַלס זייגערמאַכער?

נאָר דערפאַר ווייל דער זייגערמאַכער פון אונדזער שטעטל איז געווען אַ נידעריקער, כמעט אַ קליינינקער, און ביי מיר האָט זיך איינגעוואָרצלט אַ באַגריף, אַז אַלע זייגערמאַכערס מוזן זיין קליינגעוויקסיקע, אַזוי ווי ס׳איז געווען אונדזער זייגערמאַכער.

און דער באַגריף האָט מיט דער צייט באַקומען זיינע לאָגישע און פּסיכאָלאָגישע באַרעכטיקונגען.

ווי איז דען אַנדערש געמאָלט? אַ מענטש וואָס האָט צו טון מיט אַזעלכע מיניאַטור רעדלעך, מוז אַליין אויך זיין אַ מענטש אין מיניאַטור. אין אַ גרויסער, צעוואַקסענער האַנט וואָלטן די אַלע טיילעכלעך, דאַכט זיך, פאַרפאַלן און צעריבן געוואָרן...

און דער אמת איז, אַז זייגערמאַכערס זיינען מערסטנס טאַקע קליין־געוויקסיקע.

פאַרוואָס?

זיכער נישט דערפאַר וואָס זיי ווילן זיך צופּאַסן צום זייגערמאַכער פון מיין שטעטל, נאָר ווייל אַלס קליינגעוויקסיקע פילן זיי עפּעס אַ נאָענטקייט צו דער שטילער און באַשיידענער ארבעט.

פאַראַן אַ משפּחה־בונד, אַ פּסיכאָלאָגישער צוזאַמענהאַנג צווישן זייגערמאַכעריי און קליין געוויקסיקייט.

קליינגעוויקסיקע האָבן, גלייך ווי רייכע און אָרימע, זייער אייגענע פּסיכאָלאָגיע. דער קליינער מענטש פילט זיך — באַרעכטיקט, צי אומבאַרעכטיקט — אַביסל באַעוולהט פון דער נאַטור.

קליינגעוויקסיקע מענטשן זיינען צוריקגעצויגענע, באַשיידענע און קאָנצענטרירטע, מיט געמאָסטענע באַוועגונגען און זשעסטן. און דאָס זיינען טאַקע די וויכטיקסטע מעלות, וואָס פאָדערן זיך צו ווערן אַ גוטער זייגערמאַכער...

זייגערמאַכעריי פאַרטראָגט נישט קיין האַסטיקע באַוועגונגען, נישט קיין איבעריקע זשעסטיקולאַציעס, נישט קיין געשרייען און אוודאי נישט קיין כוח.

טומלענדיקע און עקסצענטרישע, מיט ברויזנדע טעמפּעראַמענטן געפינט מען נאָר צווישן די הויך־געוואַקסענע. אַלע פּראָפעסיעס און אַלע קאַריערעס זיינען פאַר זיי אָפן.

ס'איז אַן אמת, די הויכגעוויקסיקע האָבן פאַרכאַפּט די וועלט. נאָר זייגערמאַכעריי האָבן זיי פריי געלאָזן, ווייל זיי טויגן נישט ווייזט אוים צו דער דעליקאַטער אַרבעט.

* * *

— טויזנטער סיבות זיינען פאַראַן, — זאָגט דער זייגערמאַכער — אַז דאָס געוועדק פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש זאָל אויפהערן צו פונקציאָנירן, און פאַראַן פונקט אַזויפיל סיבות, אַז אַ זייגערל זאָל זיך אָפּשטעלן.

אַן איידעלע זאַך, זייער אַן איידעלע זאַך אַ זייגערל.

אַ הערעלע, אַ שטויבעלע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם געוועדק אַריין, און דאָס זייגערל איז שוין קיין זייגערל נישט.

און גיט נאָר אַ טראַכט, וויפל שטויב און אומריינקייט ס'איז פאַראַן

אויף דער וועלט, וועט איר ערשט באגרייפן אויף וויפל סכנות א זייגערל איז אויסגעשטעלט...

און וואס עס זאל דעם זייגערל נישט פאסירן, מוז דער זייגערמאכער דאס אויסגעפינען מיט זיין געדולד און אינטואיציע.

א זייגערמאכער מוז האבן מער אינטואיציע, ווי ס'פאדערט זיך צו יעדער אנדערער ארבעט.

„א טאג מיט א נאכט — האט מיר דערציילט אמאל א זייגערמאכער — בין איך געזעסן איבער א פונק־ניי „אנקערל", און כ'האב עס נישט געקאנט מאכן גיין. נאך אמאל עס צענומען, נאך אמאל עס אויסגעפוצט און צוזאמענגעשטעלט, און ווידער אמאל און אבער־אמאל, — עס רירט זיך נישט פון ארט. טויט.

„טא וואס מיינט איר האט געפעלט דעם זייגערל? א גארנישט מיט א גארנישט! א שרייפל איז געווען א קאפעלע צו שטארק צוגעשרויפט. מיט א זעכצענטל רונד צו שטארק."

נו, גיי שפיל זיך מיט א זייגערל! ס'איז א סך קאפריזנער פון א פרוי און איידעלער פון א בלום...

ער איז א קנאפ־רעדער דער זייגערמאכער, א שווייגנדיקער (דער זייגערמאכער פון אונדזער שטעטל איז אויך געווען אזא). קאנצענטרירטע מענטשן רעדן נישט.

ס'איז שוין א סך גרינגער ארויסצובאקומען פון דער וואנט א גלאז וויין, איידער פון אן עכטן זייגערמאכער עטלעכע ווערטער.

עפעס א טיפן סוד, ווייזט מיר אויס, באהאלטן זיי פון אונדז די זייגערמאכערס. זיי, וואס שטייען ביים רודער פון דער צייט, זיי ווייסן דעם באשייד און דעם זין אדער אומזין פון אונזער זיין.

עפעס ווי גרויסע בעלי־תשובהס קוקן זיי אויס די זייגערמאכערס, זיי, וואס שטייען ביים געבורט פון יעדער רגע, לעבן זיי איבער טיפער ווי יעדער איינער דעם צער פון איר אוועקגיין...

פארוואס שווייגן זיי, די זייגערמאכערס?

עס רוט נישט די טיר ביים זייגערמאכער. עס קומט אריין אן אלטער מאן, מיט א ווייסן קאפ האר, און קלאגט זיך:

— גיט א קוק, מיין זייגערל לויפט.

— עס לויפט... — זאגט נאך דער זייגערמאכער מיט עפעס א מיין.

עס קומט אריין א יינגל, מיט קוים אנזעבארע האר־וואָרצלען אויף דער ליפ, און זאגט:

— גיט נאָר אַ קוק, מיין זייגערל האַלט זיך איין.
— האַלט זיך איין... — חזרט איבער דער זייגערמאַכער און שווייגט.
און קיינמאָל פאַרלירט ער נישט זיין געדולד, זיין גלייכגעוויכט, זיין רואיקייט, דער זייגערמאַכער. און ער איז אַ גלויביקער.
די וועלט וועט שוין האַלטן אין קייקלען זיך אין תהום אריין וועט ער נאָך אַלץ זיצן מיטן שפּאַקטיוול אויפן אויג און מייסטערעווען מיט זיין געצייג.
אַ מענטש וועמען מ'האָט אַוועקגעשטעלט ביים רודער פון דער צייט, קען דאָך אַנדערש נישט זיין.
נאָר איין איינציקע זאַך איז פאַראַן, וואָס קען אריינברענגען אין אַ שלעכטער שטימונג דעם זייגערמאַכער; נאָר איין זאַך איז אומשטאַנד אויפצוטרייסלען זיין רואיקייט אויף איין רגע נאָר —
דאָס איז אַ וועק-זייגער.
דער זייגערמאַכער איז אַ מענטש פון ריטם, האָט ער דעריבער פיינט דעם טומלענדיקסטן פון דער זייגער־משפּחה — דעם וועק-זייגער.
דער וועק-זייגער איז אין סתירה צו זיין שטילער און קאָנצענטריר־טער אַרבעט, גלייך ווי די שטילע, שלוהדיקע פאַרנאַכטן אין די קליינע שטעטלעך, פאַרטראָגן שווער דאָס געקלאַנג פון די קלויסטער-גלעקער...

* * *

מיר זיינען היינט אָפּהענגיק פון דעם זייגערמאַכער. ער איז דאָס דער באַלעבאָס פון אונדזערע שעהן און יאָרן. אז ער וויל, קען ער איבערוקן דעם זייגער, פאָראויס אָדער אויף צוריק.
אַמאָל זיינען געווען זונען-זייגערס און זאַמד-זייגערס — האָט קיינער קיין דעה נישט געהאַט איבער דער צייט. די צייט איז זיך געגאַנגען מיט אירע מעלאַנכאָלישע אָקסן־טריט.
היינט אָבער, אין דער צייט פון דעם מעכאַנישן זייגער, האָט דער זייגערמאַכער באַקומען דעם מאָנאָפּאָל איבער דער צייט. זיינען מיר טאַ־קע אָפּהענגיק פון דעם זייגערמאַכערס אָנשוויאונגען און קאַפּריזן.
זיינען אפשר זייגערמאַכערס די, וואָס האָבן לעצטנס אָנגעהויבן צו רוקן דעם זייגער אויף צוריק?
און וועט מען אָנהויבן צו צווייפלען אינעם זייגער, איז דאָך אַלץ פאַרשפּילט. ווי אַזוי וועלן מיר וויסן צי מען מעג שוין עסן מילכיקס?

פון וואַנען וועלן באַלעבאַטעס וויסן צי ס'איז שוין צייט אויסצוזאָלצן דאָס פלייש?...

מיר שענקען זיי צו ווינציק אויפמערקזאַמקייט, די זייגערמאַכערס. מיר דאַרפן זיך בעסער צוהערן צו זייער באַדייטונגספולן שווייגן.

די וועלט איז, קלאָגן מיר זיך, נישט מיט אַלעמען. און דער אמת איז, אַז זי איז גוט קראַנק, די וועלט, חרוב. אַ סך האָבן זיך שוין אַפילו פון איר אינגאַנצן מיאש געווען.

אַלערליי דאָקטוירים און אָפּשפּרעכערס, אַלערליי געלערנטע און שווינדלער, האָט מען גערופן צו דער וועלט. און נאָר דעם זייגערמאַכער האָבן מיר פאַרזען. פאַרוואָס האָבן מיר זיך צו אים נישט געווענדעט?

און עס קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז ס'איז נישט גאָר קיין גרויסע זאַך, עס פעלט איר נאָר אַ שרייפל ערגעצוואו, דער וועלט...

און אויב, חס ושלום, עפּעס אַ סעריאָזנע זאַך, און מ'דאַרף האָבן אַ נייע ספּרוזשינע, צי אַ שפּינדל, אָדער מען דאַרף זי גאָר צענעמען, די וועלט, אויף שטיקער און זי אויסרייניקן פון עס געהער צו זיין — קען עס דאָך דער זייגערמאַכער אויך טון!

אויף זיך מיאש צו זיין פון דער וועלט און זי אַרויסצוואַרפן, האָבן מיר דאָך שטענדיק צייט.

לאָמיר אַ רוף־טון דעם זייגערמאַכער. זאָל ער אַ קוק־טון מיט זיין שפּאַקטיוול, אפשר וועט ער עפּעס דערזען אין דער אינגעווייד פון דער וועלט.

אפשר האָט זיך דאָרט אין דעם אוראַלטן געווערק, אין פאַרלויף פון דער צייט, אָנגעקליבן שטויב, אומריינקייט, אָדער שפּינען האָבן דאָרט פאַרצויגן זייערע שפּינען־געוועבן?...

זאָג, זייגערמאַכער, וואָס זעסטו דאָרט אונטער דיין שפּאַקטיוול?
פאַרוואָס שווייגסטו, זייגערמאַכער?

פון די געמאָסטענע סעקונדעס האָט דער זייגערמאַכער באַקומען זיין ריטעם, פון די מינוטן — זיין שווייגנדיקייט און פון די שעהן און מעת־לעתן — חכמה.

ווי אַ שטיק פאַרגליווערטע צייט קוקט ער אויס...

די קראַנקן־שוועסטער

צופעליק האָב איך זי באַגעגנט. אַ בליענדיקע און פאַרחלומטע. זי האָט נאָך קיין צוואַנציק פרילינגס נישט אָפּגעצײלט. זי איז נאָך אַלץ אַרײַנגעטון אין איר ראָזעווער וועלט פון יוגנט־חלומות.

מסתמא זיצט זי — האָב איך געטראַכט — אין די נאָכמיטיקן אויף אַ וויג־שטול אין אַ קילן הויף און העפט אויס בלומען אויף אַ סאַמעט־נעם אָדער זײַדענעם קישעלע, אָדער זי שיקט אַרויס דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס פון דער סאַלע בענקענדיקע פּיאַנאָ־גאַמעס צו די דורכגײער אויפן גאַס.

פון וואַנען אָבער דער שאָטן פון גליווער און גלײַכגילטיקייט אין אירע גרינע אויגן?

זי איז אַ געמיש פון פרייד און טרויער, פון פרילינג און האַרבסט. פון וואַנען אַזעלכע שרײַענדיקע סתירות אין אַזאַ יונג באַשעפעניש?

— איך בין אַ קראַנקן־שוועסטער — האָט זי מיר דערצײלט.

און אַלץ איז מיר קלאָר געוואָרן און פאַרשטענדלעך.

דאָס האָט די שפּיטאָל־אַטמאָספער אָפּגעשטעמפּלט איר יוגנט מיט אַ הויך פון צער. די אַלע נעכט וואָס זי האָט פאַרבראַכט בײַ די שלאָפלאָזע קראַנקע, וואָס האָבן זיך געקאַרטשעט פון ווייטיק און אומרו, אין דער־וואַרטונג פון עפּעס גרויסעס און דערלײזערישעס, האָט אַרײַנגעדרונגען אין איר יונג בלוט אַרײַן און עס אַביסל פאַרגליווערט.

ס'איז נישט גרינג צו לעבן אין אַ לאַנד פון אייביקן פרילינג, אָבער נאָך שווערער איז צו לעבן אין אייביקן האַרבסט.

יעדן טאָג, יעדן טאָג וואונדן, קרעכצן און פּיין. יעדן טאָג פאַרבלו־טיקטע באַנדאַזשן, פאַרטריקנטע קערפּערס מענטשלעכע, ווי אַראָפּפאַלנ־דיקע, פאַרוויאַנעטע האַרבסט־בלעטער. יעדן טאָג פאַרהאַקטע ציינער, אין קראַמפּן עקשנותדיקע, ווי די שטעכיקע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, נאָך וועלכער עס קומט אַ גוטע און מילדע נאַכט...

און אַזוי טאָג נאָך טאָג, טאָג נאָך טאָג, אָן איבעררייס און אָן אַ סוף. און די יונגע קראַנקן־שוועסטער וואַקסט אַריין אין דער וועלט פון ווייטיק און ליידן.

אַמאָל, נאָך אין אירע קינדער־יאָרן האָט איר געלאָקט דאָס ווייסע טיכל אויפן קאָפּ, מיטן רויטן קרייץ. ווי וואונדערלעך דאָס וועט איר קליידן... און ווי שיין עס איז די מיסיע צו לינדערן מענטשלעכן ווייטיק!...

איצט האָט זי אָבער געניג מאָטיוון צו פילן זיך אָפּגענאַרט און אַנטוישט. ס׳איז נישט אַזוי גרינג ווי עס האָט זיך איר אַמאָל אויסגעוויזן. דאָס וואָס האָט זיך איר אַמאָל אויסגעוויזן צו זיין הייליבער, איז איצט אומהייליבער.

עס איז שווער, ביז גאָר שווער צו קעמפן קעגן ווייטיק, קעגן מענטשלעכע ליידן. די וואונד איז אָן אייביקע און אָן אָפּענע.

אַ וועלט פון מיקראָבן, פיבער און ווייטיקן, אונטער פאַרשידענע נעמען און דיאַגנאָזן. די שפּיטאָל־בעטלעך זיינען אייביק פאַרנומען. עס בייטן זיך נאָר די נעמען פון די קראַנקע, אָבער די חולאתן זיינען די זעלבע. די זעלבע קרעכצן און די זעלבע שרעק־אויסדרוקן אויף די פאַרגעלטע פּנימער פאַר דעם אומפאַרמיידלעכן...

די גאַנצע וועלט איז דאָך קראַנק!

פאַר אַ קראַנקן־שוועסטער טיילן זיך די מענטשן נישט אויף רייכע און אָרימע, נישט אויף יונגע און אַלטע, נישט אויף קלוגע און נאַרישע, נאָר — אַזעלכע וואָס זיינען שוין קראַנק, און אַזעלכע וואָס דאַרפן ערשט קראַנק ווערן...

„איך האָב געהאַט אַמאָל — דערציילט מיר די קראַנקן־שוועסטער — אַ שיינע און געזונטע וועלט און איך האָב זי פאַרשפּילט. יעדן טאָג צו דער אַרבעט און אַהיים פון דער אַרבעט באַגעגן איך זיך מיט דער אַמאָליקער וועלט. זי איילט זיך, איילט זיך אין אויטאָמאָבילן, זי גלאַנצט דורך שויפענצטער, אָבער זי רייצט מיך נישט. די וועלט, ווייזט מיר אויס, איז קראַנק. די וועלט וואַרט אויף אַ ליידיק שפּיטאָל־בעטל״...

* * *

אויף וויפל ס׳איז שווער צו זיין אַ דאָקטאָר, איז נאָך דאָפּלט שווערער צו זיין אַ קראַנקן־שוועסטער.

דאָקטוירים אינטערעסירן זיך נאָך אַלץ מער מיט דער קראַנקייט,

איידער מיטן קראַנקן... דער דאָקטאָר מיינט אַז דער שווער־פּונקט פון זיין פּראָפעסיע ליגט אין צוקלייבן אַ פּאַסנדן לאַטייניש נאָמען פאַר דעם קראַנקנס ווייטיק...

און די קראַנקן־שוועסטער איז די וואָס בלייבט מיטן קראַנקן. זי הערט אויס אַלע זיינע קרעכצן־סימפּאַניעס, זי זעט ווען די אויגן זיינע גלאַנצן פון שטורמישן פיבער, און זעט ווען די זעלבע אויגן מאַטע, אומ־באַהאָלפענע, שרייען מיט שטומע בליקן: „ראַטעווע מיך, שוועסטער, ראַטעווע!"

ווי לאַנג און פיינלעך עס זיינען די שפּיטאָל־נעכט! נישט די פּאָלאַר־נעכט זיינען די לענגסטע, נאָר די שפּיטאָל־נעכט...

און די קרעכצן זיינען אַזעלכע שפּיזיקע און אומדערבאַרעמדיקע. פון יעדן בעטל שטרעקן זיך בייגערדיקע אָדערן־הענט צו איר, צו דער שוועס־טער.

— איך קאָן שוין מער נישט, שוועסטער!

— שוועסטער, שטעלט מיר אַ נאָדל!

— ליינגט צו אייער האַנט, שוועסטער, אויף מיין שטערן, וועט מיר אויפהערן ווײ צו טון.

— אַז ס'וועט קומען מיין פרוי אינדערפרי, זאָלט איר זי טרייסטן, שוועסטער, זאָל זי נישט וויינען נאָך מיר. מ'דאַרף נישט...

און וואָס זאָל זיך העלפן די אָרימע שוועסטער איינע אַליין, קענען אַ ים מיט מענטשלעכן ווייטיק און פּיין?

און די שוועסטער טאָר נישט אַרויסווייזן איר צעטומלטקייט און פאַרלוירנקייט, עס קען זיך שלעכט אָפּרופן אויף די קראַנקע. זי מוז זיין דער וואַכער און ניכטערער קאַפּיטאַן. פאַר יעדן מוז זי האָבן אַ מונטערן און וואַרימען בליק, אַ גלעט, אָדער גאָר אַ טרייסט־וואָרט.

— שוועסטער, וועל איך נאָך אַמאָל געזונט ווערן? — פרעגט אַ קראַנקער, וואָס זיינע טעג זיינען שוין געציילטע.

און די שוועסטער מוז דאָ זאָרגלאָז אַ שמייכל טון און רעדן מיט אַזאַ זיכערקייט און פעסטקייט וועגן זיין געזונט־ווערן, אַז איר שטימע טאָר נישט קיין ציטער טון

— אַ שוועסטער, שוועסטער — זאָגט אַ קראַנקער, וואָס איז שוין געשוואָלן ביז אין דער העלפט — איך פיל אַז איך וועל שוין פון דעם בעטל נישט אַראָפּגיין מער.

און זי, די שוועסטער, מוז דאָ ווידער זאָרגלאָז און שטיפעריש אַ לאַך טון און זאָגן:

— וואס פאר א נארישקייטן אייך פאלט אלץ איין! מירן נאך, איר וועט זען, צוזאמען זיך פארן באדן צום ים און איר וועט מיך נאך לערנען שווימען.

און ביים 28-יעריקן קראנקן לייכטן אויף א ווייל נאך אויף די גרויסע אויגן און ער פרעגט:

— אזוי מיינט איר טאקע?

— דאס וואס דו הערסט, מיין טייערער, דאס וואס דו הערסט!

זי מוז זיין אן ערשט-קלאסיקע ליגנערקע די קראנקן-שוועסטער, און אין דער שול פאר קראנקן-שוועסטער לייגט מען אזוי ווינציק אכט אויף דעם. נאך בעסער אפשר ווי קענען שטעלן נאדלען מוז א קראנקן-שוועסטער קענען זאגן ליגנס, און אירע ליגנס זיינען נישט ווינציקער נוצלעך ווי די גרויסע אמתן פון די אמאליקע נביאים...

ווער עס וויל זיך איבערצייגן אין דעם גרויסן כוח פון אונדזער וואָרט, פון אונדזער מענטשלעך וואָרט, וואָס ווערט אזוי פארביליקט און געפעלשט אין אונדזערע טעג — זאָל זיך ווענדן צו דער קראנקן-שוועסטער. נאָר זי ווייסט דעם סוד, כאָטש זי פּרעטענדירט דאך נישט צו זיין קיין דיכטערין און קיין אָראַטאָרין...

פאר א קראנקן איז דאָס וואָרט אלץ וואָס איז אים פארבליבן פון אונדזער וועלט. נאָר דאָס וואָרט איז דאָ געלייטערט און האָט צוריק באַקומען זיין אורשפּרונגלעכן זין.

— נאך א קליין ביסעלע, טייערער, און ס'וועט דיר זיין גוט. מ'וועט דיך נעמען אהיים, אהיים — — —

אזעלכע פשוטע ווערטער ווירקן ווי א באלזאם און פארשיכורן דעם קראנקן מיט גלויבן און חלומות.

* * *

די קראנקן-שוועסטער פילט די גאנצע טראגישע אומבאהאלפנקייט אונדזערע קעגן די אייביקע געזעצן פון אוניווערס, כאָטש זי וויל דאָס נישט און דארף דאָס נישט וויסן.

ס'איז אזוי פיינלעך צו קוקן, ווי ווייטיק און פיין, כאָטש זיי לייטערן און דערהויבן דעם מענטשן, מאכן אים לייכטגלויביק און אבערגלויבעריש. א קראנקער הענגט זיך אָן אין יעדער שטרוי כדי צו ראטעווען זיך.

זאָגט א קראנקן אז ער זאָל קוקן א טאג מיט א נאכט אויף דער שפּיץ פון זיין נאָז, וועט ער געזונט ווערן — וועט ער אייך גלויבן.

און קיינער האָט נישט אַזוי די מעגלעכקייט צו זען פון דער נאָענט דעם וואונדערלעכן כוח פון גלויבן ווי די קראַנקן־שוועסטער.

נישט זעלטן טרעפט דאָך, אַ קראַנקן־שוועסטער ברענגט דעם קראַנקן אַ פלעשל ריינע וואַסער, צו טרינקען פון דעם אַן עס־לעפל אַלע צוויי שעה, און דער קראַנקער, וועמען די צענדליקער רפואות פון די דיפּלאָמירטע דאָקטוירים האָבן נישט געהאָלפן, פילט זיך איצט גרינגער פון דער „רפואה". ווי פון אַ כישוף טרעט אָפּ די היץ און עס הערט אויף דער ווייטיק.

און זי איז נישט קיין כישוף־מאַכערן די קראַנקן־שוועסטער. ניין, די אַטמאָספער פון מענטשלעכער פיין האָט ראַפינירט איר אינטואיציע, וואָס איז דער קוואַל פון אונדזער לעבנס־חכמה.

* * *

ווער איז דאָס דער וואָס האָט צוגעטראַכט פאַר איר דעם נאָמען „קראַנקן־שוועסטער"?

ס'איז אַ געלונגענער נאָמען, ווייל ביי איר גאַנצער איבערגעגעבנ־קייט צום קראַנקן, איז זי נישט קיין מאַמע, נאָר אַ שוועסטער... ווייל דער ווייטיק פון די קראַנקע פאַרשאַפן איר מער נישט קיין ליידן.

די קראַנקן־שוועסטער איז גלייכגילטיק צו מענטשלעכע ליידן, נאָר די פליכט איינצושטילן און לינדערן די ליידן, ליגט שוין ביי איר אין בלוט.

זי וועט שוין אָן דער שפּיטאָל־אַטמאָספער נישט קאָנען אויסקומען. זי וועט צען מאָל מאַכן פּרוּוון אַוועקצוגיין פון שפּיטאָל, און זי וועט צוריקקומען. זי וועט בענקען נאָכן שפּיטאָל, גלייך ווי אַרעסטירטע בענ־קען צוריק אין תפיסה אריין...

אַ געוויסנהאַפטע קראַנקן־שוועסטער איז אַ שקלאַף פון איר מיסיע וואָס זי האָט פרייוויליק גענומען אויף זיך. און וואָלטן די קרובים פון די קראַנקע געוואוסט פון דעם סוד, וואָלטן זיי אויפגעהערט אויפצוואַרעקן איר פליכט מיט „פּראָפּינאַס"...

די גרויס פון טרינק־געלט איז פאַר דער שוועסטער אַן אויס־געצייכנטער באַראָמעטער צו וויסן ווי עס האַלט מיטן קראַנקן. וואָס ערנסטער די קרענק, אַלץ גרעסער איז דאָס טרינק־געלט...

* * *

עס איז נישט גרינג צו זיין א קראנקן־שוועסטער. און די שוועריקייט ליגט נישט אין דעם אומגיין מיט די קראנקע, נאר אין אומגיין מיט די געזונטע... און אויך אין קאנען אויסקומען מיט זיך זעלבסט.

ס'איז שווער פאר א קראנקן־שוועסטער אנצוהאלטן די גלייכגעוויכט צווישן די סתירות וואס באהערשן זי. אין דער שפיטאל־אטמאספער קאן מען אויסוואקסן אדער א הייליקע, אדער גאר דאס קאפּוירע...

א קראנקן־שוועסטער איז געצוואונגען זיך גיכער אויסצוקלייבן דעם צווייטן וועג. דאס איז די נאטירלעכע רעאקציע פון איינעם וואס לעבט אין א קראנקער וועלט. ס'איז די פסיכאלאגיע פון ארייננכאפן, כל־זמן עס לאזט זיך...

אבער זי האט פון דעם אלעם ווייניק פרייד, די קראנקן־שוועסטער. וואס פאר א גרויסע פרייד קען זי דען האבן פון א „ראנדעוואו", ווען מיט א נאכט פריער איז זי געשטאנען ביים בעט פון א בחור, וואס איז אויסגעגאנגען, דריקנדיק איר האנט ביים לעצטן אטעם־צוג?... אזעלכע מאמענטן, אזעלכע איבערלעבונגען, פארגעסן זיך נישט גאר גרינג.

א שפיטאל איז אייגנטלעך א טורמע אזא, מיט אפענע טירן, פון וואנען קיינער פון די ארעסטאנטן פרואווט נישט צו אנטלויפן... נישטא וואו צו אנטלויפן, נישטא וואו אויסצובאהאלטן זיך.

און די קראנקן־שוועסטער איז איינע פון די פארמשפטע. דער ארעסטאנט און זיין וועכטער — ביידע זיינען זיי פארמישפט, ביידע...

דער שוסטער

ווי פרי איך זאָלט נישט אויפשטיין, זיצט ער שוין, דער שוסטער, אין זיין שמאָלן „סאַגוואַנטשיקל". צווישן אַ באַרג מיט אַלטע, צעלעכער־טע שיך, מיט אָפּגעטראָטענע פּאָדעשוועס און אויסגעקרימטע אָפּצאַסן.

אַ למדן־וואָוואָניק?

אפשר.

ער האָט גאָר קיין חשבונות נישט מיט דער וועלט. ר'איז דאָך קיי־נעם קיין סענט אפילו נישט שולדיק! זיינע פיס האָבן נאָך נישט אריבער־געטראָטן די שוועל פון אַ הויכגעשעצטן געריכט. דער שוסטער האָט גאָר קיינמאָל ביים קיינעם קיין גערעכטיקייט נישט געמאָנט, און אַנדערע ביי אים — אַוודאי נישט.

און דאָך, און דאָך — זיצט ער שוין 28 יאָר, אָן אַ משפּט... אויף זיין שוסטערישן בענקל.

„קיינער האָט מיך נישט פאַרמשפּט, און איך זיץ — זאָגט דער שוסטער. — דאָס גאַנצע לעבן וועל איך אַזוי מוזן אָפּזיצן, ס'גאַנצע לעבן!..."

זעכצן יאָר איז ער אָפּגעזעסן דאָרט, אין רוסלאַנד, און צוועלף יאָר איז שוין אַז ער זיצט דאָ, אין „קאָלומבוסעס מדינה", מיטן העמערל אין האַנט.

„נאָר, וויים איך וואָס! — זאָגט ער מיט ביטול און שטופּט זיך אָן אַ מויל מיט שוסטערישע טשוועקלעך — אומעטום די זעלבע וועלט, או־מעטום האָבן מענטשן די זעלביקע נאַטור: אויסצוקרימען... די אָפּצאַסן מיין איך. אין אָדעס האָט מען מיר געבראַכט בערג מיט אויסגעקרימטע שיך און אין בוענאָס איירעס אויך דאָס זעלבע. אומעטום די זעלביקע וועלט, אומעטום! איר פאַרשטייט? איך, דער „שוסטער־קאָפּ" זאָל אויס־גלייכן. זיי צעטרעטן, זיי צעקרימען, און איך זאָל אויסגלייכן... איר פאַר־

שטייט? — גיט ער צו מיר וואויל־יונגעריש א קוק מיט איין אויג און ווארט אויף אן ענטפער.

איך האב צוגעשאקלט מיטן קאפ, אז איך פארשטיי.

„איז גוט אז איר פארשטייט! — האט ער זיך דערפרייט — א מענטש דארף עפעס פארשטיין אויך. וואס בין איך דען? „א סמאלע־קאפ!" „א דראטווע־דרייער!", „א פלעק אין דער משפחה!", אבער עפעס פארשטיי איך נאך, איר זעט? דא פון מיין שוסטער־בענקל ארויס, זע איך מיר וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אז א געבוירענער שוסטער גיט נאר א קוק אויף א פאר שיך, ווייסט ער באלד ווער עס איז זיי געגאנגען: א קארע־דאר, א שרייבער, אן ארבעטער, א כשרע כלה־מיידל, צי א טענצערקע. ווי אזוי? מיר שוסטערס האבן זיך שוין אונדזערע סימנים. עפעס פאר־שטייען מיר נאך".

ער האט זיך ווידער אריינגעשטאפט אין מויל א גארשטש מיט טשוועקלעך.

„גיט א קוק — מאכט ער — וואס טו איך דען? כ'קלאפ טשוועקלעך אין א זויל אריין. אליין, מיטן גוטן — כאטש גילט זיי אפ — וועלן זיי אין דער פאדעשווע נישט ארייקריכן. מ'דארף זיי צוביסלעך אונטער־קלאפן, אונטערשטופן מיטן העמערל... קוקט, ווי זיי פליען גיך,גיך, אז זיי דערפילן נאר דעם גלעט פון העמערל. איר פארשטייט? — גיט ער צו מיר ווידער א וואונק — ריכטיק, הא? און צווישן די נארישע טשוועקלעך — אויפן קילא פארקויפט מען זיי — זיינען פאראן אויך איינגעשפארטע, עקשנים. זיי בייגן זיך און דרייען זיך אין אלע זייטן, און אין דער פא־דעשווע וועלן זיי נישט אריין. וועסט א האלבן טאג פארלירן ביי א טשוועקל, און נארנישט אויספועלן. מענטשן, מיין ליבער פריינט, זיינען געגליכן צו טשוועקלעך. איר פארשטייט, הא? איז גוט אז איר פאר־שטייט. איך האב ליב צו רעדן מיט א מענטשן וואס פארשטייט".

„איר זעט מיינע הענט? — לייגט ער אוועק דאס העמערל אויף א ווייל און טראגט מיר צו זיינע הענט, פארשווארצטע, ביינערדיקע און מיט מאזאליעס באדעקטע, ביז אונטער די אויגן מיינע — טויזנטער, צענער טויזנטער פאר שיך האבן שוין די הענט אויסגעלאטעט. נו, מיינט איר האב איך עפעס אויפגעטון? ווייס איך וואס! אלצאיינס גייט די וועלט בארועס... א בארוועסע וועלט, ווי איך בין א ייד, א בארוועסע וועלט!..."

„נאר, ווייס איך וואס — כאפט ער זיך צוריק — הייגטיקע צייטן

איז געזונטער, אַז מען שווייגט. מיט וועמען וועל איך דאָ גיין רעדן? מיט מיינע קליענטן? ווער וועט זיך דען איינהערן צו די רייד פון אַ לאָ־טוטניק? כ׳מאַך מיט מיינע קליענטן קיין גרויסע גערעדערייען. גיט אַהער די פּאָר גרייצער און גייט אייך געזונטערהייט — „האַסטאַ מאַניאַנאַ!“, האַסטאַ פּורים! — איר ווייסט דאָך ווי מ׳זאָגט. זאָלן זיי מיינען, אַז זיי זיינען די קנאַקערס, איר פאַרשטייט?“

דאָס געשפּרעך האָט זיך איבערגעריסן. עס איז אַריינגעקומען אַ שכנטע און געבראַכט צו טראָגן אַ פּאָר פּונק־נייע שיך.

די יידענע האָט זיך געקליבן צו דערציילן אַ גאַנצע געשיכטע וועגן די שיך, אָבער דער שוסטער האָט איר אויסגעכאַפּט:

— ענגע שיך מסתמא, האַ? ווייס איך שוין אַליין וואָס מ׳דאַרף טון — אַרויפנעמען אויף דער קאַפּיטע! אויסקלאַפּן! ווייזט מיר נאָר וואו עס דריקט אייך. גוט! מער דאַרף איך נישט. „האַסטאַ לועגאָ!“

„איר זעט — ווייזט ער מיר די שיך, וואָס די יידענע האָט איבער־געלאָזט — נישטאָ נאָר אַזאַ צרה ווי גיין אין ענגע שיך. ערגער ווי ציין־ווייטיק, ערגער! און דער טייוול ווייסט זיי! אַלע קויפן זיך דווקא ענגע שיך, ווי כ׳בין אַ ייד — אַ מאַגנעט! עס ציט אין דער זומפּ אַריין, איר פאַרשטייט, האַ? — האָט ער מיך גענומען אויפן עקזאַמען מיט איין אויג.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעזוכט אַ פּאָר קאַפּיטעס און זיך באַלד צוריק אַוועקגעזעצט.

„איר זעט, וואָס איך טו מיט די שיך? מיט דער וועלט וואָלט מען אויך געדאַרפט טון דאָס זעלביקע. מ׳דאַרף די וועלט — נעמט זיך גוט אין קאָפּ אַריין מיינע רייד! — אַרויפציען אויף דער קאַפּיטע און זי גוט אויסקלאַפּן פון אַלע זייטן, איר פאַרשטייט? די אָפּצאַסן זיינען ביי דער וועלט אָפּילו נישקשהדיק אָפּגעטראָטן און אויסגעקרימט, אָבער מ׳קען זי נאָך אָפּראַטעווען, די וועלט! אַ שאָד, אַ שאָד, אַזאַ וועלט אַרויסצו־וואַרפן, ווי כ׳בין אַ ייד. מ׳דאַרף איר לייגן אַ פּאָר לאַטעס און צוקלאַפּן אַ פּאָר רעכטע פּאָדקאָוועס, און די וועלט וועט ווידער קאָנען אַ שטיק צייט אַזוי גיין... איר פאַרשטייט?“

ער האָט פון גרויס צופרידנקייט גענומען אונטערברומען אַ שטיקל פון ימים נוראימדיק דאַווענען: „כי הנה כחומר ביד היוצר...“

— אָ, זענט איר דאָך אַ שטיקל מנגן אויך!

„אַ מנגן! — האָט ער זיך צעלאַכט מיט זיין צעקנייטשטן פּנים — אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן בין איך געווען אַמאָל אַ משורר אין דער

גרויסער אַדעסער שול. און דאָס וואָס אַן אַדעסער משורר־יונג האָט פאַר־געסן, קענען נישט אַלע אַמעריקאַנער חזנים צוזאַמענגענומען. וואָס בין איך דען היינט, מ׳שטיינס געזאָגט, אַ „שוסטער־קאָפּ", „אַ סמאַליוך!" נאָר גלויבט מיר, אַז אַלע יידישע „ראַדיאָ שעהן" מעגען זיך באַהאַלטן פאַר מיינעם אַ „ושמרו".

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס געצייג פון האַנט און גענומען אַזוי פאַר־דעכטיק אונטערהוסטן, רייניקן זיך די שטימע, האָב איך זיך באַלד גע־כאַפּט מיט וואָס דאָס שמעקט און געזאָגט:

— זייט אַזוי גוט און פאַרענדיקט מיר פריער די שיך. איך האָב קיין צייט נישט.

„נו, וואָס זאָל איך טון? — האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן אַזוי ווי איינער וואָס מ׳האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט — די זויל מוז זיך אַביסל ווייקן.

„איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן — האָט ער ווייטער געצויגן זיין שוסטערישע פּילאָזאָפיע — מיר יידעלעך זיינען געגליכן — לאַכט נישט! צו אַ פאַדעשווע. מען סקראָבעט די פאַדעשווע, מען שטעכט זי, מען טרעט מיט איר אין אַלע פאַסקודסטוועס, און פאַדעשווע בלייבט פאַ־דעשווע! איר פאַרשטייט? נאָר דערוויייל ליגן מיר נעבעך גוט איינגע־ווייקט. אוי — אַ מיתה משונה אויף אים! — האָט ער אונדז איינגעווייקט!"

„נאָר געדענקט גוט וואָס אַ „סמאַלע־קאָפּ" זאָגט אייך — האָט ער זיך אַרויפגערוקט די ברילן ביז אויפן שטערן אַרויף — אַז מען ווייקט אַ פאַדעשווע אין וואַסער ווערט זי נאָר שטאַרקער — ווי איך בין אַ ייד — שטאַרקער!"

און ער האָט אַרויסגענומען די אויסגעווייקטע פאַדעשווע פון דער נאַפּט־בלעך, זי אַרומגעווישט מיטן פאַרטוך און גענומען די זויל אויס־קלאַפּן אויפן שטיינדל.

נאָך יעדע עטלעכע קלעפּ האָט ער אַ קוק געגעבן אויף מיר און גע־שמייכלט אַ טריאומפירנדער. דערנאָך האָט ער איינגעבויגן די זויל אין צווייען און זי מיר אונטערגעטראָגן ביז צו די אויגן:

„איר זעט? אייזן שטאַרק! זי ברעכט זיך נישט. דאָס איז אַ גע־ווייקטע פאַדעשווע! איר פאַרשטייט? מ׳דאַרף נאָר פאַרשטיין..."

דערוויייל זיינען שוין מיינע שיך מיט מזל פאַרטיק געוואָרן.

אַז כ׳בין שוין געשטאַנען מיט איין פוס אויפן דרויסנדיקן טרעפּל האָט מיך דער שוסטער צוריקגערופן:

„זייט מוחל, סעניאָר! איין וואָרט נאָר! כ׳וויל האָבן, איר זאָלט געדענקען וואָס אַ שוסטער אַ לאַטוטניק האָט אייך געזאָגט.״

כ׳האָב אים צוליב געטון און בין צוריק אַריין. ער האָט געזאָגט די ווערטער מיט אַ פייערלעכקייט און אויסגעצויגן יעדעס וואָרט, ווי אַ נבואה:

„מיין שוסטערישער קאָפּ ווייס איין זאַך: אַ דראַטווע, אַז מען דרייט זי צופיל, פּלאַצט זי, איר פאַרשטייט? די דראַטווע — זאָג איך אייך — איז שוין צופיל אָנגעצויגן, ווי איך בין אַ ייד — צופיל!...״

דער קאָוואָדאָר

כאָטש עס פאָדערט זיך נישט קיין דיפּלאָם פון אַ הויכשול אויף צו באַקומען אַ פּאָסטן פון אַ קאָוואָדאָר — איז דאָס אָבער אַ שווערער און קאָמפּליצירטער ארבעטס־געביט.

אַ קאָוואָדאָר איז נישט סתם אזוי אַן ארבעט, נאָר איז אַ פּראָפע־סיע, אַ קלוגע פּראָפעסיע, וואָס פאָדערט אינטעליגענץ, מענטשן־קענטע־ניש, אַ חוש פאַר פּסיכאָלאָגיע און אָריענטירן זיך אין יעדן פאַל באַ־זונדער.

אַז מען וויל איז דאָס גאָר קיין פאַך נישט, נאָר אַ קונסט.

דאָס קאָנען באַוועגן יענעם, אַז ער זאָל עפענען זיין קעשענע, איז איינע פון די שווערסטע און קאָמפּליצירסטע קונסטן.

עס איז שוין פיל גרינגער צו טרעפן צו יענעמס געפיל, צו דער־גרונטעווען זיך צו יענעמס הארץ, איידער צו זיין קעשענע...

דעם קאָוואָדאָר קומט אוים צו שפּילן אויף דער צאַרטסטער מענ־טשן־סטרונע, און דעריבער איז אַזוי שווער זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר אים.

דער קאָוואָדאָר איז דעם אמבעסטן אינפאָרמירטער מענטש אין שטאָט. ער, וואָס קומט אין באַרירונג מיט אַזויפיל היימען, ער, וועמען מען טראָגט אונטער אַלע גלויבלעכע און אומגלויבלעכע תירוצים — ווייסט אונטערצושיידן פון עכטקייט ביז אויבן־אויפיקן גלאַנץ...

אויב איר דאַרפט באַקומען עפּעס אַ ריכטיקע און באַגלויבטע אוים־קונפט וועגן אַ מענטשן, מעג דאָס זיין צוליב געשעפטס־ענינים, ביים פאַר־דינגען אַ דירה, אָדער בנוגע אַ שדוך — פרעגט זיך נאָך ביים קאָוואָדאָר.

אייגנטלעך זיינען פאַראַן פאַרשידענע קאָוואָדאָרן. אין באַזונדערע באַדינגונגען אַרבעט אַ שטייגער דער קאָוואָדאָר פון אַן אינסטיטוציע און אין גאָר אַנדערע דער קאָוואָדאָר פון אַ יידישער צייטונג, אָדער אויסגאַבע. און אויך אינסטיטוציעס — האָט זיך יעדע אינסטיטוציע איר

אייגענעם מזל, אירע אייגענע ארגומענטן, אָבער אַלע זייַנען זיי פּאַראיי־ניקט אין זייער אויפגאַבע — אַ גענוג שווערע אויפגאַבע — צו קריגן אַ פּעזע.

עס איז מיר נישט באַקאַנט, צי זיי האָבן אַן אייגענעם פּאַראיין די קאָווראַדאָרן. אויב זיי האָבן נישט, וואָלטן זיי אַזאַ געדאַרפט שאַפן. דער פּאַראיין וואָלט געוועזן נישט אַזוי צו פאַרטיידיקן זייערע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, נאָר זאָל זיי דינען ווי אַ טרעף־פּונקט צו טיילן זיך מיט איינ־דרוקן, וואָס קאָנען זיי זיין נוצלעך אין זייער אַרבעט.

די קונסט פון אַרויסבאַקומען אַ פּעזע ביי אַ יידן, אַן אַרבעט, וואָס שטיצט זיך נישט אויף קיין שטייער־סיסטעם, וואָס האָט צו הילף דעם שטאַט מיט אַלע זייַנע מיטלען, נאָר אויף גוטן ווילן, איז ביי אונדז פיל בעסער אַנטוויקלט ווי ביי אַנדערע פעלקער. אונדזערע קאָווראַדאָרן האָבן אויף דעם געביט אָנגעקליבן אַ סך דערפאַרונגען, דערפאַרונגען פון דורות.

גלייכצייטיק אָבער, מוז מען אַנערקענען, האָט אויך אונדזער געבער זיין דערפאַרונג ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון די קאָווראַדאָרן. דער גע־בער אונדזערער איז פאַר דער צייט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן און אַ סך פון די אויסגעפּרואוטע אַרגומענטן, וואָס האָבן אַמאָל געקאָנט רירן אַפילו אַ שטיינערן האַרץ, האָבן מיט דער צייט פאַרלוירן זייער קראַפט.

דער קאָווראַדאָר מוז דעריבער כסדר באַנייען זיין אַרגומענטאַציע. דורך אים, דורכן קאָווראַדאָר, רעדט אונדזער טרויעריקע געשיכטע, די געשיכטע פון אונדזער טאַרבע־וועזן, די געשיכטע פון ווען כסדר רחמנות ביי די גויים, אַז זיי זאָלן אונדז נישט פּאָגראָמירן, און ביי אונז אַליין — אַז מיר זאָלן העלפן די פּאָגראָמירטע...

ביי דער פאַרפלייצעניש פון נויט און אומגליקן האָט דער באַשיידע־נער קאָווראַדאָר אונדזערער וואָס אַמאָל אַ שווערערע אויפגאַבע.

* * *

אַ צער צו קוקן אויף דעם קאָווראַדאָר, וועלכער שלעפּט זיך אַרום אין די הייסטע, גליענדיקסטע טעג אין די פאַרוואָרפנסטע געגנטן פון שטאָט, אַ דורכגעווייקטער פון שוויים. מיט זיינע טאַרבעטלעך און אויף זיינע פּלאַט־פּים שפּאַנט ער אַ פאַרלוירענער, אָבער נישט קיין איינזאַמער.

הינטער אים שפּאַנען אין אַן אומענדלעכער ריי מחנות היימלאָזע, סתם פאַראָרימטע, יתומים, זקנים, קראַנקע, טובערקולאָזע און עס גייט

אויך אין דער פּראַצעסיע אונדזער שול־וועזן און דאָס עלנטע יידישע בוך. זיי אַלע קוקן אויס אויף אים, זיי אַלע זיינען אָפּהענגיק פון אים, פון קאָווראַדאָר.

ער טראָגט אויף זיך דעם עול פון אונדזערע אינסטיטוציעס. אויף זיינע פלאַט־פיס טראָגט דער קאָווראַדאָר, באַוואוסטזיניק, דעם גאַנצן עול פון אונדזער טראַגישן לעבן.

אַלערליי גלויבלעכע און אומגלויבלעכע תירוצים טראַכט מען אָקעגן דעם קאָווראַדאָר, אויף נישט צו געבן אים די פּעזע. מערסטנס זיינען דאָס אַלטע, אויסגעריבענע און אָפּגעבליאַקעוועטע תירוצים, וועלכע דער קאָווראַדאָר קען שוין אויף אויסנווייניק. ביי אַלע טירן, אויף אַלע שוועלן חזרט מע אים זיי איבער.

אָבער ער איז קיין גזלן נישט, דער קאָווראַדאָר, און ער נעמט אָן די אַלע תירוצים פאַר גוטע מטבעות. א קאָווראַדאָר האָט מערסטנס א ווייב מיט קינדער און ער טאָר זיך נישט באַליידיקן. ער טאָר נישט ברוגז ווערן מיט זיין קליענטעלע.

דער קאָווראַדאָר איז און ער מוז זיין דער געדולדיקסטער מענטש אין שטאָט.

נאָר עס איז נישט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אין די מאָדערנע הייזער, וואָס זיינען באַזאָרגט מיט אַלע מעלות, מיט אַלע באַוואָרענישן קעגן קעלט און היץ — פאַרוואָס האָבן די אַרכיטעקטן נישט אין זינען אָפּצור־טיילן א קליין ווינקעלע, וואו עס זאָל זיין זיך אויסצובאַהאַלטן פון די קאָווראַדאָרן? אַזעלכע דעפּאַרטאַמענטן וואָלטן זיכער געהאַט א גרויסן דערפאָלג און עס וואָלט זיך געלוינט צו צאָלן עפּעס טייערער פאַר אַזא וואוינונג.

נאָר דערווייל מוז מען זיך באַנוגענען מיט די „קוקערלעך" אין די טירן.

די דאָזיקע „קוקערלעך" אין די טירן, דורך וועלכע מ'קען פריער אויספאָרשן ווער עס שטייט דאָרט פון דרויסן, אָן אַליין געזען צו ווערן, אַזוי ווי א „רואה ואינו נראה" — האָט מיר אויפגעקלערט אַמאָל א קאָוור־ראַדאָר — איז אונדזער גרעסטער שונא, און ער איז גערעכט.

* * *

וועלכע שעה פון טאָג איז גינסטיקער פאַרן קאָווראַדאָר אין זיין מיסיע?

אזא גינסטיקע שעה אויף ארויסצובאקומען א פּעזע איז מסתמא נישטאָ אין דעם גאַנצן מעת־לעת. אַלע 24 שעה פון מעת־לעת זיינען וואָך אַלע חושים אויף נישט צו געבן.

פונדעסטוועגן ווייזן אָן קאָוראַדאָרן־עקספּערטן, אַז די פּרימאַרגן־שעהן זיינען די בעסטע אַרבעט־שעהן. און די השערה לייגט זיך באמת אויפן שכל. אינדערפרי נאָך, איידער דער מענטש איז אריין מיט לייב און לעבן אין דעם הו־הא פון זאָרג, עול און קאַמף, איז ער באַדייטנד מילדער, בעסער ווי אין די שפּעטערע שעהן פון טאָג.

אַנדערע קאָוראַדאָרן ווידער ווענדן אָפּ די טענות מיט פּראַקטישע אַרגומענטן. דווקא אינדערפרי זיינען פאַראַן קעגן־פּסיכאָלאָגישע ווירקונגען:

„גיב נאָר א קוק, באַלד ווי דער טאָג הויבט זיך אָן, קומען זיי די שלעפּערס...״

און דאָס איז באמת איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען פאַרן קאָוראַדאָר, ווען ער זאָל בעסער גיין צו דער אַרבעט, אינדערפרי, צי נאָכמיטאָג.

דאָס צאָלן פּאַר וועלכער ס׳איז אינסטיטוציע אָדער צוועק איז אַן אַקט פון סאָציאַלער פאַרשטענדעניש, א זאַך פון גוטן ווילן, און די שטימונגען ביים מענטשן אין פאַרלויף פון טאָג בייטן זיך אַזוי אָפט ביי יעדן איינעם. אָן א צאָל סיבות זיינע פאַראַן, וואָס ווירקן און שאַפן די שטימונג, און דער קאָוראַדאָר מוז זיך אויסהיטן, ער זאָל נישט אריינפאַלן ווי א יון אין סוכה אריין...

פאָדערט זיך דעריבער, אַז דער קאָוראַדאָר זאָל באַזיצן אַן אויסערגעוויינלעכן מוט, טאַקט און אָריענטאַציע, ווי אַזוי צו שטעלן דעם טראַפּ און נישט אַרויסצורופן דעם וואָלף פון זיין באַהעלטעניש...

א קאָוראַדאָר קאָן אויך מיט זיין טאַקט און אויסגעהאַלטנקייט העלפן דערציען, דיסציפּלינירן דעם געבער. ער האָט זיך זיינע דערציערישע מיטלען, דער קאָוראַדאָר, ווי אַזוי צו ווירקן אויפן געבער. אַמאָל — אָפּהענגיק פון יעדן פאַל באַזונדער — טוט ער דאָס מיט הכנעה, אַמאָל מיט אַמביציע, מיט שטאָלץ און אַז עס איז נויטיק — אויך מיט חוצפה.

די שפּיל פון באַוועגן יענעם צו עפענען די קעשענע איז אַזאַ קאָמפּליצירטע, אַז אַלע מיטלען, אַלע טענער קאָנען דאָ באַקומען א ברייטע אַנווענדונג. דאָס איז אָבער אָפּהענגיק נאָר פון אים, פון קאָוראַדאָר.

א קאָוראַדאָר דאַרף וויסן נישט נאָר ווען ער דאַרף קומען, נאָר ווען

ער דאַרף זיך אויסהיטן נישט צו קומען. אַ פאַרשטענדלעכער קאַוראַ־דאָר וועט קיינמאָל זיך נישט נעמען צו דער אַרבעט אין די שעהן, ווען די מענטשהייט שטייט אויף פון דער „סיעסטאַ", פון דעם נאָכמיטיק־שלאָף. דעמאָלט איז דער מענטש אויפגערעגט, שלעכט געשטימט און דאָס וועט פאַלן אויפן קאָוראַדאָרס קאָפּ.

אַ פאַטאַלער טאָג פאַר אַ קאָוראַדאָר איז אַ רעגן־וועטער. די סוחרים שטייען דעמאָלט פאַרצווייפלטע ביי זיך אין די קלייטן און עס ווייזט זיך זיי אויס, אַז די וועלט גייט שוין אונטער. אַ קאָוראַדאָר וואָס פאַלט אין אַזאַ טאָג אַריין אין קלייט טרעט אָן דעם סוחר אויפן סאַמע הי־נער־אויג.

פאַראַן אָבער אויך אויסערלעכע פאַקטאָרן וואָס ווירקן און העלפן מיט דעם קאָוראַדאָר אין זיין אַרבעט. דאָס איז דער מאָמענט ווען דער געבער געפינט זיך גראָד אין דער געזעלשאַפט פון באַקאַנטע מענטשן זיי־נע. די אַלע טענות וואָס ער האָט צום קאָוראַדאָר און אַנדערש מאָל, וועלן איצט פאַרשווינגן ווערן. דער ערגסטער בעל־דבר נעמט אַרויס די מטבע מיט אַ געמאַכטן שמייכל און מיטן זשעסט פון אַ מעצענאַט טראָגט ער זי אונטער דעם קאָוראַדאָר...

* * *

יעדער קאָוראַדאָר קאָן אייך אויפמישן אַ לאַנגע רשימה פון כאַ־ראַקטעריסטישע פערסאָנאַזשן זיינע מיט אייגנאַרטיקע קאַפּריזן, וועלכע ער מוז זיי אַריבערטראָגן.

פאַראַן אַזעלכע געבער, וואָס גיבן די פּעזע מיט אַ גרינגער האַנט, אָבער זיי נעמען זיך דערפאַר אַליין זייער באַלוינונג. פאַר דער פרייגיבי־קייט פאַרנודעט ער פּשוט דעם קאָוראַדאָר.

פאַר דער פּעזע מוז דער קאָוראַדאָר נעבעך אויסהערן יעדעס מאָל די זעלבע לאַנגע און נודנע געשיכטעס, ווי אַזוי ער איז אַ חתן געוואָרן פאַר זיין ערשטן ווייב, אַ ליכטיק גן־עדן אויף איר! ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון פאָניעס הענט און ווי אַזוי ער האָט זיך אָנגע־פּלאָגט אין קאָלומבוסעס מדינה, ביז ער איז געוואָרן אַ לייט...

ווען דאָס איינמאָנען דעם חודש־אָפּצאָל פאַר אַלע יידישע אינסטי־טוציעס וועט אַמאָל קאָנצענטרירט ווערן, וועלן די אינסטיטוציעס פאַר־לירן אַ סך פון די מיטגלידער, ווייל אַ סך מיטגלידער אינטערעסירט מער דער קאָוראַדאָר ווי די אינסטיטוציע...

אין קענגנזאץ צו די פערסאָנאַזשן זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס וואַרפן צו דעם קאָווראַדאָר די פּעזע מיט אַ ברוגז, מיט אַן אויסדרוק פון פאַראַכ־טונג, אַן אויסצורעדן אַ וואָרט, אָן צו שענקען אים די מינדסטע אויפ־מערקזאַמקייט.

די קאָמפּליצירטקייט פון דעם קאָווראַדאָרס אַרבעט ליגט אין דעם, וואָס די קליענטעלע זיינע לאָזט זיך נישט פאַראַלגעמיינערן, לאָזט זיך נישט באַנעמען מיט אַלגעמיין־פּסיכאָלאָגישע געזעצן. יעדער איינער פון זיין צאָלרייכער קליענטעלע פאָדערט אַ אינדיווידועלע באַהאַנדלונג. דער זעלבער פּסיכאָלאָגישער כּלל, וואָס אָנגעווענדעט צו איינעם, גיט ער אַ גוטן רעזולטאַט, ווירקט ביי אַ צווייטן פּונקט קאַפּויר.

אָט איז אַ קליינער ביישפּיל:

עס איז זייער נאַטירלעך, אַז דער קאָווראַדאָר מיטן קומען יעדן חודש אין דער זעלבער שטוב אַריין פאַרבינדט זיך צווישן דעם קאָווראַדאָר און דעם געבער אַ געוויסע היימישקייט, און היימישקייט באַפּליכטעט. מיט היימישע מענטשן האָט מען דאָך אַ קליין ביסל איינזען.

אָבער די היימישקייט ווירקט אויף אַנדערע גראָד שלעכט. פאַראַן מענטשן וואָס האָבן מורא און אַנטלויפן פאַר היימישקייט... עפּעס ווייזט זיי זיך אויס, אַז דער קאָווראַדאָר ווערט אַ סטאַבילער שותּף צו זיינע געשעפטן, ווען ער מוז יעדן חודש צאָלן אַ געוויסן פּראָצענט, און ער באַקומט אים דערפאַר פיינט.

און נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל:

פאַראַן צאָלער וואָס פאָדערן ביים קאָווראַדאָר, אַז ער זאָל קומען צו זיי פּונקט אין דעם טאָג, ווען זיי באַקומען זייערע שכירות, ווען עס דרייט זיך נאָך אַ פּעזע אין קעשענע.

איז דווקא דעם קאָווראַדאָרס קומען פּונקט צו דער צייט, פאַר אַנ־דערע, אַן אויפרעגנדער מאָטיוו. „גיב נאָר אַ קוק — טענהן זיי — ווי זיי זיינען דאָס אינפאָרמירט, ווי זיי לאָקערן דאָס אויף מיין פּעזע"...

ווער קאָן זיך דאָס דערגרונטעווען צו דער לאָגיק פון דעם מענטש וואָס דאַרף אַרויסנעמען אַ פּעזע פון קעשענע?

דער ערגסטער טיפּ אָבער פאַרן קאָווראַדאָר זיינען די, וואָס אָן קיין שום לאָגישע אָדער פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, הייסן זיי אים קומען מאָרגן, איבערמאָרגן...

און דאָס איז נישט דערפאַר ווייל זיי האָבן נישט. דאָ טרעפט זיך אָן דער קאָווראַדאָר פּנים אל פּנים מיט מענטשלעכער שלעכטס, מיט דער

מענטשלעכער הנאה פון איזדיעקעווען זיך איבער אים, אז עס זאל אים נישט חלילה צו גרינג אנקומען זיין ברויט.

אויף דער סאמע איידלסטער נשמה־סטרונע קומט אויס צו שפילן דעם קאווראדאר. וואס איידעלער די סטרונע, אלץ ראפינירטער מוז זיין דער שפילער. א סך קאווראדארן זיינען אזוי ראפינירט געווארן אין זייער קונסט, אז זיי פארשטייען אפילו אויסצונוצן די סיטואציעס, וואו עס הערשט נישט קיין שלום־בית צווישן מאן און ווייב...

* * *

עס בעט זיך דא א פארגלייך צווישן קאווראדאר און דעם אריסטאַ־קראטישן ברודער זיינעם — דעם שליח.

בשעת דער קאווראדאר טוט זיין ארבעט אין דער שטיל, באשיידן, טוט דער שליח זיין ארבעט מיט פאמפע, בקולות וברקים.

די קוים אנגעהויבענע ארבעט פון שליח מוז דערנאך דערגענצט ווערן פון קאווראדאר, און אין ווינציקער גינסטיקע אומשטענדן.

אין א מאמענט פון פייערלעכקייט, אויף אימפאזאנטע באנקעטן איז נישט שווער דעם שליח ארויסצובאקומען הבטחות אויף טויזנטער; שווער אבער, מיט גרינגע ווערים קומט אן דעם קאווראדאר איינצומאנען די הבטחות, און דאס אין די געוויינלעכע וואכן־טעג, ווען די פייערלעכע שטימונגען און דער ענטוזיאזם האבן זיך שוין פון לאנג אויסגעוועפט...

ער האט זיך כשר פארדינט, דער קאווראדאר, אז מען זאל אים שטעלן א מאנומענט. ער האט אזוי פיל לייסטונגען פאר אונדזער לעבן.

פונקט ווי אונדזער שול־ווען שפארט זיך אן אויף די איינגעבויגענע פלייצעס פון אונדזער זיידע און באבע, אזוי האלטן זיך אונדזערע אלע אינסטיטוציעס אויף דעם קאווראדארס פיס...

עס איז פאראן א קלאסישער וויץ ביי די קאווראדארן, א וויץ, וואס דערציילט א סך וועגן דער שווערער פראפעסיע זיינער:

א קאווראדאר קלאפט אן אין טיר. א קינד עפנט די טיר.

— וואס ווילט איר?

— זאג דעם פאפא, אז דער קאווראדאר איז געקומען.

גייט אוועק דאס קינד און ער קומט גלייך צוריק פון אינעווייניק מיט א תשובה:

— דער פאפא זאגט, אז ער איז איצט נישטא אינדערהיים...

אט דעם דאזיקן זאג וואלט מען געדארפט אויסנוצן פאר דעם מאַ־נומענט וואס מ'וועט אמאל שטעלן דעם קאווראדאר.

„דער פאפא איז נישטא אינדערהיים"...

דער ציַיטונגס־פאַרקויפער

ער איז דאָס קינד פון דער גרויסער שטאָט, פון דעם אומענדלעכן אספאַלטירטן מדבר. ווער נאָך איז אַזוי אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער שטאָט, ווי ער, דער ציַיטונגס־פאַרקויפער?

דער אייביקער גערויש און טומל פון דער מיליאָנען־שטאָט האָט אים געבוירן, האָט אים דערצויגן און אַריַינגעגאָסן אין זיַינע קוועקזילבערדיקע בלוטן דעם גאַנצן אומרו און צאַפּל פון דעם מיליאָניקן מענטשן־מוראַשניק.

די גאַנצע דינאַמישקייט פון דער מיליאָנען־שטאָט, מיט אַלע אירע גאַסן און הינטער־גאַסן, מיט אַלע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, לענגאַלע און אומלענגאַלע ערטער און מסחרים, זיַינען קאָנצענטרירט אין זיַינע בלוטן. נישטאָ פאַרן ציַיטונגס־פאַרקויפער עפּעס, וואָס זאָל דאָ זיַין פאַרהוילן פאַר אים. אין די וויַיטסטע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון דער שטאָט וועט ער טרעפן און וועט זיך דאָרט פילן ווי ביַי זיך אינדערהיים.

ער איז דאָך דער, וואָס הערשט איבער דער שטאָט, ער איז דאָך דער אומאָפּיציעלער, אומגעקרוינטער שטאָט־מער, וואָס מאַכט זיך דאָך נישט קיין וועזן פון זיַין פּאָזיציע, וואָס ער פאַרנעמט...

ער איז דאָס קינד פון דער שטאָט. דאָ אויפן שטאָטישן פאַרשטיי־נערטן באָדן, איז ער אויפגעגאַנגען, טראָגט ער אין זיך אַלע זאַפטן און אַלע אומריַיניקייטן פון דעם שטאָטישן באָדן.

און פון דאַנען זיַין אייביקע אומרואיקייט, זיַין הפקרדיקייט, זיַין צו־פרידנקייט און זיַין געשיקטקייט און רירעוודיקייט.

דער ציַיטונגס־פאַרקויפער איז נישט פאַרשריבן אין קיין שום ספּאָרט־אָדער שווים־קלוב, און דאָך איז ער פון די בעסטע ספּאָרטלער און שווי־מער. ווער קען זיך דען מיט אים פאַרהערן אין לויפן און שפּרינגען פון אַ לויפנדיקן אָמניבוס אָדער טראַמוויי? ווי אַ פיש שווימט ער אַרום אין שטאָט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווער קען זיך פאַרמעסטן מיט זיַין פלינקייט, בויגזאַמקייט און אויסדויער?

און חכמה פארמאגט ער, דער צייטונגס־פארקויפער — קאנדענסיר־טע לעבנס־חכמה. געגוג פאר אים איין־איינציק ווארט, אן אנדייט, א וואונק, א בליק, אז ער זאל זיך אריענטירן אין דער סיטואציע.

אלע אין אים איז אזוי וואך און אנגעשפיצט, אז ער פארשטייט און דערפילט עס נאך איידער מ'זאגט דאס אים. לויט דעם אויסזען און גאנג נאר פון א מענטשן, דערקענט ער שוין וואסער צייטונג ער דארף אים אנטקעגנטראגן...

פירט צונויף א יונגן צייטונגס־פארקויפער מיט א יונגן פרינץ, פון דער זעלבער עלטער, מיט א טאטנס א קינד, אדער מיט א געפיעשטשעטן און גוט־געפלעגטן בן־יחיד, וואס א האלבע טוץ לערער זארגן זיך פאר זיין דערציאונג און אנטוויקלונג, — וועט איר זען, וואס פאר א מרחק עס ליגט צווישן זיי. ער געווינט זיי אלעמען.

דאס לעבעדיקע, צאפלדיקע לעבן, וואס פלייצט אויף אלע גאסן פון דער שטאט, און די נויט, וואס האט אים ארויסגעשטעלט אין גאס און אים געמאכט זעלבסטשטענדיק — זיי זיינען זיינע לערער געווען.

* * *

און ווי איינער וואס איז פול מיט חכמה — ווייסט ער נישט פון קיין קנאה. דווקא ער, דער באהעם איבער אלע באהעמען, איז א צופרי־דענער מיט זיין שטאנד. ער איז אפשר דער איינציקער צופרידענער מענטש אין שטאט.

ער פארשטייט צופיל דעם גאנג פון די געשעענישן, אז ער זאל ווע־מען דארפן מקנא זיין. אלע אויסטערלישע געשעענישן, וואס פאסירן אין שטאט און אויף דער וועלט באגרייפט דער צייטונגס־פארקויפער, ווי א נאטירלעכקייט, ס'איז נאר א פראגע פון צייט — ווען דאס וועט פאסירן...

א מענטש, וואס טראכט אזוי — איז אים פרעמד דאס געפיל פון קנאה.

עס פארט א פריץ אין א פונק־נייעם אויטאמאביל. די רעדער שוועבן איבערן גלאטיקן אספאלט מיט א גרינגקייט, פארביי גאסן, מיט גדלות: „נאט זעט!”.

דער צייטונגס־פארקויפער קוקט אים נאך מיט א ציניש קוים־באַ־מערקבארן שמייכל: מארגן, איבערמארגן — אמאל, וועט דער זעלבער

אויטאָ מיט זיין באַלעבאָס זיין פאָטאָגראַפירט אין די נאָכמיטיק־אויס־גאַבעס, וואָס ער פאַרקויפט, אונטער אַ גרויס קעפל: „קרבנות פון אַ שרעקלעכן צוזאַמענשטויס"...

נאָכאַלעמען, פאַרוואָס זאָל דער צייטונגס־פאַרקויפער וועמען מקנא זיין? ס'איז אים אויף אַן אמת גוט, דעם באַהעם איבער אַלע באַהעמען. די גאַנצע גרויסע מיליאָנען־שטאָט, מיט אַלע בענק פון די פּלאַסעס, מיט אַלע אויטאָמאַטישע באַרן זיינען דאָך זיינע. ער האָט נישט קיין היים? די גאַנצע שטאָט, אין דער לענג און אין דער ברייט, מיט אַלע גאַסן און הינטער־גאַסן, איז דאָך זיין היים.

* * *

ווען שלאָפט ער, ווען רוט ער, אַז ער איז דער ערשטער צום אויפ־שטיין און דער לעצטער צום שלאָפן־גיין?

דער אייביקער שטאָט־גערויש און טומל, וואָס מאַכט אים וואַך און געשפּאַנט, מאַכט אים אויך שטאַרק, גיט אים כוחות און חיונה.

רייסט־אָפּ דעם צייטונגס־פאַרקויפער פון דער שטאָט און פירט אים אוועק אויף אַ רואיק און שלוהדיק אָרט, וועט ער פאַרוועלקט ווערן און אויסגיין, פּונקט ווי אַ צווייג, וואָס מען האָט אָפּגעריסן פון איר שטאַם.

נאָך אַלעמען איז רו אַ באַלעבאַטישער באַגריף: אַ שפּאָרזאַמקייט אין אויסגעבן ענערגיע, גלייך ווי מיר פליסן זיך און באַטראַכטן פאַר אַ טוגענט צו זיין שפּאָרזם מיט ניקעלנע מטבעות... זיינען די ביידע באַ־גריפן פרעמד אַ צייטונגס־פאַרקויפער.

ער איז נישט קיין שפּאָרער, ניין! אַ מענטש מיט בטחון איז דער צייטונגס־פאַרקויפער. יעדער טאָג מוז אים ברענגען חיונה, גלייך ווי יעדע שוועל קען אים ברענגען רו.

ער האָט נישט קיין שפּאָר־ביכלעך. אויב עס בלייבט אים אַ סופּעראַ־וויט פון זיינע טעגלעכע אָפּעראַציעס, אַדאַנק עפּעס אַ זעלטענעם, קרבנות־פולן צוזאַמענשטויס, אַדאַנק אַ דרייסטן איבערפאַל, אָדער צוליב אינ־טערנאַציאָנאַלע געשעענישן — וועט ער פריער נישט רוען ביז ער וועט דעם עודף פאַרשפּילן אין קאָרטן, אין אַ געוועט, אָדער סתם אַזוי אויס־געבן אויף וואָס עס זאָל נישט זיין.

אויב אַ צייטונגס־פאַרקויפער איז יאָ וועמען מקנא, איז דאָס דעם שאָפער. דאָס רעדל פונעם אויטאָ צינדט זיינע בלוטן און רייצט זיין פאַנ־טאַזיע.

אויב ס'איז אמת, אַז דער היינט־צייטיקער מענטש האָט אַ באַזונ־דערן חוש פאַר באַוועגונג, פאַר גיכקייט — האָט אים איבערהויפּט דער צייטונגס־פאַרקויפער; ער, וואָס טראָגט אין זיינע בלוטן די גאַנצע די־נאַמישקייט און ריטם פון דער מיליאָנען־שטאָט.

אַלע טראַמווייען און אָמניבוסן לויפן דאָך צו־פאַוואָלינקע פאַר אים. מיט זיינע אויסגעקרומטע פון ראַכיטיזם פיס, דעריאָגט ער זיי און יאָגט זיי איבער...

* * *

אַ צייטונגס־פאַרקויפער קען נישט גיין — עס הויבט אים און טראָגט אים. שטורעמס געצווימטע טראָגט ער אין זיך.

אָנגעהויבן אַלס צייטונגס־פאַרקויפער, וועט ער שוין מוזן ענדיקן מיט זיין מיסיע פון שטילן דעם נייגער פונעם עולם, דורך צושטעלן אים געהרגעטע און פאַרוואונדעטע, דורך צושטעלן איבערפאַלן, בירגער־קריגן, רעוואָלוציעס און אַלע אַנדערע געשעענישן וואָס שמעקן מיט מענטש־לעך בלוט...

ווי אַן אומרו טראָגט ער זיך איבער די גאַסן. מעג די זון גליִען, מעג רעגענען אָדער האָגלען, אָדער בליצן. דאָס קינד, וואָס איז אויפגעגאַנ־גען, אויפגעהאָדעוועט זיך אויף דער אַספאַלטירטער און בעטאָניזירטער מאַמע־ערד, האָט זיך ענדלעך באַפרייט פון דער נאַטור און פון אירע קאַפּריזן...

שטייט ער אַ וואַכער אויף יעדן ראָג און לויערט מיט אַלע זיינע חושים, מיט זיין גאַנצן וועזן אויף עפּעס אַ וואונק, אויף אַן אויסרייד צו קענען אַ שפּרונג־טון און פאַרמעסטן זיך מיט אַ דורכפליענדיקן אָמ־ניבוס... דעמאָלט וואַקסט ער אַריבער זיין פאַך, זיינע פאַרדינסטן און אפילו זיין אייגן לעבן, ווייל עפּעס העכערס, עפּעס ווערטפולערס שטייט דעמאָלט אין קאָן: זיין פּרעסטיזש, זיין מיסיע, וואָס די נויט האָט אים פאַרטרויעט...

* * *

אַ צייטונגס־פאַרקויפער פאַרקויפט נאָר צייטונגען, אָבער ער אַליין לייענט זיי נישט.

פונוואַנען זאָל ער דען נעמען אַזויפיל געדולד אויף צו קאָנען זיך

אוועקזעצן אויף געציילטע מינוטן? אלץ וואס ער קען נישט געוואויר ווערן צווישן איין שפרונג און א צווייטן — דארף ער דאס נישט וויסן, לאזט ער דאס איבער פאר אלע באלעבאטישע און סטאטעטשנע קינדער, וואס גרייטן זיך צו מאכן קאריערעס...

ער וואס ווייסט דעם סוד פון די צייטונגס־נייעסן און פון די גרויסע צייטונג־קעפ, דארף נישט לייענען קיין צייטונגען. בשעת הדחק, ווען זיין געשעפט פאדערט דאס, קאן ער דאך אליין צוטראכטן רופנדיקע און אנציענדיקע נייעסן ווענן בלוטיקע איבערפאלן און סעקוועסטרירונגען... טא צו וואס דארף ער דאס לייענען?

לייענט ער טאקע נישט דער צייטונגס־פארקויפער קיין צייטונגען: ער פארקויפט זיי נאר. אבער אינפארמירט און אריענטירט אין אלע לויפנדע געשעענישן, איז ער נישט ווינציקער ווי א פראווינציעלער דעפוטאט אדער מיניסטער.

אויב איר ווילט פאקטיש וויסן ווי עס האלט עפעס מיט אונדזער וועלט, טא רעדט זיך דורך מיט א צייטונגס־פארקויפער; ער וועט נאר נישט אויסבאהאלטן און פארדעקן פאר אייך, ווייל זיין שפראך איז אן אפענע, א נישט־געצוימטע. אזוי ווי ער אליין איז דאס.

* * *

ס'איז אן אנגענומענע מיינונג, אז צייטונגס־פארקויפער לעבן זייער קורץ. ער שטארבט אין א דורכשניטלעכן עלטער פון 30־35 יאר. און מעגלעכקייטן, אויסזיכטן, וואס קענען פארקירצן זיין לעבן, האט דער צייטונגס־פארקויפער א סך:

ער קאן צעשמעטערט ווערן פון אלע מינים מאטאריזירטע וועגענער, וואס יאגן ארום שטענדיק אין שטאט און זוכן פאר זיך קרבנות: ער קאן צעפרעסן ווערן פון טובערקולאז, פון פארשידענע האלדז־קראנקייטן און אלע מינים פארקילעכצן, וואס גרעניצן זיך מיט טויט. ער קאן אויך שטארבן פון אלע אנדערע באלעבאטישע קראנקייטן, אויב דער גורל איז נאר אזוי לייטזעליק זיי אים צוצוטיילן...

אבער דער אמת איז, אז דער צייטונגס־פארקויפער לעבט נישט ווינציקער פון א דורכשניטלעכן מענטשן. דער אונטערשייד איז נאר אין דער אינטענסיווקייט. דער צייטונגס־פארקויפער הויבט־אן זיין אינטענסיוון לעבן אין זייער א פריען עלטער. אלס 9־10־יעריק קינד איז שוין

דער צייטונגס־פארקויפער א רייפער מענטש און אלע סודות פון לעבן זיינען אים שוין באקאנט און נאענט...

ער, דער פריער אויפשטייער אין שטאט, הויבט פרי אן זיין אימ־פולסיוון לעבן.

גענוג גרויס איז טאקע די שטערבלעכקייט צווישן די צייטונגס־פאר־קויפער, אבער ער וועט זיין דער לעצטער צום אונטערגיין, דער לעצטער צום פארשווינדן.

אז די וועלט וועט זיך שוין קייקלען אין אפגרונט אריין, וועט דער צייטונגס־פארקויפער נאך ארומלויפן איבער די חורבות און וועט מיט זיין הייזעריקן האלדז אויסשרייען די סאמע לעצטע און סענסאציאנעלסטע נייעס:

„די וועלט איז אונטערגעגאנגען! — די וועלט! די וועלט!" — — — —

דער קאָנדוקטאָר

אויף אַ בילעטן־פּאַרקויפער פון אַן אָמניבוס אָדער פון אַ טראַמוויי, איז אַ קינד פון דער גרויסער שטאָט, אַ קינד פון אונדזער ציוויליזאַציע.

דאָ, אויף די אַספאַלטירטע וועגן פון דער גרויסער שטאָט האָט ער אָנגעהויבן זיין קאַריערע און דאָ איז ער אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַ וויכטיקע פיגור.

אויב דאָס וואָס כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן אונדזער ציוויליזאַציע איז באַוועגונג, איז דער בילעטן־פּאַרקויפער דער ווירדיקסטער פאָרשטייער פון אונדזער ציוויליזאַציע. ער געפינט זיך דאָך כסדר אין באַוועגונג, ער איז פאַרמשפּט געוואָרן זיין גאַנץ לעבן צו פאָרן. און ווען איר אמאָל אָפּגליקן מיטן גרויסן געווינס, וועט דאָס, זייט זיכער, זיין אויף אַ שטיקל צייט נאָר, און ער וועט זיך מיט דער צייט מוזן אומקערן צוריק צו זיין פאַך...

דאָס פאַך פון אַ בילעטן־פּאַרקויפער געהער צו די פאַכן, פון וועלכע ס'איז אומעגלעך צו אַנטלויפן. מ'קען אַנטלויפן פון אַ געליבטער, פון אַ טורמע, מ'קען זיך אויסבאַהאַלטן פון בעלי־חובות און פון נודניקעס, אָבער נישט פון גורל.

דער וועג פון בילעטן־פּאַרקויפער איז דער וועג פון אַ פאַרמשפּטן. זיין וועג איז אַ רונדיקער, אַ געשלאָסענער קרייז. אַלץ איז אים שוין אויף דעם וועג באַקאַנט. נישטאָ גאָרנישט וואָס זאָל אים אָפּפרישן, אַ גלאַנץ־טון מיט נייקייט, מיט רייץ.

אָבער ער איז נישט קיין טראַגישע פיגור, דער בילעטן־פּאַרקויפער, ניין.

ער איז שטענדיק אויסגעהונגערט נאָך דער שטאָט און נאָך מענטשן. ווי מיד ער איז שוין נישט פון די מענטשן, וואָלט אים אַ סך שווערער געווען צו פאָרן איינגאַנצן אָן מענטשן. יעדער פּאַסאַזשיר גיט אויף אים אַ ווייע, ווי אַ פרישן ווינטל, מיט עפּעס אַ סוד, מיט עפּעס אַ נייעם זשעסט, מיט עפּעס אַ נייעם נוסח.

* * *

די גאַנצע גרויסע שטאָט מאַרשירט פאַרביי, דעפּילירט פאַרן בי־לעטן־פאַרקויפער. די באַגעגעניש איז טאַקע אַ קורצע, אַ קאַלטע, אַ גע־שעפטלעכע, אָבער דאָס איז געוויין צו פילן זיך פאַרפליכטעט און צוגע־בונדן צו דער אומבאַקאַנטער מענטשלעכער פּאַסאַזשירן־מאַסע.

עס טרעפט, אַז עס ווערן אים פּלוצים פאַרפאַלן לאַנג־יאָריקע פּאַ־סאַזשירן. אַ צענדליק, אָדער אַנדערהאַלבן צענדליק יאָרן פליגן פּאַסאַ־זשירן, אומבאַקאַנטע פּאַסאַזשירן, פאָרן מיט אַ נאָרמאַלקייט פון אַ זייַ־גער־מעכאַניזם, און פּלוצים האָט זיך עפּעס אַ פּאָדים איבערגעריסן אין דעם מעכאַניזם און זיי ווייזן זיך מער נישט — פאַרשווינדן פון דער אויבערפלאַך. אפשר געשטאָרבן? אפשר אָפּגעזאָגט זיי פון די פּאָסטנס?

אָבער ער נעמט זיך נישט דעם פאַרלוסט צום האַרצן. דעם בילעטן־פאַרקויפערס אָפּטימיזם שטיצט זיך אויף דעם אייביקן נאַטור־געזעץ, אַז עס וועלן נישט אויספעלן קיין פּאַסאַזשירן...

עפּעס פון אָפּטימיזם, עפּעס פון גלויבן איז פאַראַן אין דעם בילעטן־פאַרקויפער, וואָס אימפּאָנירט. ווער האָט נאָך אַזאַ פאַרשטענדעניש פאַר מענטשן, ווי ער? ווי טייערע ווערט־שטיינער קלויבט ער זיי אין אַלע ראָגן און צעשפּרייט זיי אויף אַלע ראָגן, כדי זיי שפּעטער, מאָרגן, ווידער צונויפקלייבן...

* * *

אַ בילעטן־פאַרקויפער האָט מער ווי יעדער איינער די מעגלעכקייט צו אַרייַנקוקן אין דער גאַנצער אומזיניקייט פון דער מענטשלעכער שפּיל, וואָס מיר רופן לעבן. אַלע, די גאַנצע שטאָט־אייַנוואוינער, מיט אַלע זייערע צילן, באַגערן, פּלענער, גייען פאַרביי דעם בילעטן־פאַרקויפער.

נאָך מער ווי דער בעדער, האָט דער בילעטן־פאַרקויפער די מעגלעכ־קייט צו זען די מענטשן אין זייער נאַקעטקייט. ער זעט זיי, ווען זיי קומען אַרויס פון זייערע היימען זיכערע, פרישע און ער זעט זיי, ווען זיי פאָרן אַהיים, ביים שיין פון דער עלעקטרע, מידע, אַנטוישטע.

ווער נאָך ווי ער האָט די מעגלעכקייט צו זען ווי עס צעגייען זיך די וועגן פון די הונדערטער פּאַסאַזשירן זייַנע? כאָטש אַלעמענס צילן זייַ־נען די זעלבע, זייַנען זייערע וועגן פאַרשידן.

אַזוי פיל פּאַסאַזשירן, אַזוי פיל וועגן, אַזוי פיל וועלטן! און דער בי־לעטן־פאַרקויפער איז דער לעבעדיקער נערוו פון דעם אַלעם. ווי טעמפּ,

ווי בלינד ער זאָל נישט זיין, מוז ער זען און הערן. און זען און הערן — דאָס זיינען די רוי־מאַטעריאַלן פון חכמה.

ס'איז נאָר גענוג זיינער אַ בליק, און ער ווייסט שוין דעם תוך פון יעדן פּאַסאַזשיר. נישט שטענדיק וועט ער דאָס קענען אַרויסברענגען מיט ווערטער. טוט ער דאָס מיט אַ וואונק, מיט אַ בליק, אַ ציק מיט דער פּלייצע...

ס'איז גענוג פאַר אַ בילעטן־פאַרקויפער — מיר רעדן פון די וויר־דיקע רעפּרעזענטאַנטן פון דעם פאַך — נאָר אַ קוק צו טון אויף אַ פּאַ־סאַזשיר, און שוין ווייסן וואוהין (און אפשר אויך נאָך וואָס) ער פאָרט. אויב ער פרעגט זיך ווען עס איז איבער, איז עס נאָר כדי זיך איבער־צוצייגן, צי זיין מיינונג איז געווען די ריכטיקע...

איין קוק אויפן פּאַסאַזשיר, און ער ווייסט שוין צי מ'דאַרף אים אַ רעשט געבן פּונקט וויפל עס קומט, אָדער עס מעג זיין מיט צען סענט ווינציקער... און דאָס טוט ער נישט צוליב בייזוויליקייט, ניין. ער טוט עס צוליב צייט־פאַרטרייב, צוליב ספּאָרט, צוליב אויספּרואוון זיין אָנ־געזאַמלטע עקספּעריענץ, צי זי נאַרט אים נישט אָפּ...

אַ בילעטן־פאַרקויפער איז דער שטאַרקסטער אָנהענגער פון פּראָ־גרעס. זיין לאָזונג איז: „פאָראויס!” „אַ טראָט פאָראויס!”...

אָ, וויפל מאָל אין טאָג ער מוז וועגן דעם דערמאָנען דער אַ היפּש ביסל פאַרטעמפּטער פּאַסאַזשירן־מאַסע...

* * *

דער בילעטן־פאַרקויפער איז די הייבאַם פון דער גרויסער שטאָט. ווייל די איינוואוינער פון דער שטאָט גייען דורך צו עטלעכע מאָל אין טאָג דורך זיינע הענט. איז ער טאַקע דעריבער קלוג, אַזוי ווי הייבאַמס, מערסטנס, זיינען דאָס.

ס'איז דאָך אוממעגלעך צו באַגעגענען זיך טאָג־איין טאָג־אויס מיט אַזוי פיל מענטשן און נישט לערנען עפּעס פון זיי. איז אַ בילעטן־פאַר־קויפער טאַקע פון די קליגסטע מענטשן פון שטאָט. אָבער זיין קאָנדענ־סירטע אָנגעקליבענע מענטשן־קענטעניש קומט ביי זיין אַרבעט נישט צום אויסדרוק. בלייבט זי אָן אַן אויסגאַנג, אומפּראָדוקטיוו, פאַרשלאָסן, אַזוי ווי עס איז זיין וועג.

די עקאָנאָמיסטן זאָגן, אַז יעדעס לאַנד דאַרף האָבן אַן אויסגאַנג

צום ים, און דער אמת איז אז נישט נאר א לאנד, נאר יעדער מענטש נויטיקט זיך אין אזא אויסגאנג, אין א פענצטער צו דער וועלט...

* * *

עס הערשט א שנאה צווישן דעם בילעטן־פארקויפער פון טראמוויי און צווישן בילעטן־פארקויפער פון אמניבוס. פארוואס דאס איז אזוי, איז נישט גאר קלוג דאס צו פרעגן. ווייל שנאה איז מענטשלעך, ריוואַ־ ליטעט איז דער סוד פון שעפערישקייט פאר דעם מענטשן...

דער מענטש האט זיך טאקע ציוויליזירט, ער האט זיך אויסגעלערנט צו עסן פלייש מיט א גאפל, ער האט זיך אויסגעלערנט צו טראגן שליי־ פעס און צו פוצן זיך די שיך און די נעגל, אבער די געזעצן פון וואלד, די פרימיטיווע געזעצן פון קאמף צווישן שטארקן און שוואכן, האלטן נאך אלץ אן און דאמינירן אין אונזער לעבן. עס האבן זיך נאר געביטן די מעטאדן פון קאמף.

מיר ספעציאליזירן זיך אויסצוגעפינען תירוצים פאר דער אייביקער שנאה צווישן יהודים און פעלקער. אויך דא איז נישט שווער צו גע־ פינען אויבערפלעכלעכע סיבות. דער בילעטן־פארקויפער פון טראמוויי און דער פון אמניבוס — זיי ארבעטן און לעבן אין צוויי פארשידענע ריט־ מען. דער ריטם אדער דער טעמפעראמענט שפילט א וויכטיקע ראל ביים דערנענטערן אדער דערווייטערן מענטשן.

דער ריטם, די גיכקייט פון באוועגן זיך, באאיינפלוסט און רעגולירט אונדזער לעבן. א מענטש וואס באוועגט זיך מיט א גיכקייט פון, זאגן מיר, 100 קילאמעטער א שעה, מוז זיין אריענטאציע, זיין אויפכאפן זאכן, מענטשן און דעם ארום, אויך מיטלויפן אויף דער זעלבער שנעל־ קייט. אנדערש איז מען אויסגעשטעלט אויף א כסדריקער געפאר.

די פיזישע באוועגונג פארגיכערט אויך דעם מענטשנס פלינקייט און בליציקייט.

א בילעטן־פארקויפער פון אן אמניבוס איז דעריבער א סך קליגער ווי זיין פאך־קאלעגע אויפן טראמוויי. דער אונטערשיד אין זייער חכמה, איז דער אונטערשיד, וואס ליגט אין דער גיכקייט צווישן טראמוויי און אמניבוס. אייגנטלעך איז עס נאר פלינקייט פון באנעמען און אריענ־ טאציע, אבער וואס איז דען חכמה, וואס איז דען אינטעליגענץ, אויב נישט פלינקע אריענטאציע?

די שנאה צווישן די ביידע בילעטן־פארקויפער ווערט איינגעשטילט, ווערט אויסגעלאשן דורך דער אויטאמאטישער בילעטן־מאשינקע, וואס

ווערט שוין באַנוצט אין די אונטערגרונד־באַנען. די אויטאָמאַטישע מאַ־
שינקע לאָזט זיי ביידע — נישט קוקנדיק אויף זייער גראַד חכמה, וואָס
זיי האָבן — איבער אויפן גאַס...

* * *

סימבאָליש גענומען איז דער בילעטן־פאַרקויפער דער טראַגישסטער
פערסאָנאַזש פון דער גרויסער שטאָט ווייל זיין וועג איז אַ פאַרמאַכטער,
אַ געשלאָסענער — אַ כישוף־קרייז אָן אַן אויסוועג. ער איז דאָך דער,
וואָס פאָרט און דערפאָרט נישט...

אָבער דער שטאָט־מענטש, דער פּראַקטישער שטאָט־מענטש פון בעטאָן און אַספאַלט איז נישט גענויגט צו סימבאָליזירן. און אַמווינציקסטן איז דערצו גענויגט דער בילעטן־פאַרקויפער זעלבסט. זיין עכטער און נאַטירלעכער אָפּטימיזם ווערט נאָר פאַרהויכט, פאַרטונקלט פון אַ שיכט פּרעטענציעזע פאַסאַזשירן, וואָס מאַכן דעם בילעטן־פאַרקויפער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע דורכפאַלן...

אַ בילעטן־פאַרקויפער וואָלט צוליב זיינע אַרבעט־באַדינגונגען געדאַרפט זיין דער נערוועאישסטער מענטש אין שטאָט. ער, וואָס לעבט זיך אוים אין שטענדיקן טומל און גערויש, אין אייביקן געאייל און געדרענג — וואָלט געדאַרפט זיין אַ לעבעדיק שטיק נערוו.

לאָזט זיך גאָר אוים, אַז ער איז פון די געדולדיקסטע מענטשן פון שטאָט. זעלטן, זעלטן, אַז ער דערלאַנגט אַ פאַסאַזשיר מיט דער בילעטן־מאַשינקע איבערן קאָפּ.

דאָס כסדרדיקע פאָרן און באַוועגן זיך, שטאַרקט אים, טאָניפיצירט זיינע נערוון.

אַ בילעטן־פאַרקויפער איז אַ לעבעדיקע אַפּלייקענונג פון אַלע מעדיציניש טעאָריעס וועגן דער נויטווענדיקייט צו אָטעמען מיט ריינער לופט. זיין לעבנסאָרט באַווייזט, ווי מען קאָן אויסקומען מיט אָטעמען אַנשטאָט לופט — שטיקענדיקן גאַז און אויטאָמאָבילן־רויך.

פון שטענדיק ציילן, מישן די ניקעלנע מטבעות, זיינען די שפּיץ־פינגער זיינע אַביסל פאַרשוואַרצט, פאַרברענט. אָבער ער מאַכט זיך נישט קיין וועזן דערפון. ער האָט קיין צייט נישט צו באַטראַכטן זיינע הענט. אַ קלינג, און ווייטער געפאָרן, — צוריק אין געיעג.

און ביי דעם אַלעם פאַרלירט דער בילעטן־פאַרקויפער נישט דעם קאָפּ. עס האָט נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט, אַז אַ בילעטן־פאַרקויפער זאָל פון אַ פּעזע אַ רעשט געבן מיט צען סענט מער...

דאָס איז באמת אַ וואונדער.

דער גנב

א.

גנבה און פֿאַרברעכן איז שוין אַזוי אַלט, ווי אַלט עס איז די מענטשהייט. דער „לא תגנוב" און „לא תרצח" זיינען אַ סך שפּעטערע לאַזונגען, מיטלען ווי אַזוי די שוואַכקייט צו באַקעמפן.

מיט׳ן מאָמענט ווען דער ערשטער אור־מענטש האָט אויפגעהויבן פון דער ערד עפּעס אַ גלאַנציק שטיינדל, צי אַן אויסנעבויגן צווייגל, וואָס דער ווינט האָט אָפּגעבראָכן פון אַ בוים, האָט אַ צווייטער מענטש וואָס האָט זיך געפונען לעבן אים, געוואָלט דאָס ביי אים צונעמען, צוגנבענען, אָדער גאָר ארויסרייסן מיט כוח.

און פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף. דער ערשטער האָט אָנגעהויבן צו באַוואָרענען זיך, אַז מען זאָל זיין פאַרמעגן ביי איב נישט צונעמען, און דער צווייטער האָט אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען, ווי אַזוי דאָס יאָ צו באַקומען.

איינגנטלעך שפּיגלט אָפּ דער קאַמף אונדזער גאַנצע אַנטוויקלונג, אונדזער גאַנצע ציוויליזאַציע און קולטור פון אַלע צייטן אָן ביז היינט. די יוריספּרודענץ, די פילאָזאָפיע, די עטיק, די קונסט און די וויסנשאַפט, האָבן טיילמאָל באַוואוסטזיניק, אָדער אומבאַוואוסטזיניק געדינט איינעם פון די קעמפנדע צדדים.

ווייל עס איז דאָך גאַנץ גלייכגילטיק, צי די קעמפנדע צדדים זיינען איינצלנע יחידים, צי פעלקער גאַנצע. עס איז דאָך איינס און דאָס זעלביקע, צי די קעמפנדע צדדים רופן זיך קין און הבל, צי גאָר איטאַליע און עטיאָפּיע, יאַפּאַן און כינע, אָדער גערמאַנער און סלאַוון.

עס בייט זיך נאָר אַלעמאָל דער אָביעקט און די מעטאָדן פון קאַמף. אַנשטאָט אין די אור־צייטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז דער קאַמפּס־אָביעקט געווען פאַשע־פעלדער און ברונימער, איז דער היינטיקער אָביעקט פון די קאַמפן: קוילן־גרובנס, נאַפט־גרובנס, אייזן־מינעס, אָדער די העגעמאָניע איבער ימים און קאָנטינענטן.

דאָס גנבים און רויבער־פאַך איז אַלט, גאָר אַלט, און וועט נאָך מסתמא אַזוי לאַנג עקזיסטירן ווי לאַנג עס וועט עקזיסטירן די מענטש־הייט. די פּאָליציי פּרעטענדירט נישט אונטערצוברענגען, אויסצוראָטן דאָס פאַך; דאָס ליגט שוין אויסער איר קאָמפּעטענץ. זי וויל נאָר די פאַרברעכער־וועלט היטן, האָבן אַן אויג אויף איר און צוימען אַ קליין ביסל איר וואוקס און אַנטוויקלונג.

ב.

נישטאָ קיין איין פאַך אין דער וועלט, וואָס מוז זיך אַזוי כסדר באַנייען, ווי דאָס גנבים־פאַך. זיי מוזן נאָכגיין יעדן טריט פון פּראָגרעס און זיך צופּאַסן צו די סאַמע לעצטע טעכנישע דערגרייכונגען. צו יעדער דערפינדונג מוזן זיי באַלד צוטראַכטן אַ קעגן־דערפינדונג.

די טירן פון די שטיבער ווערן וואָס אַמאָל פעסטער געבויט, די שלעסער קאָמפּליצירטער, זיכערער. אָבער זאָרגט אייך נישט!

גרינג, ווי די פלינקע טענצערין, שפּרינגט דער גנב אַריבער איבער אַלע שטערונגען וואָס ער טרעפט אויפן וועג. און דאָס מוז געשען גיך, בליץ־שנעל. דער באַלעבאָס קאָן זיך דערוויילע אויפוועקן, אַ קינד קאָן זיך פּלוצים צעוויינען, אַדער אַ הונט וועט זיך צעבילן.

אינטואיציע? אינטעליגענץ? דער נאָמען זאָגט סיי ווי גאָרנישט, רופט עס ווי איר ווילט.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע גנבים זיינען קינסטלער אין פאַך. פאַראַן גענוג קאַליקעס, שלים־מזלס צווישן זיי, גלייך ווי אין אַלע אַנדערע פאַכן, ווי למשל, אין שוסטעריי, שניידעריי, לופט־פליעריי א. א. אָבער וועגן די שלים־מזלס רעדן מיר נישט — זאָלן זיי זיך אויסקלייבן אַנדערע פאַכן.

גנבענען און רויבן, דאָס איז אייגנטלעך אַ פּרואוו דורכצוקומען אין לעבן אָן אַרבעט. דאָס איז אָבער אַ דורכאויס נישט קיין געלונגענער פּרואוו. עס קומט דאָך אויס, אַז דער גנב אַרבעט גענוג שווער און בימער אויף זיין ברויט. וויפל מי און וויפל קרבנות עס קאָסט אים אַן אונטערנעמונג!

סיי דער גנב און סיי דער איבערפאַלער באַצאָלן דעם העכסטן פּרייז פאַר זייער ברויט — מיט טויט־שרעק — און אָפטמאָל — מיט זיין פרייהייט און אויך מיט זיין לעבן...

ג.

צווישן די פאַרשידענע קלאַסן גנבים איז פאַראַן אַ מין גנב וואָס האָט דערפירט דאָס גאַנצע פאַך צו אַמתער פשטות און וואולגאַריטעט. דאָס זיינען די שטוב־גנבים, וואָס נוצן אויס די אָפּוועזנהייט פון די איינג־טימער אויף צו באַגנבענען זיי.

עס איז אָבער פאַראַן אַ שיכט אין דער גנבים־וועלט, וואָס וויל אויפ־הויבן דאָס גאַנצע פאַך צו אַ מדרגה. דאָס זיינען די קאַסע־ברעכער. דאָס איז אַ געביט, וואָס פאָדערט הויכע טעכנישע קוואַליפיקאַציעס און אויך כּפּריט, איינפאַל און געשיקטקייט. דער קאַסע־ברעכער באַנוצט זיך מיט קאָמפּליצירטע אינסטרומענטן אין זיין אַרבעט.

די בויער־מאַשין וואָס דער קאַסע־ברעכער נוצט איז אַ קליינע און פּאַרזען מיט אַ עלעקטרישן מאָטאָר. די עלעקטרישע קראַפט באַקומט ער אין דעם לאָקאַל גופא, וואו ער פירט דורך זיין אַרבעט, און די עלעקטרע גייט נאַטירלעך אויפן חשבון פון באַלעבאָס...

אויך מיט קאָמפּליצירטע שוויים־מאַשינען קאָן זיך דער קאַסע־ברע־כער באַנוצן אויב ס'איז נאָר נויטיק. אַ קאַסע־ברעכער איז פון די שע־פערישסטע אין דער גנבים־בראַנזשע. צו זיין שבח מוז אויך געזאָגט ווערן, אַז ער איז פּאַציפיסטיש גענייגט, ער באַנוצט זיך זעלטן מיטן מעסער, אָדער רעוואָלווער.

דאָס איז אַ מענטש מיט אַמביציע, דער קאַסע־ברעכער. זאָל אים אויסקומען אויסצוגיין פון הונגער, וועט ער נישט גיין סתם אַזוי גנבענען אויף אַ וואולגאַרן אופן. דאָס איז דער סטאַר אין דער גנבים־וועלט. אַסך ספּעציאַליסטן דערגרייכן אין זייער קאַריערע ביז צו וועלט־באַרימטקייט.

עס איז נאָך פאַראַן אַ שיכט אין דער גנבים וועלט אויך מיט פּאַ־ציפיסטישע נייגונגען, אָנהענגער פון באַנוצן זיך מיט כימישע מיטלען. זיי ווענדן זיך צו דער כימישער וויסנשאַפט נאָך שלאָף־געטראַנקען און באַטויבונגס־מיטלען, מיט וועלכע זיי שלעפערן איין זייערע קרבנות — אויף אַ שטיקל צייט נאָר.

די זעלבע מעטאָדן — זיכער ביי זיי פּלאַגירטע — ווערן אויך אָנ־געווענדעט אין דער מלחמה־קונסט. דאָס איז די אַזוי־גערופענע „כימיש־באַקטעריאָלאָגישע מלחמה". דער אונטערשיד איז נאָר, אַז אין פאַרגלייך מיט דעם גלענצנדן רעזולטאַט, וואָס ווערט דורך די מיטלען דערגרייכט אויף די שלאַכט־פעלדער, קוקט אויס די גאַנצע טעטיקייט פון דער גנבים־סעקציע, ווי אַן אומשולד...

ד.

גנבים זיינען אייגנטלעך מענטשן מיט שוואונג, זיי האָבן פיינט פאַר־מאַכטקייט, באַהאַלטנקייט און פאַרשלאָסנקייט... און ווי מאָדנע דאָס לעבן איז זיך נוקם אין זיי! מערסטן ווערן זיי אַליין פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן אונטער זיבן שלעסער...

איראָניע פון מענטשלעכן גורל! אַפילו די געשיקסטע און פלינקסטע גנבים קאָנען די איראָניע נישט אויסמיידן.

איינע פון די יונגסטע, אָנגעזעענסטע און אויך פּרעסטיזשפולסטע סעקציעס אין דער בראַנזשע פון גנבים, איז די סעקציע פון געלט־פעל־שונג. איך זאָג יונגסטע, ווייל די סעקציע האָט נישט געקאָנט זיך שאַפן פריער, איידער מען האָט זיך אָנגעהויבן צו באַנוצן מיט געלט אַלס קויף און פאַרקויף־מיטל. עס איז מער ווי זיכער, אַז אין די צייטן פון אדם הראשון און אברהם אבינו זיינען נאָך נישט געווען קיין געלט־פעלשער. מסתמא ווען דאָס די היסטאָריקער שוין געגנוי אויספאָרשן...

דער אור־געדאַנק פון געלט־פעלשונג איז אַ געניאַלער און פּשוטער גלייכצייטיק. צו וואָס מאַכן איבערפאַלן, איינשטעלן די פרייהייט און אויך דאָס לעבן אויף צו באַקומען געלט, אָדער שוה כסף, אַז ער קען אַליין ווערן די ערשטע קוועלע, דער פּראָדוצירער פון געלט.

און די סעקציע האָט זיך אויך איר פילאָזאָפיע, איר מאָראַלישע באַרעכטיקונגען. אַנשטאָט גנבענען ביי יחידים, איז שוין גלייכער צו גנבענען ביים שטאַט, ווען ס'איז גרינגער אַריבערצוטראָגן אַ גנבה איידער אַ יחיד...

אָבער נישט אַזוי גרינג לאָזן זיך פּשוטע געדאַנקען רעאַליזירן. פעל־שן געלט איז ביז גאָר אַ קאָמפּליצירטער געביט, און פאָדערט גרינט־לעכע קוואַליפיקאַציעס אויף אַ סך געביטן. עס איז נויטיק אַ טיפע, סובטילע פאַרשטענדעניש פאַר פאַרבן־האַרמאָניע און עכט־פאַכמענישע קענטעניש אין צייכענען, גראַווירן און אין ליטאָגראַפיע. אויסערדעם מוז מען זיין אַ ספּעץ אין דרוקעריי און זיין דערצו אַ געאיבטער מעכאַניק, צו קענען פּערפעקציאָנירן די „מינערוואַ", אַז זי זאָל טויגן צו דרוקן, אויסער חתונה־בילעטן און בר־מצוה־איינלאַדונגען, אויך... באַנקנאָטן.

איך וואָלט קיינעם נישט געראָטן זיך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע קאָמ־פּליצירטע אַרבעטן.

ה.

טאשן־ציערײַ — לאכט נישט! — איז אַ גענוג קאָמפּליצירט פאַך, אַ סך קאָמפּליצירטער ווי זיך אויסלערנען קלאַפּן אויף אַ שרייב־מאַשינקע.

די קעשענע איז דאָס סובטעלסטע און צאַרטסטע אָרט פון דעם מענטשן. עס איז שוין אַ סך גרינגער צו טרעפן צום מענטשנס האַרץ, ווי צו זיין קעשענע...

עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע מעטאָדן, פאַרשידענע נוסחאות אין טאשן־ציערײַ — ווי למשל, נוסח אשכנז און נוסח ספרד.

די וואָס גייען אויפן וועג פון שטאַרקסטן ווידערשטאַנד, די פאַר וועלכע אַ פאַך איז נישט נאָר אַ קוואַל פון פרנסה, נאָר אויך אַ קוואַל פון עמאָציעס, באַמיען זיך אַרויסצושלעפּן אייער פּאָרטפעל פון קעשענע מיט דער בלויזער האַנט, מיט די פינף נאַקעטע און זייער געשיקטע פינגער, כאָטש דאָס איז אַ גרויס איינשטעלעניש. דאָס זיינען די אָנהענגער פון „קונסט לשם קונסט".

אָן אַנדער שיכט טאַשן־ציער, פאַר וועלכע דאָס פאַך איז נאָר אַן אַרבעט וואָס זיי ווילן וואָס גיכער איבערקומען, און איבערקומען בשלום — האָבן דאָס פאַך אַרויסגעפירט אויף גאָר נייע שליאַכן. זיי האָבן דאָס פאַך אויסערגעוויינלעך סימפּליפיצירט. מיט אַ ראַזיר־מעסערל — אַזוי זיינען זיי זיך טאַקע נוהג — שניידן זיי אַרום די קעשענע און דער פּאָרט־פעל גליטשט זיך אַליין אַרויס.

סימפּליפיצירטקייט, פשטות איז טאַקע אַ גרויסע מעלה, אָבער די צרה איז — טענהן די אָנהענגער פון דער צווייטער שטה — אַז עס כאַפּן זיך אַזוי אַרום אַריין אינעם פאַך אָן אַ שיעור דילעטאַנטן, אָן שום פאַך־קענטעניש, אָן שום טראַדיציע: אַזעלכע וואָס האָבן צו טאַשן־ציערײַ קיין שום באַציאונג און קיין ליבע.

דאָס זיינען איינגנטלעך פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן אויך אַלע אַנ־דערע געביטן און פאַכן. די אַנטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע האָט געבראַכט דערצו אַז יעדעס פאַך זאָל צעבריקלט ווערן אויף הונדערטער טיילן און פונקציעס. צונייען קנעפּלעך אין הויזן, למשל, הייסט אַז מען אַרבעט ביי שניידערײַ, כאָטש אַזאַ איינער האָט, לויט דעם אַלטן באַגריף פון שניידער־פאַך, ווינציק וואָס צו טון מיט שניידערײַ.

גנבים, איבערפאַלער, איינשלעפער, געלט־פעלשער — דאָס זיינען

נאָר פאַרשידענע מעטאָדן פון דער פאַרברעכער־וועלט, דער ציל איז דאָך דער זעלבער.

פאַראַן אַ פּונקט וואָס פירט זיי צוזאַמען און פאַראייניקט זיי — דאָס איז די טורמע. די טורמע גיט זיי מערסטן נענוג, איבערגענוג צייט, אויף צו מאַכן אויב נישט אַ חשבון־הנפש, איז כאָטש אַ רעוויזיע אין די אַר־בעטס־מעטאָדן און איז אַ גוטע געלעגנהייט צוצוגרייטן זיך אַ פּלאַן פון ווייטערדיקער אַרבעט...

ו.

אַזוי פיל מי, אַזוי פיל געדאַנק, איינפאַל און אָנשטרענגונגען אויף אַרויסצובאַקומען די צען סענט! צו וואָס האָבן זיי זיך אויסגעקליבן אַזאַ שווערן נאַלגאָטאַ־וועג? דאָס זעלבע וואָלטן זיי דאָך געקענט דערגרייכן אויף אַ געזעצלעכן וועג.

די נאַרקאָטיקער, דאָס זיינען די אַזוי צו זאָגן — די פּאָעטן פון דער אונטערוועלט. זיי ווילן זיך שאַפן אילוזיעס פון שענערע אויסגע־חלומטע וועלטן, מיט דער הילף פון דער צערייצטער פאַנטאַזיע. אָבער וואָלטן זיי דען דאָס זעלבע נישט געקאָנט דערגרייכן דורך אַנדערע מיט־לען, ווינציקער שעדלעכע און פאַרניכטנדיקע?

אין דעם אָבער ליגט די אייגנאַרטיקייט פון דער וועלט — די צווייטע זייט פון דער מטבע. זיי האָבן זיך אויסגעקליבן דעם וועג פון שטאַרק־סטן ווידערשטאַנד.

און דאָס קומט זיי מערסטן אויס צו אַרבעטן אין די ערגסטע, אַנטי־היגיענישע באַדינגונגען. דאָס לעבן אין שטענדיקער שרעק, און אייבי־קער אָנגעשפּיצטקייט, האָט אַנטוויקלט זייערע חושים און פּערפעקציאָ־נירט זייערע פעאיקייטן.

די וועלט פון פאַרברעכער איז עכט־אינטערנאַציאָנאַל אין איר מהות, זיי זיינען פריי פון יעדן נאַציאָנאַלן סענטימענט און ראַסן־פאַראורטיילן. זיי גנבענען און רויבן ביי וועמען עס לאָזט זיך נאָר.

און עס איז אַ סך גרינגער זיך צונויפצורעדן אַן איטאַליענישן און ענגלישן גנב, איידער די אויסערן־מיניסטאָרן פון די ביידע לענדער...

די דערציער, פּסיכיאַטאָרס און סאָציאָלאָגן פון דער גאַנצער וועלט

זוכן מיטלען, רפואות זיי אויסצוהיילן, און ביז איצט האָבן זיי נאָך כמעט ווי גאָרנישט אויסגעפונען.

די פּאָליציי מוז שטיין פּסיכאָלאָגיש נאָנט צו דער אונטערוועלט, אַנדערש וואָלט די גאַנצע ארבעט פון דער פּאָליציי נישט געווען אָנגעלייגט. נישט אומזיסט האָט נאָך נישט פּאַסירט אז אַ דיכטער זאָל מאַכן אַ פּאָ־ליציי־קאַריערע...

דער קעלנער

ער פארדינט מ׳זאָל אים באשרייבן, דער מאַסאָ. ער, וואָס האלט אונדז כסדר אין באדינען, פארדינט, אז מען זאָל אים שענקען א קליין ביסל אויפמערקזאַמקייט, א חוץ דעם טרינק־געלט.

אָט שטייט ער דאָך פאר אונדז, דער מאַסאָ (רופט אים קעלנער אויב איר ווילט), מיט א שמייכל אויפן פנים, שטענדיק גרייט אויפצונעמען א באשטעלונג און אויסשרייען דאָס ווי א באפעל, ווי א געבאָט.

עפּעס א קלייניקייט, א קליענט וויל טרינקען א גלעזל טיי מיט מילך!

עס קאָן געמאָלט זיין, אז דער שמייכל אויפן מאַסאָס פּנים איז נישט קיין עכטער, נאָר א געמאכטער, אן ערזאַץ־שמייכל, וואָס דאַרף האָבן אן איינפלוס אויפן טרינק־געלט...

אָבער קיינער באהערשט נישט אזוי די קונסט פון שמייכלען, ווי ער. דער שמייכל איז געוואָרן פארן מאַסאָ א טייל פון זיין פרנסה, אן אָרגאַנישער טייל פון זיין איך.

ער דאַרף שמייכלען אפילו ווען עס רייסט אים א מכה אונטערן אָרעם.

ער דאַרף שמייכלען אפילו דעמאָלט, ווען א קינד ליגט ביי אים מיט היץ.

אייגנטלעך האָט דער מאַסאָ נישט איין שמייכל, נאָר הונדערטער שמייכלען — צוגעפּאַסט פאר יעדן קליענט באזונדער.

דאָס זיינען שמייכלען, אזוי צו זאָגן, „א מעדידאַ״, פאר יעדן קליענט צוגעפּאַסט לויט דער גרויס פון דעם טרינק־געלט, וואָס זיי געבן...

דאָס טרינק־געלט איז אים אריין אין בלוט אריין און איז געוואָרן פאר אים א מאַסשטאַב צו מעסטן די וועלט און מענטשן.

און ווער קאָן עפּעס אויסזעצן קעגן אן אייגענעם מאַסשטאַב, אָדער קעגן אן אייגענער וועלט־אַנשויאונג?

א מאַסאָ, וועלכער געפינט זיך פּערמאַנענט צווישן מענטשן — אויף

אַ פּערמאַנענטער אויסשטעלונג — איז באַרעכטיקט צו האָבן אַן אייגענעם מאַסשטאַב צו זיי. דער טרינק־געלט־מאַסשטאַב איז נאָר אַ ריין־פּראָפע־סיאָנעלער ענין.

אויב אַ חכם איז דער, וואָס האָט אָנגעקליבן לעבנס־דערפאַרונג, האָט דער מאָסאָ דערפאַרונג, לעבנס־חכמה — פאַר צען חכמים.

דער כסדר־דיקער דורכמאַרש פון מענטשן פאַרביי אים, דורך זיינע הענט, האָט אים באַרייכערט, נישט מיט דעם טרינק־געלט, וואָס זיי לאָזן אים, נאָר — מיט מענטשן־דערקענטעניש.

אַ קוק, אַ בליק נאָר, איז פאַר אים גענוג צו וויסן ווער עס זיצט מיט זיין אייגן ווייב און ווער חס ושלום — מיט אַ פרעמד ווייבל...

אַ קוק, און ער ווייסט שוין, ווי מען באַדאַרף זיך מיט דעם פאַרשוין באַגיין, ווי אים צוטרעפן.

און דער עיקר, באַלד פון ערשטן בליק ווייסט שוין דער מאָסאָ, צי דער בעל־דבר איז בכוח צו געבן עפּעס אַ לייטישע טרינק־געלט, אָדער ער איז אַ חזיר...

אַ מאָסאָ האָט די בעסטע באַדינגונגען צו דערקענען מענטשן אין זייער דעליקאַטן, שוואַכן פונקט:

בשעת דעם עסן...

דער מאָסאָ האָט אַ סך לעבנס־חכמה אָנגעקליבן, אָבער ער נוצט דאָס נישט אויס, ער האָט נישט ביי וואָס צו פאַרווענדן די אָנגעקליבענע חכמה.

ווערט די חכמה ביי אים פאַרוועלקט, פאַרלעגן, ווי די פאַרעלטער־טע געריכטן, וואָס ער סערווירט.

און דאָס מאַכט אים אַביסל טראַגיש, כאָטש עס ווייסט נישט דער־פון, כאָטש ער פילט דאָס אפשר איינגאַנצן נישט.

* * *

און פאַראַן אויך ספּעציפיש־יידישע מאָמענטן ביים מאָסאָ.

אַ מגיד וואָלט בכלל דאָ געהאַט אַ גלענצנדע געלעגנהייט פאַר אַ פיינעם משל:

אַז דאָס יידישע פאָלק, רבותי, איז געגליכן צו אַ מאָסאָ. מיר באַ־דינען אַלעמען, מיר אַטענדירן אַלעמען און פאַרגעסן אָן זיך אַליין.

אַז מיר סערווירן אַ סך פרעמדע טישן, מיט אויסטערלישע מאכלים, און מיר פאַרנאַכלעסיקן אונדזער אייגענעם טיש...

און דער משל לאָזט זיך נאָך ציען ווייטער:

אז פאַר דעם באַדינען אַזוי אויפמערקזאַם די פרעמדע טישן, באַדאַנקען אונדז די אויפגעלייגטע פריצים — מיט וואַרפן אונדז דאָס געשיר אין קאָפּ אַריין...

אָבער נישט אין דעם גייט עס דאָ.

איך וויל נאָר אויפמערקזאַם מאַכן אַז דער יידישער מאַסאַ איז אין דער אַלגעמיינער קעלנער־פּראָפעסיע — אַן אייגנאַרטיקער, מיט אייגענע יידישע שטריכן. דער יידישער מאַסאַ אַטענדירט נישט אַנדערש זיינע קליענטן ווי דער ניט־יידישער מאַסאַ, אָבער ער טוט דאָס אַ קליין ביסעלע אַנדערש, מיט אַן אייגענעם קנייטש.

דער יידישער מאַסאַ, קאָן מען זאָגן, האָט רעוואָלוציאָנירט דאָס פאַך. דער יידישער מאַסאַ האָט נישט דעם ציטערדיקן אַפּשיי פאַר דעם קליענט, ווי דער ניט־ייד.

פאַרשטעקט אין אַ וועסטן־קעשענע האָט דער יידישער מאַסאַ באַהאַלטן אַ שפּאַטישן, בטולדיקן בליק.

— גיט נאָר אַ קוק, וועמען איך דאַרף דאָס באַדינען!

אַ יידישער מאַסאַ, גלייך ווי אַ סך אַנדערע פאַכלייט יידישע, איז נישט צופרידן מיט זיין גורל, וואָס די השגחה האָט אים צוגעטיילט. ער האָט נישט די גאַנצקייט, די אומקאָנדיציאָנעלקייט, וואָס אַ ניט־יידישער פאַך־קאָלעגע זיינער.

דעם יידישן מאַסאַ פעלט די פּסיכאָלאָגישע גאַנצקייט, ווייל ער איז מיט זיין פאַך נישט צופרידן.

איך האָב אַמאָל בייגעוואוינט אַ טשיקאַווע פאַל. איינער פון די קליענטן אין אַ רעסטאָראַן האָט צוגערופן דעם יידישן מאַסאַ און אים אָנגעוויזן, אַז דער לעפל איז נישט ריין.

האָט דער מאַסאַ גענומען דעם לעפל אין האַנט אַריין, אים צוגעטראָגן נאָענט צו זיינע אויגן (ער איז געווען קורצזיכטיק), באַטראַכט גוט דעם לעפל פון אַלע זייטן און זיך אַריינגעלאָזט מיטן קליענט אין אַן ערנסטער דיסקוסיע:

— וואָס פעלט דעם לעפל? מיט וואָס, כ'בעט אייך, איז דער לעפל נישט ריין?

און אַז ער האָט ענדלעך באַוויליקט צו ברענגען אַ צווייטן לעפל, האָט ער אויפן וועג, מיט זיך אַליין פאָרגעזעצט די דיסקוסיע און מסתמא דערזאָגט דאָס, וואָס ער האָט דעם קליענט נישט געזאָגט:

— קוק נאָר אָן דעם פּריץ, דעם מפונק, ער איז גאָר אַנדערש נישט געוואוינט! ביי זיין מאַמען אין וויינגאָרטן איז ער אַזוי אויסגעאיידלט געוואָרן...

אַ ניט־יידישער קעלנער וואָלט אין אַזאַ פאַל מיט גרויס הכנעה און אָן שום טענות גלייך געבראַכט אַ צווייטן לעפל און אפילו אַ צענטן.

איך מיין נישט, חלילה, צו פאַרשפּרייטן גרויל־פּראָפּאַגאַנדע אויף די יידישע מאַסאַס, דאָס איז אָבער אַ זייער כאַראַקטעריסטישער שטריך.

און דווקא דער פאַל, וואָס ווייזט, אַז דער יידישער מאַסאַ איז וויכטיקער געוויגט אויפצולייזן זיין איך פאַר די קאַפּריזן פון קליענט, איז צו זיין ליב...

* * *

באַדינען אָדער באַדינט ווערן — דאָס איז די קווינט־עסענץ פון דעם פּערמאַנענטן קאַמף, וואָס עס גייט אָן אין אונדזער לעבן. און דאָס איז די שטרעבונג, סיי ביים יחיד און סיי ביי פעלקער.

באַדינען אָדער באַדינט ווערן — דאָס זיינען ראָלן, מיט וועלכע יחידים און פעלקער האַלטן זיך כסדר אין בייטן. יעדער איינער וויל נאַטירלעך זיין דער, וואָס ווערט באַדינט, הגם דער באַדינער שטייט נישט נידעריקער פאַרן באַדינטן...

אויך דער מאַסאַ האָט נישט אויפגעגעבן זיין האָפנונג צו ווערן אַליין נאָך אַ קליענט.

איך קען אַ מאַסאַ, וואָס נאָך דער אַרבעט אין זיין רעסטאָראַן, פאָרט ער אַוועק ערגעץ אין צענטער אין אַ קאַפע, און אַ געמיטלעכער זיצט ער דאָרט ביי אַ קאַפע־טישל אין דער ראָל פון אַ קליענט. און ער פילט זיך אויסגעצייכנט גוט אין דער נייער ראָל זיינער און ער האָט דערפון הנאה...

צי ער איז זיך נוהג אויך צו געבן אַ לייטישן טרינק־געלט, ווייס איך נישט...

* * *

איך האָב אַ באַזונדערן סענטימענט פאַר קעלנער. אַ געוויסע געשעעניש האָט ביי מיר דעם סענטימענט אַרויסגערופן.

איך בין אַמאָל געווען אַן עדות, ווי אַ קעלנער האָט זיך אויסגע־צוינגן און איז געפאַלן אויף זייער אַ פייערלעכן באַנקעט לכבוד אַן אָנגע־זעענעם כלל־טוער. און געפאַלן איז ער מיט אַ גרויסן טעלער מיט „ראַ־וויאָלעס”, וואָס ער האָט געטראָגן צו איינעם פון די טישן...

עס איז געווען אַזוי פיינלעך צו זען ליגן דעם מאַסאַ אויפן פאָל, מיט אַ באַרג צעשאָטענע „ראַוויאָלעס” אַרום אים. ער איז אינגאַנצן גע־ווען אויסגעשמירט, מיט פאַרפלעקטע מאַנזשעטן.

מ'האָט אים געמוזט אויפשטעלן, אונטער די שפּאָטישע בליקן פון הונדערטער פּאָר אויגן, און אים אַרויספירן — אַ צעבראָכענעם מענטשן, נישט אַזוי פון דעם קלאַפּ, וואָס ער האָט באַקומען ביים פאַלן, נאָר פון דער שרעקלעכער איבערלעבונג.

און דעמאָלט, יענעם אָוונט, האָב איך אייגנטלעך אַנטדעקט, אַז עס זיינען פאַראַן מאַסאַס. ביז דעמאָלט האָב איך זיי אינגאַנצן נישט באַ־מערקט. און איך האָב דערזען אין זיי ליידנדיקע מענטשן, וואָס מוזן זיך דערנידעריקן צוליב דעם ביסן ברויט...

* * *

דער אונטערשיד צווישן אַ שערער און אַ קעלנער איז דער:

דער ערשטער איז אַ פּלוידערזאַק, און דער צווייטער — קען שווייגן.

קענען שווייגן איז אַ גרויסע מענטשלעכע מעלה, וואָס מיר דערשאַצן נישט ווי געהעריק.

און דער מאַסאַ קען שווייגן ווי אַ פיש.

און ער האָט גראַד וואָס צו דערציילן.

ווען די קעלנער זאָלן, חלילה, אָנהויבן רעדן, דערציילן, וואָלטן אַ סך שלום־ביתן צעשטערט געוואָרן...

ווען די קעלנער זאָלן, חס ושלום, ווערן באַרעדעוודיק, וואָלט די וועלט גאָר קיין קיום נישט געהאַט.

דער שניידער

ער האָט דאָס וואָרט:

פע, אַ מיאוסע זאַך צו זיין אַ שניידער אין אַמעריקע!

וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? און אַז כ׳וועל אייך שוין זאָגן פאַר־וואָס, וועט איר דען פאַרשטיין?

מ׳דאַרף האָבן, פאַרשטייט איר מיך, אַ נשמה, פון אַ שניידער. מ׳דאַרף, פאַרשטייט איר מיך, פילן וואו די נאָדל שטעכט.

נו יאָ, ביי אונדז אינדערהיים, זעט איר, האָט די שניידעריי גאָר געהאַט אַן אַנדער פנים, און דאָ — אין קאָלומבוסעס מדינה — איז מיר די מלאכה פאַרמיאוסט געוואָרן. ווי כ׳בין אַ ייד — פאַרמיאוסט געוואָרן!

וואָס, וואָס? „אַ שניידער איז קיין מענטש נישט„ — האָט מען ביי אונדז אינדערהיים געזאָגט? נו, מאַלע וואָס מ׳האָט אַלץ געזאָגט! איך אָבער האָב געוואוסט אַז כ׳בין אַ מענטש און מיין ארבעט האָט אַ חשיבות. און דאָ?

אַז כ׳בין געקומען — דאָרט ביי אונדז מיין איך — אַ שבת אָדער אַ יום־טוב אין שול אריין און געזען ווי די שענסטע באַלעבאַטים פונעם שטעטל גייען אָנגעטון אין די בגדים, וואָס מיינע הענט האָבן אויפגע־נייט, האָט דאָס האַרץ אין מיר, ערלעך, געלאַכט פון פרייד.

וואָס דער אמת איז, בין איך טאַקע געשטאַנען דאָרט ביי דער טיר ערגעץ, און זיי, די באַלעבאַטים דאָרט העט, העט אויבן, ביי דער מזרח־וואַנט, נענטער צו גאָט... אָבער איך האָב זיי דאָס פאַרגינען. מסתמא דער גורל אַזאַ — האָב איך זיך געטראַכט. דערפאַר אָבער ביים אריינגיין און ביים אַרויסגיין, האָבן זיי מיך שטענדיק געזען און מיר געגריסט: „גוט שבת, ר׳ ליבוש! גוט שבת!"

ווייסט איר פאַרוואָס זיי האָבן מיך אַזוי בכבוד געהאַלטן? נישט פאַר מיין קורץ־געשוירן בערדל און אויך נישט פאַר מיינע רויטע, נישט־אויס־

געשלאָפענע אויגן, נאָר — פאַר מיינע הענט, פאַר מיין אַרבעט! האָט דאָס מיר טאַקע הנאה געטון.

וואָס דאַרפט איר מער, אַפילו דער אַלטער רב פון שטעטל, האָט מיר אַרויסגעוויזן רעספּעקט. ווען ר׳האָט מיך נאָר באַגעגנט, האָט ער מיך געלויבט:

— הא, ר׳ לייבוש! ס׳ווערט שוין באַלד 15 יאָר, אַז דו האָסט מיר אויפגענייט די זיידענע קאַפּאָטע, און זי איז נאָך אַלץ אַ לייטישע קאַ־פּאָטע!

און אַ שבת נאָכמיטיק, אַז די יונגעלייט פון שטעטל זיינען אַרוים שפּאַצירן איבערן שאָסיי אין די אונטערגעהאַקטע רעקלעך, בין איך גע־זעסן ביים פענצטער און זיך געשפּיגלט אין זיי, גלייך זיי וואָלטן מיינע קינדער געווען. צווישן די טויזנטער וואָלט איך מיין אַרבעט, מיינע שטעך דערקענט — צווישן טויזנטן!

און דאָ, אין אַמעריקע, ניי איך און ניי — ס׳ווערט שוין באַלד צען יאָר אַז כ׳בין אין אַמעריקע — און איך ווייס גאָרנישט פאַר וועמען איך ניי.

טויזנטער קאָנפעקציע־„טראַכטעס" האָב איך שוין דאָ אויפגענייט. די שווערע טויזנטער הויזנס, האָבן מיינע הענט אויסגעפּאַרטיקט, און — כ׳ווייס קיינט וואָס עס ווערט פון מיין אַרבעט, ווער עס גייט אין די מלבושים.

און כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, כ׳פיל גאָר קיין טעם נישט אין דער מלאכה דאָ, און זי ווערט מיר נמאסער וואָס אַמאָל.

גיט אַ קוק! אָט מאַך איך אַ רעקל. נו, פרעגט מיך בחרם, ווער ס׳וועט גיין אין דעם רעקל: אַ טאַשן־ציער, צי אַן אַרבעטאָרער, אַ קאַלאַניסט, צי גאָר אַ שטאָט־מענטש, אַ יונגער, צי גאָר אַן אַלטער מאַן, אויף אַן אויס־שטייער אין קבר אַריין?

אַ טויטע מלאכה, דאָ, די אַמעריקאַנער שניידעריי — פע! ווען נישט זי, מיינע דאָרט, וואָלט איך נאָך היינט, ווי כ׳בין אַ ייד, אַוועק צו אַן אַנדער פאַך.

אינדערהיים ביי אונדז, אַז מ׳האָט אָנגעטון אַ ניי מלבוש, האָט דאָס גאַנצע שטעטל געוואוסט דערפון און יעדער האָט געזאָגט מבינות און צו־געוואונשעוועט:

— תתחדש! תתחדש!

— צעריים עס געזונטערהייט!

— זאָל מען דערלעבן דיר צו מאַכן חתונה־מלבושים!

דאָרט האָט אַ מלבוש געהאַט אַ חשיבות, און דער שניידער וואָס האָט דאָס מלבוש אויפגענייט, האָט אויך געהאַט אַ חשיבות. יאָרן צענדליקער אוועק האָט דאָרט אַ מלבוש אויסגעהאַלטן. דערנאָך ערשט האָט מען דאָס איבערגעניצעוועט און איבערגעמאַכט פאַר די יונגערע קינדער.

און דאָ, האָט גאָר אַ מלבוש קיין חשיבות נישט. אַ וועלט מיט הול־טאַיעס! דאָ איז רעכט, אַז איינער זאָל זיך אין אַ פּראָסטן מיטוואָך אָנטון אין נייעם, פון קאָפּ ביז די פיס, גלייך ווי ר׳וואָלט זיך געקליבן חתונה צו האָבן, צי ער וואָלט געמאַכט די „גראַנדע”. ס׳איז אַמעריקע, מיין פריינט!

און די סחורה איז דאָ קיין סחורה נישט. ס׳איז עפּעס נישט דאָס. . נאַט, פאַרגינט זיך און גיט אַ טאַפּ! אַ מאַרקע פון אַן ענגלישער פאַבריק, און אין האַנט איז עס — איר זאָלט מיר מוחל זיין פאַר די רייד — אַ ט...

אינדערהיים ביי אונדז האָט דער שניידער גענייט אַ מלבוש, גלייך — להבדיל — דער סופר האָט געשריבן אַ ספר־תורה — מיט כונה, מיט הייליקייט.

אונדזערע שניידערס האָבן אַריינגענייט אין די פאָלעס אַריין קאַפּיטלעך תהילים, שטיקער פון ימים־נוראימדיקן דאַווענען.

און דאָ, אין קאָלומבוסעס מדינה, נייט מען נישט קיין מלבושים, גאָר מען פאַבריציררט זיי.

אַ שניידער אין אַמעריקע, איז דאָך גאָר קיין שניידער נישט, נאָר — אַ פאַבריקאַנט. שניידעריי — אַ אינדוסטריע. נו, קען מען דאָס אויסהאַלטן?

ווען נישט זי דאָרט, וואָלט איך היינט נאָך, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן, אוועקגעגאַנגען אויף די עלטערע יאָרן פאַר אַ לערן־ייִנגל זיך אויסצולערנען אַ ניי פאַך.

וואו שטייט דאָס דען געשריבן, אַז לייבוש בן שלמה יצחקס זאָל דאָס גאַנצע לעבן זיינס מוזן זיין אַ שניידער? אַזוי ווייט האָב איך שוין די שניידעריי, אַזוי ווייט!

איז דען פאַראַן דאָ אַ רעכטער שניידער, אַזאַ וואָס זאָל דאָ פאַרדינען צו טראָגן דעם נאָמען שניידער? ווייזט מיר אַ שניידער, וואָס זאָל קענען צושניידן ווי עס געהער צו זיין אַ מלבוש?

אַ קונץ מיינט איר איז צו מאַכן אַ מלבוש פאַר אַ מענטשן מיט אַ גלייכער פּלייצע? ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן, אַז אָן שום מאָס, מיטן

בלויזן אויג אז כ׳גיב נאָר אַ קוק, ווייס איך גלייך, וואָס פאַר אַ לענג, אַרבל און הויזן איינער דאַרף.

לאָמיך זען, אַז איינער פון די אַמעריקאַנער שניידער זאָל מיר צו־שניידן אַ רעקל פאַר... אַ הויקער. אויפן גלייכן וועג, מיין פריינט, איז נישט קיין קונץ צו גיין...

דאָ אין אַמעריקע אַז מ׳קען צונייען אַ קנעפּל צו די הויזן, הייסט מען שוין אַ שניידער. ווער איז דאָ נישט קיין שניידער אין אַמעריקע?

וואָס דאַרפט איר מער? אָט גיט אַ קוק. ביי אונדז אינדערהיים אַ שניידער, איז דאָך געווען אַ גאַנצער חזן. אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ גוטע חזנים די שניידערס זיינען געווען!

די בעסטע משוררים זיינען געווען די שניידער־געזעלן. אין אַ שניי־דער שטוב — דאָרט ביי אונדז מיין איך — האָט מען דאָך נאָר געהאַלטן אין איין זינגען. וואָס מ׳האָט אַלץ נישט אויסגעזונגען!

שטיקער פון יום־טובדיקן דאַווענען, לידער וועגן ליבעס, „צאַצאַלים־טישע" לידער און זעלנער־לידער.

און דאָ, קומסט אַריין צו אַ שניידער אין טאַזשער אַריין — טפו זאָלן זיי מיר ווערן! — זיצט מען ווי ברוגזע, ווי שטומע ציגנער און מען יאָגט פון זיך די נשמה אַרויס.

דאָס איז, מיינט איר, אַ שניידערישער לעבן? צוליב דעם האָב איך געדאַרפט פּטרן מיינע אויגן און מיין געזונט ביי דער שניידעריי?

ווען נישט זי, מיינע דאָרט, אַזוי ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן, וואָלט איך נאָך היינט אַוועק צו אַן אַנדער פאַך, נאָך היינט!

נאָר, ווי זאָגט איר, ס׳גייט זיך נישט... אַ מענטש קען נישט אַרויס פון דער אייגענער הויט. עפּעס אַזוי גיך ווערט זיך עפּעס אַ שניידער?

אַז כ׳האָב דערלעבט צו ווערן בר־מצוה, האָט מען מיך אַוועקגעגעבן אויף דער לער. האָב איך, ווי ס׳האָט זיך געפירט, אַ קיילעכדיק יאָר אַוועק, געהאָדעוועט דעם שניידערס קינדער און אויפגעבלאָזן דאָס פּרעס־אייזן. געל און גרין איז מיר געגאַנגען פאַר די אויגן, ביז מ׳האָט מיר געגעבן אַ פינגערהוט אין האַנט אַריין. און נאָך לענגער האָט געדויערט, ביז מ׳האָט מיר געטרויט די גרויסע שער.

פאַרשוואַרצט געוואָרן, געפּאַקט און געמאַזלט ביז כ׳בין געוואָרן אַ שניידער־געזעלן. נו, וואָס דאַרף איך עס דאָ? וואָס ווינציקער שניידער־

ס'איז דא, אלץ מער פארדינט מען. נישטא קיין לופט אין אמעריקע, מיין פריינט, פאר אן אמתן שניידער. מ'דארף אין אמעריקע הויזן־נייערס און רעקל־שיסערס, אבער נישט קיין שניידערס.

אבער גיט א קוק אויף טשיקאוועס! כ'האב דאך פיינט די שניידעריי, נאכמער ווי מיין אייגן ווייב, פונדעסטוועגן אבער אז כ'וואלט געווא־ן אוים שניידער, וואלט איך צוריק געבענקט. איר ווייסט נאך וואס איך וואלט צוריק געבענקט? אנו, גיט א טרעף!

נאך דער נאדל! איר וועט מסתמא לאכן פון מיר — א שניידערוקל דארט! — אבער מיר ווייזט זיך אוים, אז כ'וואלט שוין אן איר, אן דער נאדל, נישט געקאנט מער לעבן. די נאדל, דאס איז דעם שניידערס א געליבטע.

גלויבט מיר, נישטא קיין טייערערע זאך אויף דער וועלט פון א נאדל, כאטש פאר צען סענט באקומט מען א גאנצע טוץ נאדלען...

מיט ליידיקע קעשענעס און ליידיקע הענט בין איך געקומען קיין אמעריקע. נאר דא־א, אין דער קאמיזעלקע, האב איך געהאט שטעקן א נאדל מיט א דרים ווייסן פאדים ארומגעוויקלט. נו, זעט איר דאך וואס איך האב מיט דעם נאדעלע — א דאנק פריער אים און דערנאך מיינע הענט — אויפגעטון.

כ'האב מיט דער נאדל — זי, מיינע דארט, אראפגעבראכט און א ברודער מיינעם, א יונגערן „ארויסגעטרעבעוועט" און כ'האב מיר איינ־געהאנדלט אביסל זאכן, מעבל און א מאטאר־מאשין. וואס נאך קען א שניידער פארלאנגען?

ווי געפעלט אייך טאקע עפעס דער גראגער מיינער? ווען איך ניי ביי אונדז אינדערהיים מיט א מאטאר־מאשין, וואלט דאס גאנצע שטעטל זיך צוזאמענגעלאפן אויף בייזו־וואונדער, און דא, גארנישט — ס'אמעריקע!

נאר איר ווייסט וואס איך וועל אייך זאגן? מער נאך פון דער גאנצער שניידעריי האב איך פיינט די מאשין מיטן מאטאר.

א שניידער מיט א מאטאר — טפו זאל עס ווערן! — פאסט זיך אזוי, ווי זאל איך אייך זאגן, פונקט ווי זינגען פורים צו דער סעודה כל נדרי...

אבער כ'מוז זי האבן, כ'וואלט אן איר נישט געקענט אויסקומען. א פאבריק אן א מאטאר, איז נאר קיין פאבריק נישט.

ליבוש שניידער איז דא אין אמעריקע נישט קיין שניידער, נאר — א פאבריקאנט, אן אמתער פאבריקאנט. נאט, גיט א קוק!...

דער זשורנאַליסט

אויב עס וועט אַמאָל קומען אַזאַ צייט, ווען מ׳וועט באַפרייען די, וואָס זיינען פאַרמשפּט אויף שווערע אַרבעט, וועט מען אויך דאַרפן אַ טראַכט־טון וועגן זשורנאַליסט.

ס׳איז אַ שווערע און ביטערע אַרבעט זשורנאַליזם. די שוועריקייט פון דער אַרבעט ליגט נישט אַזוי אין שרייבן, ווי — אין זוכן אַ טעמע, אַן אָפּשטעל־פּונקט, וואו אַראָפּצולאָזן די שפּיץ פּען.

און עס קלינגט ווי אַ קוריאָז. דווקא דער מענטש, וואָס כאַפּט־אויף די געשעענישן פון דער וועלט ווי אַ ראַדיאָ־אַנטענע, דער מענטש, אויף וועמענס טיש עס ליגן צונויפגעוויקלט די פּאַסירונגען פון טאָג, פון אַלע פינף קאָנטינענטן — ער מוז זיך ברעכן דעם קאָפּ צו געפינען אַ טעמע... גלייך ווי דער לופט־פליער, וואָס האָט אונטער זיך אַזעלכע אָפענע שטחים, מוז זוכן אַן אָרט אויף צו לאַנדן... גלייך ווי פרויען מיט רייכע גאַרדע־ראָבעס זיינען אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט, ווען עס קומט צום אָנ־טון זיך...

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין אויסדרוק פון אָרימקייט, פון באַגרעניצטקייט, נאָר דווקא פון ברייטקייט, פון פילן זיך אומעטום אינ־דערהיים. עס איז אים אַלצאיינס ביי וואָס און פון וואָס ער זאָל אָנהויבן...

אַ זשורנאַליסט — ער קען דאָך שרייבן וועגן די ווייטסטע און אומ־באַדייטנדיקסטע זאַכן, געשעענישן, און דאָך שטיין אויף אַ הויך. אַ זשורנאַליסט — ער קען דאָך שרייבן וועגן שפּינען־געוועב, אָדער וועגן די קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן אויפן מאַרס, און ער וועט שוין געפינען די מעגלעכקייט צו זאָגן וואָס ער וויל און טרעפן דאָרט, וואוהין ער מיינט צו טרעפן.

עס טרעפט, אַז ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, דרייט זיך אַרום דער זשורנאַליסט אַ פאַרמוטשעט, אַ פאַרזאָרגטער. דער זייגער איז שוין עלף, צוועלף, און די לינאָטיפּיסטן זיינען צודרינגלעך: „גיט זייטלעך! גיט

טעקסט!" דער חלק ליגט שוין אויפן האָלדז. די גרויסע וואנדערלעכע מאַשין, די ראָטאַטיווע, מיט אַלע צענדליקער וואלן און רעדער, האָט זיך שוין צעוואַלגערט און צעברומט, און ער האָט זיך נאָך נישט דעציזדירט וועגן וואָס ער זאָל היינט שרייבן.

ווען מ'זאָל אַ זשורנאַליסט דערלאַנגען יעדן טאָג אַ טעמע צו דער האַנט: „נאַ און שרייב!" וואָלט מען אים איינגעשפּאָרט די שווערסטע טייל פון זיין ארבעט. און ווען איינער זאָל האָבן דעם גליקלעכן איינפאַל צו עפענען אַ ביוראָ, וואו מען זאָל קאָנען צו יעדער צייט באַקומען אַ גרויסן אויסוואַל פון טעמעס — וואָלט דער מענטש, מיין איך, געמאַכט אַן עשירות...

:: :: ::

ס'איז אַן אָנגענומענע מיינונג ביי מענטשן, אַז זשורנאַליסטן, צייטונגס־מענטשן, זיינען די, וואָס ווייסן אמבעסטן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. און אין דער אמתן, אַ מענטש וואָס לייענט זיך אָן טאָג־טעגלעך מיט אזוי פיל טעלעגראַמעס, מיט אזוי פיל נייעסן — ווי קען דאָס דען אַנדערש זיין?

די מיינונג איז אָבער, ווי אַ סך אָנגענומענע מיינונגען, אַ נישט־ריכטיקע. אַ זשורנאַליסט איז דער, וואָס ווייסט אמווינציקסטן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

פאַר אים, פאַרן זשורנאַליסט, איז די גאַנצע וועלט מיט אַלע פּאַסירונגען, דערשיינונגען, טראַגעדיעס — מער נישט ווי אַ טאַזשער וואָס שטעלט אים צו טעמעס, גלייך ווי דער היסטאָריקער קוקט אויף די פאַרביישוועבנדיקע טעג און יאָרן, ווי אויף ציגל, וואָס קומען צו צו זיין בנין...

דער זשורנאַליסט זוכט אין די נייעסן פון טאָג צו געפינען אַ טעמע פאַר אַ לייט־אַרטיקל, אַ מאָמענט, אַ בליץ, אויף וועלכן ער זאָל קענען אויסבויען זיין פעליעטאָן, אָדער אָנשרייבן אַ קאָמענטאַר — אָפּהענגיק וואָס פאַר אַ סעקציע ער פאַרנעמט. אָבער די נייעסן גופא דערזעט ער נישט און זיי אינטערעסירן אים אפשר אויך נישט...

עס חזרט זיך דאָ איבער ביים זשורנאַליסט די באַקאַנטע געשיכטע מיטן גאָלד־זוכער, וואָס איז אזוי שטאַרק פאַרבלענדעט אין זיין זוכעניש נאָך גאָלד, נאָך דעם געלן מעטאַל, אַז ער דערזעט אינגאַנצן נישט די ווערט־שטיינער, וואָס וואַלגערן זיך אונטער זיינע טריט...

:: :: ::

א זשורנאַליסט מוז זיין אַן אַלץ־וויסער און אַלץ־קענער, נישט צוליב זיינע דילעטאַנטישע נייגונגען. דאָס וויסן איז פאַר אים נישט קיין ציל נאָר א מיטל — דאָס איז זיין געצייג, וואָס העלפט אים אָריענטירן זיך, באַנעמען זאַכן, באַגרייפן געשעענישן און זיי סאָרטירן, אויספלאָנטערן.

אין וואָס באַשטייט אייגנטלעך די אויפגאַבע פון א צייטונגס־מענטש?

באַדאַרף אַ זשורנאַליסט זיין אַ העל־זעער, א שטיק נביא, וואָס דאַרף פאָראויסזאָגן, פאָראויסזען געשעענישן? דאַרף ער נאָר קענען איבערקייען וואָס אַנדערע האָבן צעקייט, און אַליין גאָרנישט זאָגן?...

אָדער גאָר כסדר טובלען זיך אין יידישע פיין און איבערצייגן יידן אין דער שעדלעכקייט פון אַנטיסעמיטיזם?...

זיין אמתע אויפגאַבע איז אָבער א סך א באַגרעניצטערע. א זשורנאַליסט דאַרף נישט זיין קיין העל־זעער. ער דאַרף נאָר קענען פאַרבינדן די געשעענישן, די דערשיינונגען, מיט א פאַדים און אַנטפּלעקן די סיבות וואָס האָבן זיי אַרויסגעבראַכט. און דאָס דאַרף ער טון מיט אייגענעם אָטעם, מיט אייגענער שפּראַך און פאָרם...

:: :: ::

דער, וואָס זוכט ביים זשורנאַליסט סתירות, וועט זיך ביטער אַנטוישן. פאַר אַ מענטש, וואָס לעבט מיטן טאָג, עקזיסטירן נישט קיין סתירות.

זיין שווער־פּונקט איז נישט דער נעכטן, נאָר דער היינט, אויף וועלכן דער זשורנאַליסט שטייט מיט זיינע ביידע פיס.

אויב די געשעענישן פון היינט לייקענען אָפּ די געשעענישן פון נעכטן, איז דאָס נישט דעם זשורנאַליסטס שולד, גלייך ווי דער אויפזעער פון דער מעטעאָראָלאָגישער סטאַנציע איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די שינויים און קאַפּריזן פון וועטער.

א זשורנאַליסט איז נישט מחויב אויסצוגעפינען לייזונגען פאַר אַלע שווערע פּראָבלעמען און פראַגן. עס איז גענוג פאַר אים אויב ער קען זיי נאָר אַוועקשטעלן אין זייער גאַנצער שאַרפקייט און רופן די אויפמערקזאַמקייט אויף זיי. אַרויסברענגען א פּראָבלעם, פאָרמולירן עס ווי געהעריק, איז אַ גענוג שעפערישע אַרבעט.

רופן די אויפמערקזאַמקייט אויף א געפאַר איז פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי באַזייטיקן די געפאַר.

א זשורנאַליסט איז דער מענטש פון וואָרט און נישט פון טאַט. זיין

וואָרט איז געצילט נישט פאַר די קומענדיקע דורות, נאָר פאַר די פון אונ־דזער צייט. זיין וואָרט דאַרף געהערט ווערן נישט מאָרגן ערשט, נאָר גאָך היינט און ברענגען די געהעריקע נוצן.

דעם זשורנאַליסטס וואָרט דאַרף ברענגען צו טאַט; דאָס איז די בריק צווישן וואָרט און טאַט.

:: :: ::

און וואָס איז מיטן פאָרוואָרט, אַז דער זשורנאַליסט פאַרקלענערט דעם אינטערעס צום בוך דורך זיינע „איבערפלעכלעכע" אַרבעטן?

די מענטשן, וואָס לייענען די „איבערפלעכלעכע" אַרבעטן, וואָלטן אָן דעם — אינגאַנצן נישט געלייענט. דער וואָס האָט אַן אינטערעס פאַר אַ בוך, געפינט דאָ אַ שטופּ צו פאַרפולקאָמען זיך, צו פאַרטיפן זיך, און די דילעטאַנטישע אַרבעטן זיינען נאָר פאַר אים אַן „איבערבייס".

דער זשורנאַליסט דערהויבט דעם ניוואָ פונעם לייענער, דערציט אים, קלערט אים אויף. אויף וויפל איינער דערפילט זיין מיסיע, איז דאָס נאָר אַ פראַגע פון זשורנאַליסטישער קוואַליטעט, פון יעדן פאַל באַזונדער.

געדענקען אָבער דאַרף מען, אַז אַ זשורנאַליסט איז נישט און פּרע־טענדירט נישט צו זיין קיין אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר, מיט וועמען ער קען נישט און וויל נישט קאָנקורירן אין גרינטלעכקייט, אין בקיאות. דער־פאַר אָבער שטייט ער אַ סך העכער פונעם אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר, ווען עס האַנדלט זיך אין פלינקייט, גיכקייט און אָריענטאַציע, אין קענען קלאַ־סיפיצירן און סאָרטירן געשעענישן מיט זיין קריטישן חוש.

אַ זשורנאַליסט — דאָס איז דער שליח ציבור, וואָס דריקט אויס די עפנטלעכע מיינונג, וואָס איז אַזוי שטאַרק מאַסגעבנדיק און דעצידירנ־דיק אין די דעמאָקראַטישע און פרייע לענדער.

:: :: ::

ס'איז אַ ליגן, אַז זשורנאַליזם איז אַן עיר מקלט פאַר נישט־דערפאָלג־רייכע פּאָעטן און דערציילער. זשורנאַליזם איז אַן אייגענער זשאַנר, אַן אייגענער נוסח פאַר זיך, וואו שרייבערישע קוואַליטעטן זיינען אַ נויט־ווענדיקייט. אַן אַ שיעור שרייבער און פּאָעטן האָבן ערשט דאָ ביי דער זשורנאַליסטישער אַרבעט באַקומען זייער תיקון, זייער אויפשטייג.

דער ריטם פון טאָג־געשעענישן האָט זיך זיין אָנרעגונג, זיין אייגע־נעם רייץ און כישוף...

אַ זשורנאַליסט איז ווי אַ פּלאַנעטל, וואָס זיין לעבן דויערט נאָר אײ־בערן טאָג. ער האָט אָבער דערפאַר די מעגלעכקייט יעדן טאָג אויפסניי געבוירן צו ווערן, צו באַנייען זיך און אָפּפרישן זיך.

נישט קיין טראַגישע פיגור איז דער צייטונגס־מענטש. דאָס מוזן יעדן טאָג קלאָר מאַכן די לייענער און אויך זיך אַליין די שטעלונגען צו נייע פּראָגן און סיטואַציעס, וואָס יעדער טאָג ברענגט מיט זיך; זען און פילן יעדן טאָג די ווירקונגען פון זיין וואָרט — איז אַ פרייד, אַ גרויסע פרייד.

דעריבער איז אים פרעמד דער באַגריף פון דויערהאַפטיקייט, פון אײ־ביקייט, וועגן וועלכן עס חלומען אַזוי דיכטער. דעם זשורנאַליסטס אײ־ביקייט איז דער טאָג.

איבעריקנס, אויך אַ טאָג איז דאָך אייביקייט. אפילו דער קורצער פּרייטיק איז אַ טייל פון איר מאַיעסטעט, דער אייביקייט...

:: :: ::

מען וואַרפט פאָר זשורנאַליסטן, אַז זיי טראַכטן ווינציק און זיי שרייבן אַ סך. ווען די זשורנאַליסטן זאָלן מיך באַפולמעכטיקן זיי צו פאַר־טיידיקן, וואָלט איך געזאָגט, אַז אַ זשורנאַליסט פּרעטענדירט נישט צו זיין קיין דענקער. דאָס וואָס אַ מענטש דערגרייכט דורך זיין שכל, דורך זיין דענק־אַפּאַראַט, באַגרייפט דער זשורנאַליסט — דורך זיין אינטואיציע.

די געשעענישן, וואָס וויקלען זיך פאַנאַנדער פאַרן היינטיקן צײ־טונגס־מענטש טאָג־טעגלעך, קומען מיט אַזאַ שטאַרקן ריטם, אין אַזאַ גיכן טעמפּאָ, אַז אונדזער דענק־אַפּאַראַט אַרבעט צו־פּאַמעלעך, צו־פויל, אויף צו קענען זיך אָריענטירן אין דעם פּלאָנטער. מוז ער דעריבער זיך מער פאַרלאָזן אויף דער אינטואיציע.

די געשעענישן קומען היינט מיט אַזאַ קאָפּ־שווינדלערישער גיכקייט, אַז ס'איז פאַראַן די געפאַר, אַז ביז דער צייטונגס־מענטש וועט מיט גרוי־סער ישוב־הדעת אויפשרייבן זיין פעליעטאָן אָדער קאָמענטאַר, צי לייט־אַרטיקל — וועלן דערווייל די געשעענישן פאַרעלטערט ווערן, פאַרלירן זייער אַקטואַליטעט און זיין אַרבעט וועט באַקומען אַ היסטאָרישן ווערט...

פונדעסטוועגן, איז טראַכטן, דענקען פאַר אַ זשורנאַליסט — אויב עס זיינען פאַראַן אַזעלכע — נישט זייער גרעסטער חסרון...

אַ מענטש, וואָס האָט די מעגלעכקייט יעדן טאָג אַריינצוקוקן און זען פון דער נאָענט דעם פאַרוואָס, די סיבות פון אַ סך וויכטיקע און מינ־דערוויכטיקע געשעענישן, האָט די בעסטע שאַנסן צו ווערן אַ... ציניקער.

און אויב ער איז דאָס נישט געוואָרן — איז דאָס טאַקע אַ וואונדער, אָבער מיד און אַלט ווערט ער יאָ פון דער אַרבעט זיינער.

:: :: ::

אַ זשורנאַליסט מוז זיך געוואוינען צו טון זיין אַרבעט אין איילעניש, אין דער לעצטער מינוט, ווען די מאַשין שטייט און וואַרט אויף די באַשריבענע זייטלעך, וואָס זיין „פּאונט־פּען" וועט אַרויסוואַרפן.

דאָס אַלטע שפּריכוואָרט, אַז „פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס" באַדאַרף שוין אַ גרינטלעכע רעוויזיע.

רעדט מיט זשורנאַליסטן, וועלן זיי אייך זאָגן, אַז דאָס בעסטע וואָס זיי האָבן אַמאָל אָנגעשריבן, האָבן זיי געשריבן אין דער לעצטער מינוט און אין גרויס איילעניש, ווען זיי האָבן נישט קיין צייט געהאַט צומאָל איבערצולייענען דאָס אָנגעשריבענע.

עס איז אמת, אַז איילעניש פאַרטרייבט אַלע שאָטנס פון ספקות. ווען מ׳איז געאיילט, טאָר מען זיך נישט אַריינלאָזן אין לאַנגע און אין פּרוכטלאָזע נאָכטראַכטענישן. איילעניש מיינט דעצידירטקייט און זיכערקייט. און אַ מענטש, וועלכער וויל ווירקן מיט זיין וואָרט, מוז אַליין זיין, קודם־כל, זיכער.

פון איילעניש, קען זיין, קומט אָפטמאָל יאָ אַרויס גוטס. דער זשורנאַליסט באַשטעטיקט דאָס.

ווייזט אויס, נישט אַנדערש, נאָר אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם זשורנאַליסט אין אַ מאָמענט פון גרויס איילעניש — פרייטיק, שפּעט פאַרנאַכט. גאָט האָט אַ קוק־געטון אויף זיין ווערק וואָס ער האָט באַשאַפן, האָט ער דערזען דער הער גאָט, אַז עס פעלט זיין ווערק אַביסל „זאַלץ" — האָט ער אויף גיך באַשאַפן דעם זשורנאַליסט...

און אין דער אמתן, וואָס פאַר אַ טעם וואָלט זי געהאַט, די וועלט, מיט אַלע אירע געשעענישן, אויב עס וואָלטן קיין זשורנאַליסטן נישט געווען וואָס זאָלן זיך מיט דעם פאַרנעמען און זאָלן דאָס צעלייגן אויף זיבן טעלערלעך?

און ווי גרויס און שטאַרק עס איז דער כוח פון זשורנאַליסטס פען, דערציילט אַמבעסטן דער זאָג:

„אויב איך וועל אָפּלאָזן די לייצעס פון דער טאָג־פּרעסע, וועל איך לענגער ווי דריי חדשים נישט קענען האַלטן זיך ביי דער מאַכט"...

און עס האָט געזאָגט דאָס נישט קיין אַנדערער ווי דער מעכטיקער און אומדערשראָקענער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע.

דאָס מעסער

ווער פון אייך האָט געגוג שטאַרקע נערוון צו מאַכן אַ שפּאַציר אַרום דער קילער שאַרפקייט פון מעסער?

דאָס מעסער האָט טאַקע ליב צו טון זיין אַרבעט אינמיטן העלן טאָג, בשעת די זון שיינט, אָבער אָפּטמאָל אויך אין די פרישע נעכט, ביי דער שיין פון דער מילדער לבנה. די עקסקורסיע אַרום דער שאַרף פון מעסער פירט איבער קאַטאַקאָמבעס, איבער פינצטערע, פייכטע און גליטשיקע קעלערס, מיט זויערע ריחות, און אָפּטמאָל אויך איבער רייכע און עלעגאַנטע קעניגלעכע בודואַרן.

אין דעם קלאַנג פון וואָרט — מעססער — איז שוין פאַראַן עפּעס פון דער וויבראַציע פון דער שטאָלענער קלינג.

אָבער שרעקן זיך דאַרף מען נישט. דאָס בעסטע, וואָס מיר קאָנען טון ווען מיר געפינען זיך פּנים־אל־פּנים מיט דער שאַרף פון מעסער, איז בלייבן קאַלט, אַרויפציען אויף זיך אַ שטאָלענעם גליוועער, שטעלן זיך אין איין רייע מיט דער שטאָלענער קאַלטקייט פון מעסער — שטאָל קעגן שטאָל...

ווי איז צו די, וואָס ווילן ווירקן אויף דער שאַרף פון מעסער מיט טרערן. ווי איז צו די, וואָס ווילן ווייך מאַכן דאָס שטאָל־האַרטקייט פון מעסער, מיט געבעט, מיט תחנונים. אויב דאָס האָט אַמאָל פּאַסירט, איז דאָס נאָר אין דער אויסגעטרוימטער, ראָמאַנטישער באַלאַדע, אָדער נאָר אין דער עפּישער ווייטקייט פון דער ביבל, ווען אין דער לעצטער־לעצטער מינוט דערהערט זיך אַ שטימע, וואָס רופט: „סטאָפּ, אברהם!"...

אָבער דאָס וועט קיינמאָל נישט פּאַסירן מיט דעם גוט־געהאַרטעוועטן און אויסגעפּרואוווטן ניכטערן שטאָל־מעסער פון 20־טן יאָרהונדערט. ס'איז די תקופה, ווען דאָס מעסער פון ריינסטן שטאָל — דאָס „סאָלינגען"־מעסער... האָט דערגרייכט צו זיין העכסטער האַרטקייט. שלימות פאַרן מעסער מיינט האַרטקייט, פאַרגליווערטקייט...

:: :: ::

אונדזערע באַגריפן זיינען אָפּטמאָל אַזוי פאַרפּלאָנטערט. באַווייזט אַ מענטשן אַ לאַנג און שאַרף מעסער, וועט ער אינסטינקטיוו אַ ציטער טון. אין תוך גענומען איז די שרעק פאַרן מעסער אַן אומבאַרעכטיקטע.

דאָס מעסער איז די אומשולדיקסטע כלי, וואָס מיר פאַרמאָגן, ווייל פון דעם זעלבן שטאָל, וואָס מ'האָט אויסגעאַרבעט דאָס מעסער וואָלט מען געקענט אויסהאַמערן פענעס, מיט וועלכע פאַעטן זאָלן שרייבן פּאָע־מעס וועגן ליבע. פון דעם זעלבן שטאָל קאָן מען אויסשמידן פּושקעס פאַר אתרוגים אָדער גאָר שרויפן, וואָס זאָלן צונויפהאַלטן די ווענט פון פרידלעכע היימען.

געפערלעך איז דאָס מעסער ווען עס געפינט זיך אין אַ האַנט — אין דער מענטשלעכער האַנט...

עס האָט נאָך, צייט די וועלט איז וועלט, נישט געטראָפן, אַז אַ מע־סער זאָל פון זיין אייגענעם ווילן האָבן עמיצן אַ שטאָך געטון. שטענדיק מוז שוין זיין דערביי אַ מענטשלעכע האַנט, אַן אונטערפירער...

אָבער דאָך איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז דאָס מעסער איז גע־ווען און איז און וועט זיין — ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך! — אַן איבער־וועגנדיקער שטאַנדפּונקט און אַ שטאַרקער, איבערציינגנדיקער אַרגומענט אין אַלע קאָנפליקטן און דיספּוטן צווישן יחידים און פעלקער.

דאָס מעסער האָט זיך פון די פריסטע צייטן אָן סאָלידאַריזירט און געשטעלט זיך איינגאַנצן צום דינסט פונעם שטאַרקערן, צום דינסט פון אַלע פייניקער און אומגערעכטע.

אַן אומשולדיקע כלי ווייזט אונדז אויס דאָס מעסער, וואָס ווערט געדולדיק אין די פענצטער פון די געשעפטן, אַז מ'זאָל עס קויפן. אָבער פון זיין שאַרפן גלאַנץ און ביטערער בליציקייט שרייט־אַרויס דער באַ־וואוסטזיין פון זיינע מעגלעכקייטן און דער שטאָלץ פון זיין מיסיע.

דעם מעסערס גלאַנץ רעדט מיט אַ צינישער און פרעכער שפּראַך: „דיינע אַלע אַרגומענטן זיינען אַרויסגעוואָרפן, איך בין גערעכט!...״

דאָס מעסער, דאָס אומשולדיקע און קאַלטע מעסער האָט אַ וואַרימע השפּעה אויפן מענטשן. דאָס מעסער באַווירקט אונדזער פּסיכיק. ווען דאָס מעסער איז נאָך רעכט נישט אַרויס פון באַשעפערס הענט, איז עס גלייך געוואָרן דער הויפּט־דעה־זאָגער אין אונדזער לעבן.

:: :: ::

אזויפיל וואריאנטן, אזויפיל נוסחאות האָט דאָס מעסער, און אַלע טראָגן אין זיך דעם זעלבן באַגער:

— בלוט.

און דער באַגער צו בלוט איז ביים מעסער, דאַכט זיך, אַזוי שטאַרק, אַז ער ווערט אַזש פאַרוואַנדלט אין מאַטעריע — אין ריח...

די שרעק פון חיות פאַרן מעסער איז אפשר נאָר צוליב דעם זייערן ריח, וואָס טראָגט זיך פון זיין קלאַנג...

אַזויפיל פאָרמען און אַזויפיל סטילן האָט באַקומען דאָס מעסער. פאַראַן מעסערס מיט שפּיציקע שפּיצן, וואָס טוען זייער אַרבעט גיך און פלינק, און פאַראַן אַנדערע מיט ברייטע, באַלעבאַטישע האַמעטנע קלינגען און האַלב־רונדיקע שפּיצן, און אַזעלכע מיט וואָוויליונגעריש אויסגעבויגענע שפּיצן, ווי די פאַריסענע נעז ביי די סלאַווישע מיידלעך.

די מעסערס, וואָס שטאַמען פון דער צייט פון מיטלאַלטער, האָבן מערסטנס פערלמוטערנע הענטלעך. די קעניגלעכע און פירשטלעכע מעסערס האָבן אויף די הענטלעך געהאַט אויסגעאַרבעט זייערע פאַמיליע־הערבן און זענען אויך, ביי די גאָר־פאָרמעגלעכע, געווען באַצירט מיט טייערע שטיינער.

אויסאַרבעטן דאָס מעסער איז פון אייביק אָן געווען פאַרבונדן מיט דער קונסט. אַ באַזונדערע און קאָמפּליצירטע קונסט איז געווען דאָס קענען הארטעווען דעם שטאָל.

דאָס מעסער האַלט זיך אין איין פערפעקציאָנירן. דער מענטש האָט איר אַלע צייטן אַרויסגעוויזן אַ סך ליבע און פּיעטעט צום מעסער, און ער האַלט דאָס אין איין פאַרפּולקאָמען. יעדעס יאָרהונדערט האָט צוגעגעבן עפּעס אַ נייעס צום מעסער און געזוכט דורך פאַרשידענע פאַרדינסטן נישט צו בלייבן הינטערשטעליק אין דער קונסט פון באַנוצן זיך מיט דעם אינסטרומענט...

נאָך אַ שטיק פריער איידער דער מענטש האָט געוואוסט אויסצואַרבעטן אַ מעסער פון מעטאַל, האָט ער זיך באַנוצט מיט אַ שטיינערנעם מעסער און שפּעטער מיט אַ הילצערנעם מעסער. דאָס מעסער איז געווען פאַרן מענטשן נישט נאָר אַ כּלי אין דער נויט, אין זיין קאַמף מיט דער ווילדער נאַטור, נאָר אויך אַ צירונג.

אין מיטלאַלטער האָבן פרויען געטראָגן אַרטיסטישע מעסערלעך אויף אַ שנור, אַלס צירונג, גלייך ווי זיי טראָגן היינט בינאָקלען.

אין וועלכער שטוב קאָן מען דען נישט אָנטרעפן עטלעכע טוץ מע־

סערס? און ס'איז נאָך אַלץ גרינגער צו פועלן ביי אַ מענטשן, אַז ער זאָל קויפן נאָך אַ מעסער, איידער אַ בוך...

גישטאָ, דאַכט זיך, נאָך איין געביט אויף וועלכן דער מענטש זאָל האָבן אַרויסגעוויזן אַזויפיל שעפערישקייט און אַזויפיל פּיעטעטפולע באַציאונג, ווי צום מעסער. אין דער מענטשלעכער פּיעטעט צום מעסער, וואָס קומט צום אויסדרוק אַפילו ביים קינד — נישטאָ פאַר אים קיין באַליבטער שפּילעכל, ווי אַ מעסער, אַ מעסערל — איז פאַראַן עפּעס אַ רעמיניסענץ פון דעם אַמאָליקן וואַלד־מענטש, פאַר וועמען דאָס מעסער איז געווען אַ לעבנס־נויטווענדיקייט.

די געשיכטע פון מעסער און ווי אָפט און אויף וואָס פאַר אַ אופנים מ'האָט דאָס באַנוצט, מיט גלענצנדע אָדער ווינציק־גלענצנדע רעזולטאַטן — איז אייגנטלעך די געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע פון העט־העט ביז היינט...

:: :: ::

פאַראַן גרויסע מעסער־קאָלעקציעס אין אַלע מוזעאומס פון דער וועלט. דאָס מעסער האָט הינטער זיך אַ פאַרגאַנגענהייט און די צוקונפט איז אויך פול מיט צוזאָגן און האָפנונגען. דאָס מעסער האָט זיך באַטייליקט און נעמט אָנטייל אין אַלע געביטן פון אונדזער לעבן.

עס באַנוצן זיך מיטן מעסער דער נאַכט־רויבער און דער כירורג, דער קצב, דער וועגעטאַריאַנער, דער הענקער פון דער גילאָטינע, דער סקולפּטאָר און אויך אייפערזיכטיקע מענער און פרויען.

די גלענצנדע שאַפעס פון אַלע וועלט־מוזעאומס זיינען איבערפולט מיט מעסער־קאָלעקציעס. אַ סך שווערער אָבער וואָלט געווען צו מאַכן אַן אַלגעמיינע און פולקאָמע אויסשטעלונג פון מעסער. דאַן וואָלט מען געדאַרפט כמעט אונדזער גאַנצע ציוויליזאַציע אויסשטעלן... ווייל אייגנטלעך איז דאָך אַ ביקס, אַ קאַנאָן און אויך די סאַמע נייסטע גאַז־באָמבעס און באָמבאַרדיר־אַוויאָנען, אויך מער נישט ווי אַ מעסער — אַ ווייטגרייכנדיק און קאָמפּליצירט מעסער...

אַמאָל האָט די רעליגיע געוואָלט מאָנאָפּאָליזירן דאָס מעסער פאַר איר אויסשליסלעכן געברויך, נאָר אויף צו שעכטן קרבנות. ס'איז אָבער צו־ענג געווען פאַרן מעסער דער געביט. דאָס מעסער האָט געוואָלט שעכטן אויך אָן אַ ברכה (און נישט נאָר שעפּסן און רינדער...), און די פונק־

ציע פון מעסער האָט זיך וואָס אַמאָל אויסגעבריייטערט אויף אַלע גע־ביטן פון אונדזער לעבן. דאָס מעסער איז אַזוי צו זאָגן פאַרוועלטלעכט געוואָרן...

נאָר אונדזער חלף האַלט נאָך אָן דעם רעליגיעזן טאָן.

:: :: ::

אַזוויפיל מעסערס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט, אַלע שאַפעס, אַלע קרעדענצן פון די פרידלעכסטע היימען זיינען פול מיט מעסערס און מע־סערלעך, פון די פאַרשיידנסטע קוואַליטעטן און פאָרמען. עס שמייכלען מיט אומשולד די פרוכט־מעסערלעך מיט די בורשטינענע הענטלעך: „מיר קאָנען דאָך גאָר קיין בייז נישט טון. מיר קאָנען רעכט נישט אַ פינגער איינשניידן...״ נאָר ליגנדיק אין די שופלאָדן, שושקען זיי זיך צווישן זיך און דערציילן זיך וועגן די גרויסע גלאַנציקע ברידערלעך, וואָס הענגען איבער העלדזער און זיי באַהערשן די וועלט...

פאַראַן אַן איבער־פּראָדוקציע פון מעסערס אויף דער וועלט. דער באַגריף פון „לעבנס־רוים״ מיינט דאָך נישט עפּעס אַנדערש ווי באַקומען נייע לענדער, וואו דאָס מעסער זאָל באַקומען אַן אַפּזאַץ, אַן אָנווענדונג. קאָלאָניזירן אַ לאַנד האָט דאָך קודם־כל געמיינט שאַפן נייע קאָנסומענטן פאַרן מעסער...

אַ העלפט פון דער מענטשהייט איז פּערמאַנענט באַשעפטיקט אַרום מעסער. און ווי וואונדערלעך די אַרבעט איז דאָ איינגעטיילט! ווער עס שמידט דאָס מעסער און ווער עס האַרטעוועט עס און מאַכט עס שאַרף און בליציק. אַנדערע ווידער זאָרגן פאַר דער שיינקייט פונעם מעסער און זיי באַצירן עס מיט מענטעלעך, מיט שיידלעך לעדערנע.

דאָס מעסער האָט אויך זיינע טעאָרעטיקער און פּרעדיגער.

די ברכה „ועל חרבך תחיה״, האָט געפונען אַ גוטן באָדן ביי איי־ניקע פעלקער. דייטשלאַנד, אַ שטייגער, האָט זיך נישט באַנוגן געלאָזט מיט דער גוטער קוואַליטעט פון אירע „סאָלינגען״־מעסערס, און זי האָט אויך איינגעפירט אַ קולט פאַרן מעסער. דאָס שלייפן דאָס מעסער איז געוואָרן פאַרן דייטשן פאָלק אַן אידעאַל, אַ רעליגיע. די תפילה פון דער נייער רעליגיע איז געווען:

„ווען דאָס יודען בלוט פון מעסער שפריצט, איז גוט!״

:: :: ::

און אויף דעם גרויסן יאריד פון כל המינים מעסערס, קינזשאלן, זשי־לעטן, שווערדן און שווערדלעך, ליגט אונזער שבתדיק „מוציא־מעסער" א שטילס, א באשיידנס, אן שלעכטע כוונות. אונדזער „מוציא־מעסער" איז דאס פאציפיסטישע צווישן די אלע מעסערס...

די דינים פון פליישיקס און מילכיקס האבן באגרעניצט די פונקציע פון אונדזער מעסער און געהאלטן עס בסדר אונטער א קאנטראל. וועל־כער ייד וועט דאס וואגן אריינצושטעקן א מילכיק מעסער אין א מענטש־לעכער, פליישיקער פלייצע?...

אונדזער אמאליק דוד המלך'ס שווערדל איז מיט דער צייט טעמפ געווארן און אונדזערע איינציקע שווערדן, וועלכע מיר באנוצן, זיינען די הילצערנע שווערדן צו שניידן סכך, הושענות און די קארטאנענע בא־גילדעטע „שולמית"־שווערדן...

דאס מעסער קאן אויך זיין שעפעריש און פראדוקטיוו. דאס מעסער אין דער פארם פון האק, זעג און העבל, האט דאך אויפגעבויט אונדזע־רע היימען און פארטריבן דעם מדבר און די געפארן פון אונדזערע שוועלן.

דער מענטש געפינט זיך נאך אבער אלץ, ווייזט אויס, אין זיינע קינדער־יארן, און ס'איז א געפאר אז א קינד זאל זיך שפילן מיט א מעסער...

די גאנצע אומבאהאלפנקייט פונעם מענטשן קומט צום אויסדרוק ביים מעסער, וועלכעס איז געווארן דער באלעבאס איבער אים...

אַ מענטש עסט

כ'האָב געהאַט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן אַ מענטשן, בשעת ער איז געזעסן אין אַ רעסטאָראַן און געפּראַוועט אַ סעודה. אוודאי איז דאָס נישט קיין אויסטערלישער ספּעקטאַקל. מיליאָנען מענטשן עסן צו עט־לעכע מאָל יעדן טאָג, ביחידות, אָדער בצבור. דאָס מאָל אָבער האָב איך אַליין נישט געגעסן, נאָר געזעסן אין אַ זייט, און אַן אומבאַמערקטער האָב איך פון מיין ווינקל אַרויס געקאָנט אָבסערווירן דעם מענטשן וואָס איז געזעסן פּונקט קעגנאיבער מיר און געגעסן.

אַלע העויות און תנועות זיינע, די פיזישע און אויך די פּסיכישע אי־בערלעבונג וואָס עס קומט באַגלייט ביים עסן, האָב איך געהאַט די מעג־לעכקייט צו אָבסערווירן פון אַ נאָענטער דיסטאַנץ. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ ספּעקטאַקל, אַן איבערלעבונג, וואָס האָט מיר קלאָר געמאַכט גע־וויסע זאַכן און געוועקט רעיונות און נאָכטראַכטענישן.

:: :: ::

דער עסער איז געווען אַ מענטש וואָס האָט גענאָסן פון אַ גוטן גע־זונט און ער האָט געגעסן מיט דעם פולן אַפּעטיט.

אַלע באַק־ציינער האָבן ביי אים געאַרבעט, ווי אַ ראַיעלע און פלינקע מיל. אַלע רמ"ח אברים האָבן מיט אים מיטגעגעסן און הנאה געהאַט.

און געגעסן האָט ער פּאַוואָלינקע, נישט געאיילט זיך און געקייט, צעקייט מיט ישוב הדעת, מיט הנאה יעדן ביסן.

בשעת דעם קייען האָבן אָדערלעך אויף זיינע שלייפן אַרומגעטאַנצט, געציקט ווי אַנגעצונדענע ראַדיאָ־אַנטענעס. דאָס האָבן זיי צעשיקט גרוסן איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פון דעם מענטשלעכן קערפּער: ס'איז גוט! די וועלט איז שיין, ס'איז אַ מחיה צו לעבן!...

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט איין טעלער, ווישט זיך אַרום אונדזער עסער־

זייער אנשטענדיק מיטן סערוויזשעט און באַשטעלט אַ ווייטער מאכל. בלייבט ער דערוויי׳ל זיצן אַ צעפרידענער צווישן איין געריכט און דעם צווייטן און רייבט זיך די הענט פון גרויס צופרידנקייט. מען זעט אויף זיין פנים אַז ער לעבט שוין איצט איבער די פסיכישע פאַרדייאונג פון די באַשטעלטע מאכלים.

ער איז שוין נישט גאַר הונגעריק. דער ערשטער ווילדער הונגער מיט וועלכן ער האָט זיך געזעצט צום טיש, איז שוין אריבער, אָבער זאַט איז ער נאָך ווייט נישט.

דערוויי׳ל שניידט ער קליינע פעניצלעך ברויט, באַשמירט זיי מיט פוטער און קייט מיט פרייד, מיט הנאה. ער קלייבט אויף גיריק די ברעקלעך פון טיש און וואַרפט זיי מיט הנאה אין מויל אריין און ברומט זיך דערביי עפּעס אַ פריילעכע מעלאָדיע.

מען זעט באַשיינפערלעך אַז עס איז אים איצט גוט דעם מענטשן.

:: :: ::

כאָטש ער עסט דער מענטש מיט אַ סערוויזשעט און מיט אַ גאָפּל, איז פאַראַן אין זיין עסן עפּעס ווילדעס, חיהשעס, גלייך ווי עס וואָלט אים געדראָט די געפאַר אַז מ׳זאָל ביי אים וועלן אַרויסרייסן דעם ביסן פון מויל.

אַ ווייט־ווייטן ווידערקול פון וואַלד הער איך דאָ אין דעם קנאַקן פון זיינע ציינער ביים בייקומען עפּעס אַ האַרטלעכע טייל פון דעם נישט־דערבאַקענעם ביף. בשעתן קייען גיט ער אַרויס עפּעס מאָדנע קלאַנגען, וואָס קומען פון דער אַקציע פון קייען, אָדער גאָר קלאַנגען, אויסדרוקן פון זיין צופרידנקייט, פון דעם איבערפלוס הנאה.

און דאָס דערמאָנט עפּעס אין דעם ענטוזיאַזם, וואָס עס האָט געערשט אַרום די אַמאָליקע פייערן, וואָס אונדזערע אור־זיידעס האָבן צעלייגט אין וואַלד און אַרום וועלכע מ׳האָט געפּראַוועט שטאַרק־פלייי־שיקע סעודות, און טאַקע אָן גאָפּלען און אָן סערוויזשעטן...

אַזוי ווייט און אַזוי נאָענט קוקט מיר אויס יענע איבערלעבונג! איצט, דווקא איצט, ווען דער מענטש זיצט דאָ פאַר מיר און עסט אַזוי אָנשטענדיק, אַזוי דערצויגן — איז ער אַמנאָענטסטן צו יענער ווייטער וואַלד־איבערלעבונג...

עס איז אַזוי גרינג איצט אַרויסצורופן די חיה, דאָס וואַלדישע אינעם מענטשן. פּרואוו אים שטערן איצט אין זיין הנאה, פּרואוו צונעמען דעם

טעלער פון אים, וועט ער זיך ווארפן אויף דיר ווי א צעווילדעוועטער וואלף.

די שרעקלעכסטע און פארביסנסטע מלחמות האבן פעלקער געפירט צוליב א זאטן מאלצייט, וואס מען רופט אמאל אן וואוילשטאנד, עקאנאמיק, ארויסגאנג צום ים, אדער לעבנס־רוים...

הינטער די מערסטע און שיין־קלינגענדיקע צוזאגן און צילן איז שטענדיק געלעגן די אויסזיכט, דער באגער צו קאנען אומגעשטערט און זאט אפעסן.

:: :: ::

אונדזערע זיידעס און טאטעס האבן געפרואווט דורך פארשידענע מיטלען היילִיקן, דערהויבן, פארמענטשלעכן אביסל דעם חיהשן הונגער אין מענטשן און געבן דער פונקציע פון עסן עפעס א העכערן זין און ציל.

עס איז נישט אזוי צוליב דעם עסן, ווי צוליב דער ברכה...

מיטן מאכן א ברכה — האבן זיי געגלויבט — באקומט דאס אפגעקאכטע הינדל א תיקון, א פארגייטיקונג, א זין פאר דעם פארלוירענעם לעבן. אונדזערע זיידעס און טאטעס האבן געזוכט צו באהערשן דעם הונגער, האבן זיי פארזונגען אים מיט זמירות און געפענטעט אים מיט ברכות, מיט תפילות פאר און נאכן עסן. און עס איז זיי אין א גרויסער מאס געלונגען צו באהערשן, צו באזיגן דאס חיהשע.

קוקנדיק אויף דעם מענטשן מיט וויפל אפעטיטפולער הנאה ער עסט, שלינגט איין מאכל נאך א מאכל, פיל איך, לעב איך איבער א טייל פון זיין הנאה. ווי גרינג, מיט ווי ווינציק מען קאן צופרידנשטעלן, מען קאן גוט טון א מענטשן.

עס ווערט מיר אבער טרויעריק ביים געדאנק וואס עס קאן ווערן פון א מענטשן, ווען מ'זאל ביי אים צונעמען דאס עסן אויף געציילטע טעג נאר.

דער מענטש וואס זיצט דא אזוי צירלעך־מאנירלעך, א מענטש מיט אזויפיל באוואוסטזיין וועגן זיין איך, וואלט נאך א טאג נישט עסן פארלוירן זיין מענטשלעכן שטאלץ, זיין צלם אלהים און וואלט פארוואנדלט געווארן אין א חורבה.

עס ווערט טרויעריק און קאלט פאר יענע צענדליקער מיליאנען מענ־

משן וואס הונגערן הייגט אויף דער וועלט און פאר וועלכע אזא מאלצייט, אזא סעודה ווי דער־א מענטש פראוועט דא, איז פאר זיי א לעגענדע...

:: :: ::

שוין א 30 מינוט ווי דער מענטש האלט אין איין קייען. זיינע צייי־נער האבן זיך קיין איין ווײַלע נישט אפגעשטעלט און ער האלט נאך אין עסן. זיין אפעטיט, קיין עין־הרע, ווייזט מיר אוים האלט זיך ערשט אין צעפלאקערן, א שטייגער ווי א רעדנער אז ער צערעדט זיך. וועט ער זיך שוין גארנישט אנזעטיקן דער מענטש?

פאר דער האלבער שעה וואס ער זיצט דא איז ער געווארן פולער, שווערער און אויך זיכערער — אזא מין זאטע זיכערקייט...

שוין דאס צווייטע מאל וואס ער מאכט לויזער דעם פאסיק פון זיינע הויזן, און ער טראכט נאך נישט פון אפשטעלן זיך.

פון די עטלעכע פליישיקע מאכלים וואס ער האט שוין איינגעשלונגען איז זיך אנצושטויסן אז דער מענטש האט נישט קיין שום נייגונג פאר װעגעטעריאניזם. די אלע טעאריעס, אז א מענטש וואס עסט פלייש פאר־וואנדלט זיין מאגן אין א צמענטאר, אדער אז דאס באשווערן דעם מאגן אין דער פארדייאונג, קאן אים מיט דער צייט פארשאפן א לייטישע אולסערא — קימערן אים נישט.

דער מענטש א גאנצער, געזונטער, באהאנדלט זיין מאגן נישט ווי א קראנק שטיף־קינד, און די אלע װארנונגען וועלן אים נישט באווייזן אראפצופירן פון דעם גלייכן וועג.

ער לאכט זיך אויך אוים פון אלע רפואות און טאניקאס.

אונטער דעם איינדרוק פון דער איינגעשלונגענער פארציע, האבן זיך די שטימונגען און איבערצייגונגען פון דעם מענטשן היפש געביטן. א סך זאכן און פראגן זעט ער איצט אנדערש , אין אן אנדער שיין, אנדערע פערספעקטיוון.

די הימלען וואס האבן זיך אים פארן עסן אויסגעוויזן נידעריק, פאר־וואלקנט, האבן זיך מיטאמאל אויסגעלייטערט און העכער געווארן. די גאנצע וועלט האט איצט א שענערן אויסזען באקומען און זיין קוס איז געווארן יונגער, אפטימיסטישער.

דאס וואס עס האט זיך אים פארן עסן אויסגעוויזן אומעגלעך, איז איצט געווארן נאענט און מעגלעך, ממש מיט דער האנט צו דערגרייכן.

ער, דער בעל־דבר אליין, גיט זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג דערפון ווי זיינע איבערצייגונגען בנוגע יידן, בנוגע דער וועלט, האָבן דורכגעמאַכט, אונטער דעם האַלבן טוץ מאכלים, אַ שטאַרקע טראַנספאָרמאַציע.

אפילו די מיינונג וועגן זיין געזעצלעך ווייב האָט ער געביטן. די גאַנצע וועלט האָט איצט אַן אַנדערן אויסזען, אַן אַנדערן זין באַקומען.

קומט גאָר אויס אַז נישט די אוניווערזיטעטן, נאָר די קיך איז די לאַבאָראַטאָריע, וואָס באַאיינפלוסט און שמידט אויס דעם מענטשלעכן גייסט?

קומט גאָר אויס אַז נישט די דיכטער און אויך נישט די פּליכטוואַטע פּראָפעסאָרן, נאָר די קיכערים זיינען די וואָס ווירקן אויף אונדזערע שטימונגען און אופן פון זען און באַנעמען די וועלט?

:: :: ::

דער מענטש וואָס האָט געגעסן האָט נישט געדאַרפט ווי זיינע אור־זיידעס אַליין אַרומגיין אויף יאַגד, אַליין דערנאָך צעלייגן דאָס פייער און אָפּבראָטן זיך דעם פאַנג. די ציוויליזאַציע האָט אים איינגעשפּאָרט די אַרבעט. אַנדערע טוען דאָס פאַר אים.

אַ האַלבע וועלט האָט געהאָרעוועט אויף דעם מיטיק, וואָס דער מענטש האָט דאָ פאַר מיינע אויגן אויפגעגעסן. און נישט נאָר זיינע ברי־דער, זיינע מיטבירגער פון דעם לאַנד האָבן זיך געמיט פאַר אים, נאָר אויך אפילו אין אויסלאַנד האָבן מענטשן דאָרט געשוויצט צוליב זיין היינ־טיקן מיטיק.

קאָלאָניסטן האָבן געאַקערט, געזייט, אַרויסגעקוקט זיך די אויגן אויף רעגן און שפּעטער געשניטן דעם ווייץ — ברויט צום מיטיק.

דער פּי־ציכטער האָט באַצייטנס פאַרגרייט פּאַשע פאַר זיין פי און געזאָרגט אַז זיי זאָלן האָבן גענוג וואַסער, כדי דער מענטש דאָ זאָל קאָ־נען עסן היינט אַ באַטעמטן ביף.

די ציטרוס־פלאַנצער האָבן געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף לאַנגע יאָרן קעגן פאַרשידענע אינזעקטן און כלערליי פּלאָגן וואָס האָבן געלאַסערט אויף זייערע פּלאַנטאַציעס. אַדאַנק זייער מי און האָרעוואַניע האָט דער מענטש דאָ געהאַט צו פאַרטרינקען מיט מאַראַנצן־זאַפט נאָך דעם נאָר־האַפּטן און פעטן מיטיק.

און אַז דער מאָלצייט זאָל זיין גאַנץ, האָט פּאָרטוגאַל בייגעטראָגן מיט אַ שאַכטל גוטע סאַרדינען.

פראנקרייך — מיט א גוט ביסל קאָניאַק.
בראזיל — מיט א טעפל פיינעם קאפע.
איטאליע — מיט א טאָסקאַנאָ־ציגאַר.

עס וואָלט גאָר לאַנג גענומען צו מאָלן דאָ ווי די פּאָרטוגעזישע פּי־שערס האָבן בשעת זיי האָבן זיך ארויסגעלאָזט אויפן אָפענעם ים צו כאַפּן די סאַרדינען, געהאַט אַריבערצוטראָגן אַ שווערן שטורם. און ווער ווייסט צי דאָס שאַכטל סאַרדינען וואָס דער מענטש האָט דאָ היינט פאַר־ברויכט צום מיטיק, האָט נישט געקאָסט דאָס לעבן פון איינעם אָדער מע־רערע פישער.

און נישט קיין קלענערע מסירת־נפש האָבן ארויסגעוויזן די זין פון אַנדערע פעלקער, ביים צושטעלן צום טיש די פּראָדוקטן זייערע.

אָבער לאָמיר דעם מענטשן נישט פאַרביטערן זיין מאָלצייט!

און זייט זיכער אַז די רשימה איז נאָך נישט גאַנץ. איך וועל דאָ אָבער נאָר דערמאָנען אַז כדי דער מענטש זאָל האָבן מיט וואָס זיך אויס־צודליבן די ציינער נאָכן מיטיק, האָט מען נאָך אַ צייט פריער אונטער־געהאַקט עטלעכע צענדליק ביימער און זיי פאַרוואַנדלט אין ציין שטע־כעלקעס.

זאָגן אַז אַ גאַנצע אַרמיי מיט מענטשן האָבן געאַרבעט, געהאָרעוועט פאַר דעם מיטיק פון דעם־אָ מענטשן. איז גאָרנישט איבערגעטריבן. אַז דער מענטש זאָל דאָ קאָנען עסן אַזוי רואיק און באַקוועם זיין מיטיק, האָבן דורות זיך געמיט. פעלקער האָבן זיך אויסגעלערנט וועבן טיש־טוכער און שמידן מעסערס און גאָפּלען.

דער מענטש איז אַ גלענצנדער קאָנסומענט. זיינע געזונטע ציינער און גוטער אַפּעטיט זיינען אַ ברכה פאַרן לאַנד און אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון וואוילשטאַנד און גלייכגעוויכט אין די אינטערנאַציאָנאַלע האַנדלס און פּאָליטישע באַציאונגען...

:: :: ::

דער מענטש האָט שוין אינגאַנצן פאַרענדיקט זיין סעודה. ער וועט שוין מער גאָרנישט איצט עסן.

אַ זאַטער, אַ פולער און אַ פוילער זיצט ער איצט פאַר מיר. דער דאָזיקער מענטש פון וועמענס אויגן עס האָט פריער אַרויסגעקוקט הונ־גער, זיינען איצט פאַרגאָסן מיט אַ פעטן נעפּל. ער קוקט איצט אויס פויל

און אנטיפאַטיש. זיין קערפּער שלעפּט זיך אַ מידער. ער בענקט נאָך רו, נאָך רואיקער פאַרדייאונג.

דער אָנגעפּולטער מאָגן האָט אים שווער און טעמפּ געמאַכט. די פּע־דים וואָס האָבן אים פאַרבונדן מיט די אַרומיקע, מיט די מענטשן און זייערע זאָרגן און פּיינען, ווערן איבערגעריסן. דאָס איז אַזאַ מין באַוואָ־רעניש, אַ פּאַרזיכטיקייט פון דעם קערפּער, צו פאַרהיטן אים חלילה פון אַ שלעכטער פאַרדייאונג.

פון זיין פולן און איבערגעפּולטן מאָגן גייען אויף פּעטע, זאַטע גרעב־סעלעך, ווי קליינע באַלאָנדלעך, — אַ סימן אַז דער מאָגן האָט זיך שוין גענומען צו דער אַרבעט.

שאַ, דער מענטש, דער קאָנסומענט, פאַרדייעט איצט זיין זאַטן מי־טיק. שטערט אים נישט! דערצאָרנט אים נישט!

און זייט געוואָרנט אים נישט צו דערציילן פון די אַלע טרויעריקע זאַכן. דערציילט אים נישט פון קיין הוימלאָזע און פון קיין הונגעריקע.

— ער וועט דאָס סיי ווי נישט גלויבן. זיין זאַטער אָרגאַניזם און פאַר־טעמפּטער מוח וועט דאָס נישט באַנעמען. ווי אַן אויסגעטראַכטע, פאַלשע געשיכטע וועט דאָס פאַר אים קלינגען...

שטיינער

ביבליאטעק
שלמה

אַ יידישער יום־טוב אין אַ בוענאָס איירעסער פאַרשטעטל

אַ.

ווייטע, פאַרוואָרפענע גאַסן, נישט געפלאַסטערטע, נישט ברוקירטע צומאָל. די זון גליט, שיט און פאַרשווענדט אירע שטראַלן, ווי עפּעס אַן אויפגעקומענער גביר מיט מינצן. די שטראַלן פאַלן אַן די פולע, געדיכטע, יערנדיקע רינשטאָקן פוןביידע זייטן גאַס, פון וואַנען עס הויבט זיך אויף אַן עיפּושדיקער געשטאַנק, ווי פאַרהאַנגען צוויי.

עס איז שבת נאָכמיטיק. אַ שלוהדיקע, איינשלעפערנדיקע רואיקייט ליגט דאָ אין גאַס. מען זעט נישט קיין לעבעדיק באַשעפעניש ארויס־שמעקן אין דרויסן. אהער קומען נישט די טראַמווייען, דאָ פּאַטשן נישט דורך די ווילדע אָמניבוסן. אַמאָל, אַמאָל באַווייזט זיך דאָ אַן אויטאָמאָ־ביל, אַ פאַרבלאָנדזשעטער מסתמא, לאָזט ער איבער הינטער זיך אַ וואָלקן מיט שטויב.

איז דאָס נישט אַ שטעטל ערגעץ אין גרויס־פּוילן אָדער אין פּאָלע־סיע, צי גאָר אין וואָלין?

פון די פאַרמאַכטע, ברייטע פענצטער, וואָס זיינען פאַרשטעלט מיט פּערסישע לאָדנס, הערט זיך נישט דער ניגון פון פּרק־לערנען און נישט קיין ברכה איבער שבת־אויבסט...

די הילצערנע, אויסגעקרומטע ירושה־שטיבער מיט משופּעדיקע שינ־דל־דעכער, זיינען אויסגעביטן געוואָרן אויף גלייכע, ציגלנע, אָדער בעטאָ־נענע גאָר. איבער זייערע פלאַכע דעכער הויבן זיך ארויס קוואַדראַטן, ווי כלעצלעך צוקער, אָדער רונדיקע וואַסער־רעזערוואַארן.

פון דאָ און דאָרט רייסט זיך ארויס דאָס קול פון אַ ראַדיאָ. די מענטשלעכע שטימע רעדט פלינק, פלינק און אָפּגעריסן, אַזוי ווי מען שלינגט אַ קאָכעדיק מאכל. דאָס גיט מען איבער ווי אַזוי עס גייט צו דער פוטבאָל־מאַטש. אַ צווייטע ראַדיאָ זינגט אויס אַ מעלאַנכאָלישע טאַנגאָ,

וואס איז מער געזאגט ווי געזונגען, און דער ספיקער פארענדיקט מיט אן עצה: „אין יעדער ארנטלעכער שטוב דארף מען נוצן די זייף, וואס אלע פילם־אקטריסעס נוצן".

אויך א יידישע ראדיא־שטימע מישט זיך אריין אין דעם כאר. א יידישער „וועלט־בארימטער זינגער" האט נאר־וואס פארענדיקט זינגען א ליד אויף די העכסטע חזנישע טענער „מאמע, איך בענק אהיים!" — און באלד גיט מען צו ווימן אז „א גוט שטיקל שטרודל און די אמתע מאן־קיכלעך באקומט מען נאר ביי יאנקל דעם אדעסער"...

א יידישע שטימע פון דער ראדיא ארוים איז א גוטער סימן צו דער־קענען, וואו עס וואוינט דא א ייד, ווייל קיין מזוזות אויף די טירן איז נישט צו זען מער.

עס טיילט זיך אוים א בנין פון די איינשטאקיקע, מאנאטאנע היי־זער, מיט זיין הויכן פראנט, אן פענצטער. הויך איבער דער טיר הענגט א הילצערנער מגן־דוד, באזעצט מיט קליינע, בלויע עלעקטרישע לעמפ־לעך. פון ביידע זייטן טיר זיינען איינגעמויערט דאפלטע רונד־האקעס, צו ארויסהענגען אויף זיי ביידע פאנען, די ארגענטינער און די יידישע.

דאס איז דער יידישער „סאלאן" — די שול און שולע, טאנץ־זאל און ביבליאטעק און די גמילת חסדים־באנק — אלץ צונויפגעמישט צוזא־מען, אונטער איין דאך.

ווען זאל דאס איינפאלן, אז דא אויף די וויטע, פארוואָרפענע גאסן, וואס ווארפן אן א בענקעניש און א טרויער, זאלן וואוינען אזוי פיל יידן און עס גייט דא אויף אן אייגנארטיק יידיש לעבן?

ב.

די טיר פון „סאלאן" שטייט אפן. עס טומלט זיך און עס רודערט זיך שוין אינעווייניק. די גאנצע קאמיסיאן איז שוין דא. עס איז פאראן א סך ארבעט צוצוגרייטן דעם יום־טוב, און דער יום־טוב איז היינט א גרויסער, א יובילעאום יום־טוב. עס וועלן קומען ספעציעל איינגעלאדענע געסט פון די שטאטישע אינסטיטוציעס, עס וועלן קומען שרייבער פון די יידישע בלעטער, עס וועלן זיין ארטיסטן באשטעלטע, „מיט א רייך־קינסטלערישע, ליטעראריש־מוזיקאלישע פראגראם".

ארבעט איז דא א סך, גאר א סך. איידער וואס, דארף מען די שול

פארוואנדלען אין א טאנץ־זאל, אין א טעאטער, אז מען זאל מעגן אריינ־קומען און א היטל און די הייליקייט זאל נישט ליידן דערפון.

נעמט מען ארוים די הויכע ווענטלעך, וואס זיינען צוזאמענגעקלאפט פון דינע דיקט־ברעטלעך מיט זאוויעסעס, צונויפצולייגן, און מען שטעלט זיי אויף ארום דעם ארון־קודש און מען קייטלט זיי צו פון ביידע זייטן צו די ווענט. פאר די לוחות מיט די עשרת הדברות, וואס גרייכן ארויס א שטיק איבערן ווענטל, איז פאראן א באזונדער ברעטל נאך, וואס קייטלט זיך אויך צו. איצט קען מען שוין טון און ארבעטן פון דער זייט פראנק און פריי אומגעשטערט, ווייל די הייליקייט איז שוין גוט באַ־וואָרנט און באשיצט...

זיי האבן אויסגעטון די רעקלעך, די קאמיסיאן־מיטגלידער, און זיי ארבעטן מיט פארקאטשעטע ארבל. פון זייערע שטערנס גיסן זיך שווערע טראפנס שווייס.

ווער עס שלעפט דערוויייל ארויף די ברעטער פון דער „אסאטעא", צונויפצושטעלן די בינע און אנציען א דראט, אויפצוהענגען דעם פאר־האנג. אויף צו מאכן דעם געשטעל פון דער בינע קומען צונויף די בענק פון דער שולע, וואס פלאנטערן זיך אונטער די פיס, איבערן גאנצן זאל.

ווער עס גרייט דערוויייל צו אויף דער גאלעריע, די ווייבער־שול, די סאנדוויטשן און מען דעקט די טישן צום באנקעט, וואס וועט נאכן יום־טוב פארקומען. דא האבן שוין די קאמיסיאן־מיטגלידער אריינגעצויגן אין דער געזעלשאפטלעכער ארבעט אויך די פרויען זייערע און די דערוואקסענע, צעבליטע טעכטער — ס'איז א מעלה צו א שידוך...

ווייזן זיי טאקע וואס זיי קענען. זיי שווענקען די געזאלצענע „אנ־טשאָאָס" אין א שיסל מיט וואסער און שפאלטן זיי אין צווייען און מאכן סאנדוויטשן, פארבראקטע מיט שטיקלעך זויערע אוגערקע, געמאכט אויף א יידישלעכן שטייגער...

די צופרידנקייט פון גאנצע און געזונטע מענטשן ליגט זיי אויף די רונדיקע, רואיקע פנימער.

דער קאסירער פון דער אינסטיטוציע קומט אראפ פון דער גאלעריע, מיט א האלבן סאנדוויטש אין מויל און דעם צווייטן אין האנט, און זאגט מיט פרייד:

— האי קע ווער! די סאנדוויטשן צעגייען זיך אין מויל פון גוט־קייט...

דער פרעזידענט מיטן סעקרעטאר זיינען פארנומען מיטן ציילן די בילעטן. זיי טונקען די בלייערס אין מויל און זיי רעכענען.

דער לערער האט דערוויייל צונויפגענומען די קינדער אויפן הויף און הערט אויס יעדן איינעם די דעקלאמאציע, וואס ער דארף זאגן. דעם לערערס פנים איז פארזארגט און מיד. די קינדער זאלן זיך נאר נישט פארהאקן, איבערשרעקן זיך פארן פובליקום, און פארגעסן מיטאמאל אלץ, וואס ער האט מיט זיי לאנגע וואכן איינגעהארעוועט.

דאס איז שוין די לעצטע רעפעטיציע, גיט ער די קינדער די זוויכטיקסטע אנווייזונגען:

— דער עיקר — נישט שרעקן זיך, קינדער! הויך און דרייסט זאגן און פארנויגן זיך צום פובליקום, ביים ארויפקומען און ביים אראפגיין פון דער בינע.

און אליין איז דער לערער פול מיט שרעק און אומרואיקייט.

איינער פון דער קאמיסיאן, וואס איז באשעפטיקט ביים אויסבויען די בינע, לאזט פאלן, פלוצים, אויפן פאל א שווער ברעט מיט א הילכיקן טראסק, און ער כאפט זיך פאר דער האנט.

— וואס איז געשען, בערנארדא? — לויפט מען צו צו אים פון אלע זייטן. אויך דער לערער מיט די קינדער האבן איבערגעריסן די רעפעטיציע און זיינען געקומען צולויפן.

א טשוואק, וואס האט ארויסגעשטארט פון ברעט, האט זיך אים איינגעשניטן אין די מוסקולן פון דער האנט. שווארצע טראפנס בלוט טויכן אויף און גיסן זיך אראפ אויפן פאל.

— אביסל אלקאהאל!

— אביסל יאד!

דער פארוואונדעטער שטייט א דערשראקענער, א בלייכער. דער פרעזידענט גיט א קינד עטלעכע מטבעות ער זאל צולויפן צו אן אפענער אפטייק און קויפן א פלעשל יאד.

— איינס און צוויי! — שרייט מען אים נאך.

די געשעעניש מיט דער האנט האט דערוויייל אלעמען צעטומלט. די פרויען האבן איבערגעריסן זייער גזעלשאפטלעכע ארבעט ביים צוגרייטן די סאנדוויטשן און זיי זאגן מיט מיטפילנדע מינעם:

— קע קאסא! קע מאלא סוערטע!

דערוויייל האט מען געבראכט די געטראנקען, דאס ביר, די פלעשלעך און דאס אייז. מען טראגט די קעסטלעך אויף דער גאלעריע ארויף און

מען לייגט זיי אוים אין גרויסע „טאַטשאָס", וואָס יעדער פון דער קאָמי־סיאָן האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון שטוב. מען באַלייגט די פּלעשלעך מיטן צעקלאַפּטן אייז און מען פאַרדעקט מיט נאַסע זעק.

די קינדער האָבן דערווייל אין דעם טומל וואָס עס האָט זיך געמאַכט, דערטאַפּט ערגעץ אין אַ ווינקל די חופּה מיט די פיר שטאַנגען. זיינען זיי אַרויף אויף דער „אַסאַטעאַ" און זיי פּראַווען דאָרט אַ חופּה מיט אַזוי פיל ענטוזיאַזם און פרייד, אַז דער גאַנצער בנין טרייסלט זיך פון די געשרייען.

— לערער! לערער! — שרייט מען פון אַלע זייטן — נעמט־צו די קינדער! זיי וועלן דאָך דעם „סאַלאָן" חרוב־מאַכן!

ג.

אַלע צוגרייטונגען זיינען שוין געמאַכט. די בינע שטייט שוין אַ גריי־טע מיט אַ רויטלעכן פאָרהאַנג. די בענקלעך זיינען שוין אויסגעשטעלט. עס געגנוגענען נישט קיין בענקלעך, האָט מען ביי דער מערב־וואַנט אוועק־געשטעלט לאַנגע בענק, וואָס גרייכן איבער דער גאַנצער ברייט פון „סאַלאָן".

בערנאַרדאָס פאַרוואונדעטע האַנט איז שוין פאַרשמירט מיט יאָד און פאַרבונדן מיט אַ ריין־וויים טיכל. די וואונד טוט אים נישט וויי, אָבער בערנאַדראָ גייט אַרום אינערלעך אַ צעשראָקענער און טראַכט: „איך זאָל זיך נאָר נישט האָבן אָנגעאַרבעט אַ חתונה..." ער וועט שוין האָבן אַ פאַרשטערטן יום־טוב, נעבעך, איבער דער נאַרישקייט. קלייניקייטן, נאַ־רישקייטן זיינען אַזוי אָפט די סיבות וואָס פאַרביטערן דעם מענטשן דאָס לעבן...

די געטראַנקען ליגן און קילן זיך אויפן אייז. די מיטגלידער פון דער קאָמיסיאָן האָבן צוריק אַרויפגעצויגן אויף זיך די רעקלעך און זיי שפּרייזן אַרום יום־טובדיקע, אין ריינע העמדער און קראַוואַטן.

אַלץ איז שוין גרייט. די ספּעציעל־אויסגעגאָסענע בראָנזענע מעדאַלן, לכבוד דעם צען־יעריקן יובילעאום פון דער אינסטיטוציע, האָבן שוין אַלע וויים־בלויע שלייפלעך אין די קעפּלעך — די פרויענס אין אַרבעט.

איצט וואַרט מען נאָר אויפן חשובן פּובליקום, וואָס פאַרזוימט זיינע טריט. די קאָמיסיאָן־מיטגלידער זיינען אומרואיק און אַביסל אומגעדול־דיק. זיי ציען די זייגערס און וואונדערן זיך:

— קאראמבא! עפעס זעט מען נאך קיינעם נישט!

עס איז שוין זיבן אזייגער, א שעה שפעטער ווי עס האט זיך געשריבן אין די בלעטער. פארשטייט זיך, אז די קאמיסיאן האט זיך נישט פארלאזט אויף דער פרייוויליקייט פון דעם פובליקום, און זיי האבן שוין צעטיילט, פארקויפט א סך בילעטן, וועמען זיי האבן נאר באגעגנט. אן זעלנער מאכט מען קיין מלחמה נישט און אן פובליקום איז דער יום־טוב קיין יום־טוב נישט...

מער פון אלעמען איז אומרואיק דער פרעזידענט פון דער אינסטיטוציע. ער איז אויפגערעגט, ער וואלט שוין געוואלט וואס פריער אראפפטרן די רעדע, וואס ליגט ביי אים אין דער לינקער בוזים־קעשענע, אן אנגעשריבענע אויף צוויי בלעטלעך בלאק־פאפיר. אנגסטן שווערע זעצן אים ארויס אויפן פארשוויצטן פנים. א שווערע, שווערע משא, ווייזט זיך אים אויס, ליגט ביי אים אין דער בוזים־קעשענע...

די קינדער לויפן ארום אומרואיקע און פולן אן דעם זאל מיט געשריי און געפילדער. צוויי פון זיי האבן זיך ביים פארענטש פון דער טרעפ אפגעריכן די קעשענעס פון די ווייסע שול־כאלאטלעך, צוזאמען מיט טיפע גוואלדריכן.

די קאמיסיאן־מיטגלידער, אויפגערעגטע, שרייען אויף די קינדער:

— קאזשענסע, טשיקאס, קאזשענסע!

און דער לערער שטייט א פארלוירענער און ווייסט נישט וואס ער זאל דערווייל טון מיט זיי.

די זון האט זיך דערווייל אראפגעזעצט און די „קוואדרע" האט אויפגעלעבט. די הינט בילן זיך איבער. די קריסטלעכע איינוואוינער שטייען און זיצן ביי די טירן פון זייערע שטיבלעך און ווארטן אויף עפעס מיט נייגער. זיי ווייסן שוין, אז די „רוסאס" מאכן היינט א „פיעסטא" אין זייער סאלאן. זיי האבן געזען אראפנעמען א סך קעסטלעך מיט געטראנקען פון א קאמיאן. כאטש דער יום־טוב איז נישט זייערער, זיינען זיי דאך געשפאנט, ווייל דער יום־טוב וועט אריינברענגען באוועגונג, לעבן אין דער פארשלאפענער, מאנאטאנער געגנט.

עס באווייזן זיך די ערשטע געסט, געקומענע ווייזט אויס פון צענטער, ווייל זיי באטראכטן אלץ מיט אזא נייגער, ווי זיי וואלטן דאס אלץ צום ערשטן מאל געזען. זיי שטעלן זיך אפ ביי די איינגעמויערטע מארמארנע טאוולען אין די ווענט, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט מיט גאלדענע אותיות די נעמען פון די גרינדער און די גרעסטע מנדבים.

דער אָרקעסטער, וואָס באַשטייט פון אַ וויאָלאָנטשעל, אַ טראָמפּייט און אַ פּויק, איז שוין אויך געקומען. זיי גרייטן שוין באַצייטנס די כלים צו דער „באַילע פאַמיליאַר", וואָס וועט זיין נאָכן פּראָגראַם.

ד.

מען קומט און מען קומט. אַזוי ווי אַלע וואָלטן זיך פּלוצים אָפּגע־רעדט צו קומען מיטאַמאָל.

עס קומען איינגעזעסענע באַלעבאַטים פון דער געגנט, מיט זייערע פרויען און קינדער, אָנגעטון מיט לייטן גלייך. עס קומען אויך איינגע־לאַדענע, חשובע געסט פון צענטער, אָן די משפּחות.

עס יאָווען זיך אַ סך יונגעלייט, מיט אויסגעגלעטע קעפּלעך און גלאַ־טיקע צינגלעך. פון ווי ווייט קומען זיי. קיינער האָט זיי נישט געבעטן, קיינער האָט זיי נישט איינגעלאַדן. פון זייער אייגענעם ווילן קומען זיי. נישט די וויכטיקייט פון דעם יום־טוב האָט זיי אַהער געבראַכט, נאָר די שוואַרץ־חנעוודיקע, שעמעוודיקע טעכטער פון דער געגנט, האָבן זיי גע־בראַכט. צו דער „באַילע" זיינען זיי געקומען.

עס דרייען זיך אַרום צווישן פּובליקום די שרייבער פון די בלעטער, מיט אָנגעלאָדענע פּענעס אין די קעשענעס, אַזוי ווי סאָלדאַטן מיט ביקסן. זיי וואַרפן בליקן אין אַלע זייטן, אין אַלע ווינקעלעך. מען זאָל אָפּגעהיטן ווערן פאַר זייערע אויגן און פאַר זייערע פּענעס!...

די ווייבלעך שפּיליען צו יעדן איינעם צום לאַץ אַ מעדאַל, מיט אַ ווייס־בלויען שלייפל. די יונגעלייט קומען אָפּ מיט עטלעכע ניקעלס, נאָר די באַלעבאַטים און די געסט פון צענטער לייגן גאַנצע טאָלערס אויפן טעלער און מ'רעדט זיך דערנאָך אַראָפּ פאַר באַקאַנטע:

— „...ס'זאָל נישט זיין אויסגערעדט, גייט נישט אַוועק די וואָך, אַז עס זאָל נישט זיין ערגעץ אַ „פיעסטאַ". און אין אַלע „סאָסיעדאַדעס" איז מען אַ „סאָסיאָ" און מען צאָלט חודש־אַפּצאָל, אומאויסגערעדט"...

דער נישט גרויסער זאַל פילט זיך ביסלעכווייז אָן מיט פּובליקום. די ענגשאַפט וואַקסט. דער עולם רעדט און שמועסט צווישן זיך היימיש־לעך. מען הויבט אָן אַביסל אינטעליגענט, אויף שפּאַניש: „טאַנטאָ טיעמ־פּאָ! קאָמאָ לע וואַ?" — און מען גייט דערנאָך אַריבער אויף פּשוט מאַ־מע־לשון.

מען שמועסט און מען לאַכט. מען דערציילט ווי עס לעבט זיך, ווי

די קינדער שטודירן, און אז עס פעלט שוין דעם עלטערן א קלייניקייט צו „רעספיווירן" זיך... מען דערמאָנט זיך די צאָל יאָרן, וואָס מ'איז שוין אין לאנד; מען קרעכצט איבער די יידישע צרות אויף דער וועלט — אלץ איבער „אים", ער זאָל אויסגעריסן ווערן! דער גאנצער יום־טוב מיטן „רייכן קינסטלערישן פראָגראַם" ווערט שוין אן איבעריקע זאך...

עס איז שוין נישטאָ קיין זיץ־פלעצער פאר אלעמען. די חנעוודיקע מיידלעך זיינען גרויסמוטיק, זיי טרעטן אָפּ די ערטער ווער עס וויל נאָר, כדי צו באפרייען זיך פון טאטע־מאמעס בליקן... אזוי איז בעסער צו שלימן קאנטשאַפּט מיט די עלעגאנטע בחורים פון צענטער.

אויך די קאָמיסיאָן האָט דערווייל פארגעסן אין דעם גרויסן טומל, ביי דער גרויסער שפע, אז מען דאַרף אָנהויבן דעם יום־טוב. דער פרע־זידענט וואָלט שוין איצט געוואָלט אָפּלייגן דעם אָנהויב אויף שפּעטער. אזא ריזיק פובליקום! ווי הויבט מען אָן, ווי רעדט מען צו אזא פובליקום?...

די היץ אין זאָל ווערט שווערער, די לופט געדיכטער, דורכגעזאַפּט מיט ריחות פון פודער און ביליקע „אָדעקאָלאָנס".

— סעניאָר פּרעזידענטע! — הערן זיך רופן — אויף וואָס וואַרט מען נאָך?

— שוין צייט אָנצוהויבן, שוין צייט!

ה.

דער פרעזידענט שטייט אויף דער בינע און אַרום אים זיצט די גאַנ־צע קאָמיסיאָן. דער פאָרהאַנג ליגט אַריבערגעוואָרפן איבער דעם דראָט, ווייל מ'האָט אים נישט געקענט אויפרוקן, די שטריק האָבן זיך פאר־פּלאָנטערט.

דער פרעזידענט האַלט די רעדע אין די הענט, אָן אָנגעשריבענע. ער האַלט זיי פעסט די באַשריבענע בלעטלעך, ווייל זיי דאַרפן אים אַרויס־ראַטעווען פון דעם צעשטורעמטן ים מיט געסט, פובליקום... זיינע האָר פון קאָפּ זיינען גרוי, זיין רונדיק, פול פּנים איז בלאָס פון עמאָציע, דאָס אלץ גיט אים צו אן איידעלן אויסזען.

— טשיש - ש - ש! שטיל זאָל זיין!

דער פרעזידענט הויבט אָן מיט א ציטערנדער שטימע:

„חשובע סעניאָרעס!..."

מיט פשוטע ווערטער דערציילט ער וועגן דעם באַדייט פון דעם יום־

טוב, וואָס זיי פּייערן היינט. אין אָנהויב זיינען זיי געווען נאָר אַ מנין קוים, און איצט — הויבט ער אויף פייערלעך זיין שטימע — האָבן מיר אַן אייגענעם סאַלאָן, אַ שולע, וואָס איז אַ שטאָלץ פאַרן יידנטום און אַ ביבליאָטעק און אַ גמילות חסדים־באַנק פאַר „געמיינע לייט". איצט — הויבט ער אויף די האַנט מיט שטאָלץ אויפן פולן, געפּאַקטן זאַל — האָבן מיר אַזאַ עדה יידן, קיין עין־הרע!

אין די פּשוטע ווערטער איז פאַראַן עפּעס אַזעלכעס, וואָס רירט ביז טרערן און פילט אָן דאָס האַרץ מיט טרויער און פרייד צוזאַמען. עס איז דער צער און די פרייד פון געיאָגטע מענטשן, וואָס וואָרצלען זיך איין אין אַ ווייטן באָדן.

דעם פּרעזידענטס ווערטער מאַכן אַן איינדרוק אויפן עולם, לייענט ער וואָס אַמאָל זיכערער, שטאַרקער און ער פאַרענדיקט:

„...און להכעיס היטלערן, ימח שמו, און אַלע שונאים אונדזערע, וועלן מיר דאָ אויסבויען אַ גרויסן יידישן ישוב, אַ היים פאַר אונדזערע געראודפטע ברידער".

דער עולם שאָקלט זיך איבער מיט די קעפּ:

— האָבלאָ ביען! מוי ביען!

— ער האָט אַ סך געאַרבעט פאַר דער „סאָסיעדאַד", דער פּרעזידענט, — זאָגן אַלע.

— ווען נישט דער פּרעזידענט, וואָלט קיין סאַלאָן נישט געווען.

פון אַלע זייטן שטעקט מען הענט דעם פּרעזידענט און מען „פּעלי־סיטירט" אים פאַר זיין דערפאָלג. דער פּרעזידענט אָבער איז איצט איין שטיק נערוו אינגאַנצן, אַלץ וויברירט אין אים פון עמאָציע און פרייד.

ער ווישט זיך דעם שווייס פון פּנים, וואָס פאַרפלייצט אים אינגאַנצן און ער הערט נישט און זעט נישט וואָס און ווער עס רעדט צו אים...

ז.

דער גאַנצער זאַל איז אַזוי פול מיט מענטשן, אַז ער זעט אויס ווי איין שטיק צונויפגעפּרעסטע מאַסע. אַ סך זיינען אַרויף אויף דער גאַלע־ריע, אַ סך האָבן זיך געשטעלט אויף די בענק, כדי צו קענען בעסער זען, וואָס עס טוט זיך אויף דער בינע.

נאָך די באַגריסונגען איז געקומען די ריי אויפן לערער מיט די קינדער — זיי דאַרפן איצט אויפטרעטן. ערשט איצט גיט זיך דער לערער

אַפּ רעכענונג, אַז עס האָט אים אַן „אומגליק" געטראָפן. די בעסטע צוויי זינגערס פון כאָר, די בעסטע צוויי קינדער־ברידערלעך, וואָס נעמען אָנ־טייל מיט דעקלאַמאַציעס, און איינער פון זיי האָט געדאַרפט זאָגן אַ רעדע אויף אויסנווייניק — זיינען אים פאַרפאַלן געוואָרן.

דער לערער זוכט זיי אַרום איבערן זאַל, ער שטופּט זיך דורך אין דער גרויסער ענגשאַפט און טרעט אָפּ מענטשן די פיס. זיי זיינען נישטאָ! ערשט פון שמש ווערט ער געוואויר, אַז דער טאַטע פון די קינדער האָט זיך עפּעס געפילט באַליידיקט, איז ער אוועק אהיים און מיטגענומען מיט זיך די קינדער...

און אָט שטייט שוין דער לערער מיט די קינדער אויף דער בינע און זינגט מיט זיי דעם אַרגענטינער הימן, באַגלייט פון אָרקעסטער. אַלע שטייען מיט דרך־ארץ. אַ סך ווערטער פון דעם הימן און טיילן פון דער מעלאָדיע זיינען שוין היימיש דעם עולם.

שוין געענדיקט, אָבער מען זעצט זיך נאָך נישט. איצט וועט מען זינגען דעם „הימנאַ יידיש". דער טראָמפּייט פון אָרקעסטער אַרבעט מעשים, ער נעמט די העכסטע טענער און ער רייסט מיט. דעם עולם זינגט־מיט די ווערטער פון רעפריין „עוד לא אבדה".

דער לערער שטייט אין אַ זייט פון דער בינע און מאַכט מיט די הענט, מיטן פּנים צום עולם. זיין קאָפּ גרייכט אריבער אַ שטיק איבער דעם דראָט פון פאָרהאַנג. די אַרבל פון זיין טונקל רעקל זיינען קורץ, קוקן זיינע הענט אויס נאָך לענגער. די הויכע, אַביסל איינגעבויגענע ברילן, זיינען איצט פאַרגאָסן מיט שווייס. ער וועקט איצט רחמנות ביים עולם. אַלע באַדויערן אים, גלייך ווי זיי וואָלטן געזען אויף אים אָנ־געחתמעט אַ טויט־אורטייל...

— „אַ יונגער מענטש נאָך, און שוין אַ פאַרפאַלענער נעבעך — טראַכטן זיי וועגן אים — ער וועט שוין קיינמאָל נישט האָבן קיין איי־גענע שטוב, ער וועט שוין קיינמאָל נישט ארויפאַרבעטן זיך"...

און ווען דאָס געזאַנג ענדיקט זיך פּאַטשן אַלע אַזוי שטורמיש בראַ־וואָ און אַ סך גיבן נאָך צו:

— מוי ביען, מאַעסטראָ! מוי ביען!

דער עולם פּאַבעט זיך מיט די טיכלעך. אַנדערע האָבן געבראַכט מיט זיך טאָוולנע פּאַבערס באַקומענע אין אַפּטייק, אַלס פּראָפּאַגאַנדע.

די יינגלעך מיט די מיידלעך ווילן זיך זייער. די מיידלעך ברעכן אַלע ווײַלע אויס מיט אַ געלעכטער און זיי כאַפּן זיך אין גרויס שרעק צו

די האָר, וואָס זיינען געוויקלט ביי זיי פון אויער צו אויער, אין דער פאָרם פון אַ באַנאַנע — צי זיי האָבן זיך נישט פלוצים צעלאָזט...

אויף דער בינע שטייט אַ קינד צו זאָגן אַ דעקלאַמאַציע. עס טומלט אָבער אַזוי שטאַרק. עס טיילט זיך אויס דאָס געוויין פון ברעקלעך קינדער, וואָס לאָזן זיך גאָרנישט איינגעמען.

— שאַ! שטיל זאָל זיין! קאַזשענסט! — שרייט מען פון אַלע זייטן, און דער טומל ווערט נאָך גרעסער.

דאָס קינד זאָגט די דעקלאַמאַציע. מען זעט ווי ער מאַכט מיט די הענט, אַזוי ווי דער לערער האָט אים געלערנט; אַ פּעאיס קינד, ווייזט אויס, אָבער מען הערט נישט קיין וואָרט.

די וואָס שטייען אַרום דער בינע פּאַטשן בראַוואָ. באַלד באַווייזט זיך אַ צווייט קינד, אַ דריטס. דער לערער שטייט אַ פּאַרלוירענער, ער קען זיך גאָרנישט העלפן. די עלטערן פון די קינדער, וואָס דאַרפן זאָגן דעקלאַמאַציעס, בייזערן זיך אויפן עולם, זיי ווילן האָבן אַז עס זאָל זיין שטיל, רואיק זאָל זיין...

אייניקע פון דער קאָמיסיאָן רעדן מיטן לערער, אַז ער זאָל שוין פאַרענדיקן מיט די דעקלאַמאַציעס, אָבער דער לערער איז איינגעשפּאַרט, ער גיט נישט נאָך. דער לערער ווייסט גוט, אַז זאָלן די קינדער נישט זאָגן די דעקלאַמאַציעס,וועלן זיי די עלטערן אויס פּראָטעסט אַפּנעמען פון דער שולע, און די גאַנצע תלמוד־תורה קאָן זיך צעפאַלן...

בייטן זיך די קינדער אויף דער בינע גיך, גיך, זיי זאָגן די דעקלאַמאַציעס און דער עולם הערט זיי נישט.

עס האָט אויך דעקלאַמירט אויף שפּאַניש אַ קאָמיסיאָן־מיטגלידערס אַ פּלימעניצע, וואָס געפינט זיך ביי אים צו גאַסט. אַ „פּאָלנע דעקלאַמאַטאָרן"...

עס זיינען נאָך פאַראַן עטלעכע זינגערס און אַרטיסטן, וואָס וואַרטן אויף זייער רייע צו אַנטפּלעקן זיך פאַרן עולם, כאָטש קיינער האָט זיי נישט איינגעלאַדן.

איינער פון זיי האָט פאַרכאַפּט די בינע און ער וויל דערציילן אַ וויץ בלויז, ער וויל אַרייננאַרן דעם עולם.

דער עולם איז שוין אָבער מיד און אויפגערעגט פון דער גרויסער היץ און ענגשאַפט. די יונגנט וואַרט שוין אומגעדולדיק אַז עס זאָל זיך אָנהויבן די באַילע.

דער שמש האָט שוין באַצייטנס אָנגעהויבן צו טראָגן די בענקלעך

אויף דער גאלעריע ארויף און דאס „ליטעראריש־מוזיקאלישע פראגראם" איז שוין פארענדיקט...

ז.

די גאנצע קאמיסיאן העלפט טראגן די בענקלעך אויף דער גאלעריע ארויף צום באנקעט. די ארבעט איז א שווערע. זיי באדן זיך אינגאנצן אין שוויים.

ביסלעכווייז באזעצט זיך דער עלטערער עולם ארום די טישן אויף דער גאלעריע. די ענגשאפט איז אויך דא גרויס, מ׳קען קוים א האנט אויסציען, מען טרינקט ביר און מען פארבייסט מיט פארטריקנטע סאנד־וויטשן, וואס זיינען דערוויל ווי אפגעבאקן געווארן פון דער היץ.

— לחיים, סעניאר פרעזידענטע! מיר זאלן דערלעבן מיט אייך צו פייערן דעם פופציק־יאריקן אניווערסאריא!

— לחיים! לחיים! מיר זאלן זיך נאר צוזאמענקומען אויף שמחות!

— א יאר אויף מיר וואס פאר א יום־טוב איר האט געמאכט.

אונטן, אין זאל, דרייען זיך שוין די פארלעך. דער ארקעסטער, און באזונדער דער פויק מיט די מעשענע טאצן, דעקן דעם גאנצן טומל. דער פויק און די טראמפייט, זיי לייגן איין וועלטן, זיי ווילן נאך די גאלע־ריע אונטערהויבן.

א „פאסא דאבלע" טאנצט מען. א סך פון די שכנים שטייען ביי דער טיר פון „סאלאן" און קוקן זיך איין ווי אזוי עס טאנצן די „רוסאס" און זיי וואונדערן זיך:

— ווי גוט זיי טאנצן, ווי גוט!

ארום די ווענט זיצן אויסגעזעצט אויף די בענק מאמעס, וואס ווילן נישט פארלירן זייערע פול־בלוטיקע טעכטער פון אויג... עס זיצן אויך די אראפגעבראכטע פון די אלטע היימען, די פארעלטערטע טאטעס און מא־מעס. זיי זיצן און שאקלען טרויעריק מיט די קעפ:

— אמעריקע, אמעריקע!...

א מיידל האט זיך פארטשעפעט דעם שלעפ פון איר באילע־קלייד אין א קינדער־וועגעלע, וואס שטייט דא אין א ווינקל פון זאל און גע־מאכט זיך א ריס. א רויטקייט באגיסט איר יונג פנים.

פון הינטער דעם ברעטל, וואָס פאַרדעקט די לוחות קוקט אַרויס פון אײן זײט אַ גאַנצע שורה מיט „לא׳ס״...

צווישן די אַלטע שול־יידן, אין אַ ווינקל פון זאַל, זיצט דער לערער. זיי דערציילן אים זכרונות פון זייערע קינדער־יאָרן אין רוסלאַנד, און ער הערט נישט וואָס מען רעדט צו אים.

דער לערער פילט זיך מיד, צעבראָכן און איבעריק. אַ שווערער טרויער ליגט אויף אים...

גייט אַ ייד אין טעאַטער אַריין

1.

שבת אין אָוונט.

גייען יידן, שפּאַנען זיך אַזוי בנעימותדיק, מיט געמאָסטענע טריט, ביי דער זייט פון זייערע געזעצלעכע ווייבער און די האַלב־„רעסיווירטע" זין און בליענדיקע טעכטער.

אין טעאַטער אַריין, אין יידישן טעאַטער אַריין ציען זיי. פון די ווייטסטע ווינקעלעך פון דער צעשפּרייטער בוענאָס איירעס קומען זיי אַהער, צו דער אינסטיטוציע פון יידישקייט.

ווער עס קומט צוליב פאַרוויילן זיך, פאַרגעסן אַביסל אין דעם עול, אין די וועקסעלעך; ווער עס וויל זיך דערמאָנען עפּעס פון די אַמאָליקע יאָרן פון דער היים, פון שטעטל, פון די קינדער־יאָרן אין חדר; ווער עס קומט צוליב די פאַרפרעמדטע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך דאָ אָננעמען מיט אַביסל יידישיקייט, מיט אַ יידישן קלאַנג און געפיל; און אַזעלכע וואָס בענקען סתם צו זען אַ „מאָראַליש שטיק" און גלייכצייטיק אויך אונ־טערשטיצן די יידישע אַקטיאָרן...

דאָ און דאָרט באַגעגנט מען, ווי מען פירט אונטערן אָרעם אַן אַלטע מאַמע, צו פאַרשאַפן איר פרייד אויף די עלטערע יאָרן און ווייזן איר שפּורן פון אַמאָליקער יידישקייט.

דאָ, אין יידישן טעאַטער, וועט די אַלטע מאַמע האָבן אַ גוטע גע־לעגנהייט זיך ווי געהעריק אויסצוּוויינען, אָן אַ שום תירוץ, ווי, להבדיל, אַמאָל אין דער שול. מעג דאָס שטיק וואָס מ'וועט דאָ שפּילן זיין טרויע־ריק אָדער פרייליך, וועלן די טרערן אַלצאיינס וואַשן אירע קורצזיכ־טיקע אויגן.

פאַרן היגן קינד איז טעאַטער דער איינציקער קוואַל, דער אָנהויב פון יידישקייט, און פאַרן עלטערן דור — די לעצטע שפּורן, דער סוף פון יידישקייט...

די הײם, אונדזער אַמאָליקע רעליגיעזע הײם, מיט אירע טראַדיציעס, מנהגים און צערעמאָניעס, איז געװען אַ קלײנער טעאַטער פֿאַר זיך. אין די ספּעקטאַקלען האָט געװײנלעך דער טאַטע געשפּילט די הױפּט־ראָל און געשפּילט האָט ער מיט קרעכצן, אָנשטאָט װערטער. אַלײן אַ דערהױבע־נער, האָט ער דאָס פּובליקום אױך דערהױבן און צוגעשמידט צו זיך.

די יידישע הײם פֿון אַמעריקע האָט זיך טײלװײז אַריבערגעקליבן אין טעאַטער אַרײַן. דאָ זוכט מען צו דערגענצן די בלױזן פֿון דער הײם, פֿון דעם אָרימען שטײגער.

2.

נישטאָ זיך װאָס צו אײַלן, אין יידישן טעאַטער קומט מען שטענ־דיק אָן צו דער צײַט. ס'איז אַ געפֿיל פֿון הײמישקײט, פֿון זיכערקײט, אַז ס'װעט אָן דיר נישט אָנהײבן שפּילן...

פֿונדעסטװעגן איז בעסער אָנצוקומען אַביסל פֿריער, און טאָקע באַ־צײַטנס, נאָך אײדער מ'לאָזט אַרײַן. דאָ טרעפֿט מען זיך מיט הײמישע און באַקאַנטע. װעמען טרעפֿט מען דאָ אַלץ נישט? שיפֿס־ברידער און שיפֿס־שװעסטער, אַמאָליקע שותּפֿים און אַמאָליקע שכנים, לאַנדסלײַט און סתּם באַקאַנטע און נאָענטע.

די מינוטן װאָס מען װאַרט אין פֿאָיע פֿון טעאַטער, אײדער מען לאָזט אַרײַן, זײַנען נישט אָװעקצומאַכן מיט דער האַנט, כאָטש מען שרײַבט דאָך קײנמאָל נישט קײן רעצענזיעס װעגן דעם. דאָ, אין פֿאָיע, פֿילט אױס דער יידישער טעאַטער זײַן געזעלשאַפֿטלעכע פֿונקציע. דאָס איז אַ טײל און אַ װיכטיקע טײל פֿון דער פֿאָרשטעלונג.

די פּאַרטיערן פּאַטשן מיט די הענט און רופֿן דעם עולם אַרײַנצו־גײן. דער אָרקעסטער לאָזט זיך שױן הערן. דאָרט צופֿוסנס פֿון דער בינע ברענען שױן די קאָלירטע לעמפּלעך און פֿאַרדעקן אַביסל די אָרימקײט מיט זײער ליכט. די נאַקעטע בינע־ברעטער באַקומען אַ גלאַנציקן, װאָונ־דערלעכן אױסזען.

אָרימער יידישער אַקטיאָר! אױף זײַנע מאָגערע פּלײצעס װעט ער דאַרפֿן אַרױסשלעפּן דעם חשובֿן פּובליקום פֿון דער אָרומיקער װאָכעדי־קײט און אַנטפּלעקן פֿאַר אים װעלטן פֿון גײַסטיקן געניגום און יום־טובֿדי־קײט. די גאַנצע אױסערלעכע אָרימקײט פֿון דעם יידישן טעאַטער, מוז דער אַקטיאָר דעקן מיט זײַן שפּילן.

די אַרטיסטן זיינען אַלע גוט באַקאַנט דעם פּובליקום. לויט די שטי־מעס און לויט די באַוועגונגען אַפילו דערקענט זיי דער עולם. וויפל מאָל אין טאָג באַגעגנט מען זיי אויף דער יידישער גאַס אָדער קאַפע? די אַרטיסטנס באַגעגנט מען אָפט אין די פרימאָרגנס פאַרשלאָפענע נאָך און מידע, מיט זייערע אָרימע איינקויפן.

און די־אַ אַרטיסטן, וואָס זיינען באַקאַנט דעם עולם אין זייער אָרימ־קייט און פאַרביטערטקייט, דאַרפן איצט דערשיינען פאַר דעם זעלבן עולם, ווי פרייליכע און זאָרגלאָזע מענטשן, וואָס דאַרפן אָנשטעקן מיט זייער פרייד און דערהויבן מיט זייער וואָרט.

עס איז צו ווינציק צו זיין נאָר אַן אַרטיסט אין יידישן טעאַטער. אַ יידישער אַקטיאָר אין די באַדינגונגען אין וועלכע ער לעבט און אַרבעט, דאַרף ער זיין אַ כישוף־מאַכער...

און ער איז דאָס טאַקע אין אַ גרויסער מאָס.

.3

דער עולם ווערט אַריינגעצויגן אין שפּיל. אַלע אויגן זיינען געווענ־דעט צו דער בינע, צו דעם רייכן פאַבריקאַנט, דעם אַלמן מיט אַ פאַר־שטיינערט האַרץ, וואָס שטעלט זיך אַקעגן זיין ערלעכן און געטרייען זונס גליק...

און דערצו נאָך טשעפּעט זיך דער פאַבריקאַנט צו דער דינסטמיידל, און די דינסטמיידל איז נישט סתם אַזוי אַ דינסטמיידל, נאָר זי איז, ווייזט זיך גאָר אַרויס, זיין אייגענע טאָכטער, די פרוכט פון אַן אומלע־גאַלער ליבע אין זיינע יוגנט־יאָרן דאָרט, אין זיין געבורטס־שטעטל אין יוראָפּ...

זיצן יידן מיט גרויע קעפּ שווין און טראַכטן זיך: פאַרוואָס שווייגט דער עזרת נשים? פאַרוואָס פאַרעפנטלעכט מען נישט דאָס בילד פון דעם אויסוואורף אין די יידישע בלעטער?

און מאַמעס ציטערן אַ ציטערניש פאַר זייערע בליענדיקע טעכטער־לעך.

און כלות פאַרלירן דעם צוטרוי צו זייערע חתנים, און זיי „ראַטעווען אַרויס" זייערע באַפינגערלטע הענט.

און אויף אַנדערע ציטערט סתם די הויט, צוזעענדיק וואָס פאַר אַן אַלטע חשבונות מען מישט דאָ אַלץ אויף...

נאָר שאַ־שאַ, דער גוטער און געטרייער זון וואָס זיין רייכן טאַטנס האַרץ איז פאַרשטיינערט צו אים, וויל זינגען אַ לידל. דאָרט אונטן ביים דיריגענט האָט שוין אַ בליץ געטון אַ לעמפּל און דער אָרקעסטער שפּילט שוין.

די מעלאָדיע איז אַזאַ באַקאַנטע, אַז דעם גאַנצן פּובליקום ווילט זיך מיטזינגען. יעדער איינער פון די צושויער פילט אַז די מעלאָדיע איז טאַקע צוגעפּאַסט צו דעם לידל. אויף דער שפּיץ צונג איז זי דאָך ביי יעדן געלעגן.

מענטשן האָבן ליב צו הערן פון זאַכן וואָס זיינען זיי נאָענט און באַקאַנט, כדי צו האָבן די אילוזיע און זיי ווייסן טאַקע אַלץ...

דער געטרייער זון זינגט מיט געפיל און האַרץ:

אײדער אַזאַ טאַטע־שמאַטע,
וואָס וויל מיך נישט מאַכן פאַר קיין חתן,
איז שוין אַ סך גלייכער
צו פאַרבלייבן אַ יתום...

דאָס פּובליקום זעט מען איז מסכים מיט דעם באַעולהטן זון און זיי לעבן איבער אַזוינאָך אַ שטיק נקמה אין דעם שלעכטן טאַטע.

און דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט אַן עכט־חזנישן פינאַל:

„אַ רוח אין מיין טאַ־אַטן!"

איינער פון דער ערשטער שורה שרייט אוים מיט עכטן ענטוזיאַזם הויך אויפן קול: „בראַוואָ!" דער גאַנצער טעאַטער שטורעמט אויף פון אַפּלויזן און דער אַרטיסט מוז זינגען אויף בים.

פון די שטורמישע אַפּלויזן האָט זיך אַ קינד אויפגעוועקט, ביי זיין מאַמען, דאָרט אויבן, אויף דער גאַלעריע, אַ דערשראָקענער. דאָס קינד וויינט הויך אויפן קול, גלייך ער וואָלט זיך אונטערגענומען צו באַגלייטן דעם זינגער. דעם עולם געפעלט אָבער נישט די באַגלייטונג און שרייט: „אַפּוירא! אַפּוירא!" און די אָרימע מאַמע, אַ צעטומלטע און אַ פאַרשעמטע, ווייסט נישט מער ווי אַזוי צו באַרואיקן איר קינד.

ווען עס לאָזט זיך אַראָפּ דער פאָרהאַנג און עס ווערט ליכטיק אין זאַל, פינקלען נאָך דאָ און דאָרט טרערן אין די אויגן פון די צושויערס, ווי טראָפּנס טוי ביים זונען־אויפגאַנג.

ערלעכע און וואונדערלעכע טרערן פון יידישן טעאַטער־גייער! פאַרוואָס לאָזט מען זיי פאַרפאַלן ווערן? די טרערן וואָלט מען געדאַרפט זאַמלען אין אַ פונק־נייעם לאָגל און זיי אוועקשטעלן אין דעם מוזעאום

פון יידישן טעאַטער, אויף אַ באַווייז פאַר די קומענדיקע דורות, אַז געווען דאָ צווישן אונדז גאַנצע מענטשן מיט פילנדע הערצער...

מען מעג אים מקנא זיין דעם יידישן טעאַטער־גייער...

.4

דאָ און דאָרט זעט מען קינדערלעך מיט פאַרוואָרפענע קעפּלעך, וואָס קלאַמערן זיך פאַרשלאָפענע אַרום זייערע מאַמעס העלדזער. זיי זיינען, ווייזט אויס, אינגאַנצן גלייכגילטיק צו דעם וואָס עס קומט דאָ פאָר אַרום זיי. ס'איז פאַר זיי געווען צו לאַנג צו דערוואַרטן זיך אויף דעם סוף פון דעם שלעכטן טאַטע, ווען דער אמת און די גערעכטיקייט וועלן אַרויף־שווימען ווי בוימאייל אויפן וואַסער... אָרימע קינדער, אַלץ פאַרשלאָפן זיי, אַלץ.

אַנדערע קינדער זיינען שוין גאָרנישט פאַרשלאָפן. זיי לויפן איבער דעם אויסגעריבענעם דיוואַן ווי אויף אַ בריק, וואָס פירט צו דער ראַמפּע פון אָרקעסטער. און זיי קוקן זיך איין מיט אַזויפיל נייגער צו די קאָלירטע לעמפּלעך, גלייך זיי זאָלן זיך געפינען אין אַ וואונדער־פּאַלאַץ. די קינ־דער וועלן דערנאָך, ווען די פאָרשטעלונג וועט זיך צוריק אָנהויבן, פאַר־מאַטערן זייערע טאַטע־מאַמע מיט „פאַרוואָסן”.

אַ מאַנגל דאָ ביי אונדז אין באַבעס און זיידעס. דאָס יידישע טעאַ־טער וואָלט געדאַרפט אויף זיין אייגענעם חשבון אַרויספאָדערן אַ פאַר־מיע באַבעס און זיידעס, כדי עס זאָל זיין אויף וועמען איבערצולאָזן די קינדער... דעם טעאַטער־באַזוכער וואָלט אַ סך בעסער באַקומען די פאָר־שטעלונג.

די טאַטעס גייען דערווייל אַרויס אין פאָיע פון טעאַטער אויף אַ רויכער צו טון, כאַפּן אַ שמועס און, דער עיקר, זאָגן מבינות וועגן שפּיל און וועגן די אַרטיסטן.

נעמט צו די רעכט ביים יידישן טעאַטער־גייער צו זאָגן מבינות, וועט ער אינגאַנצן אויפהערן צו קומען. ס'איז אפשר פאַראַן עפּעס שעפע־רישקייט אין זאָגן מבינות, כאָטש דאָס זיינען מערסטנס גרייטע, צו־געשניטענע זאַצן.

— אַז דער טייוול זאָל זי נעמען ווי זיס זי שפּילט נאָך!

— וואָלסט זי געמעגט זען — מישט זיך אריין שוין באַלד אַ פענ־סיאָנירטער טעאַטער־גייער — מיט אַ יאָר פופצן צוריק.

— נאָר אַלע סטאַרן דאַרפן איר נאָך קומען פּוצן די שיך.
— אַ שטיק פּייער! אַ ברען!
און די היזיקע, די שפּאַניש־רעדנדיקע יונגעלייטלעך מיט די גלאַנציקע קעפּלעך, וועמען די טאַטעס האָבן אהערגעבראַכט זיך אָנצונעמען מיט יידישקייט, מאַכן עס קורץ און שאַרף:
— „טראַבאַכאַ ביען!" — און זיי גייען גלייך איבער צו זייערע וואָכעדיקע ענינים.
אָבער דאָס איז ביי זיי די העכסטע אויסצייכענונג, דער שטאַרקסטער אויסדרוק פאַר זייער באַגייסטערונג.
אַנדערע פּרוואוון ציען דאָס פּאָדים פון דער מעלאָדיע, וואָס מ'האָט אין דעם אַקט, אָדער אין אַנדערע פּיעסן געזונגען:
אוי, אַ מאַמע, אַ מאַ־מע...
וויפל מען זינגט וועגן מאַמעס אין יידישן טעאַטער, קען מען מיינען אַז יעדער ייד האָט צום ווינציקסטן עטלעכע מאַמעס, און אַז גויים האָבן אינגאַנצן קיין מאַמעס נישט...
דער פּאָיע פון טעאַטער פּילט זיך אָן מיט רויך און די בילדער פון די אַרטיסטן וואָס באַצירן דאָ די ווענט, קוקן אַראָפּ צום עולם ווי פון אַ נעפּל אַרויס, אין די פאַרשיידענע קרוין־ראָלן. די פּיעסן וואָס זיי האָבן שוין געשפּילט, האָבן מערסטנס עפּעס צו טון מיט האַרץ:
אַ מאַמעס האַרץ
אַ פאַרשטיינערט האַרץ
אַ צעבראָכן האַרץ
אַ נינגאָלדן האַרץ
אַ האַרץ וואָס בענקט
אַ האַרץ וואָס וויטיקט
אַ האַרץ וואָס זינגט
נישט אומזיסט זיינען פאַראַן אַזויפיל האַרצליידנדע ביי יידן...
דאָס יידישע טעאַטער איז דאָס טעמפּל פון האַרץ...

5.

אַרום דער בינע ברענען שוין צוריק די לעמפּלעך. דער פאָרהאַנג איז שוין צוריק אויפגעהויבן און די שפּיל גייט ווייטער.
די דינסטמיידל טענהט זיך אויס מיטן באַלעבאָס, וואָס איז אין דער

אמתן איר פֿאָטער גאָר. זי זאָגט אים מוסר און דערציט אים. דער עולם קוועלט אָן פֿון אירע רייד, פֿון איר „צונג אויף רעדלעך"...

דער הויכער יונגערמאַן אין דעם ווייסן אַנצוג, דער סטודענט, וואָס אַלע ווײַלע רופֿט מען אים צום טעלעפֿאָן, ווײַזט זיך גאָר אַרויס, אַז ער איז פּראָסט און פּשוט — אַ פּאַרפֿירער. ער האָט געוואָרפֿן אָן אויג אויפֿן פֿאַבריקאַנטס איין־און־איינציק טעכטערל.

אויך אַ שדכן מיט אַ שירעם און אַ רויטער פּאַטשיילע איז פֿאַראַן. ער איז געקומען רעדן אַ שידוך דעם פֿאַבריקאַנט.

און מסתמא דערפֿאַר, כדי נישט אַרײַנצופֿאַלן אין טרויער, שטעלן זיי זיך אַלע אויף און זיי גייען אַ טענצל. נאָר די דינסטמיידל „דער קאָזאַק", זי לאָזט נישט טאַנצן, אָבער זי מאַנצט אויך מיט.

דאָס יידישע טעאַטער האָט גלייכבאַרעכטיקט די דינסטמיידל, האָט זי אַרויסגענומען פֿון דער קיך און זי אַרײַנגעפֿירט אין סאַלאָן אַרײַן. ווי אַ גלייכע, ווי אַן אייגענע איז זי דאָ, און די באַלעבאַטים ציטערן פֿאַר איר...

די פּראָלעטאַרישע גאַלעריע איז צופֿרידן, עס אימפּאָנירט זיי די שטאָלצע דינסטמיידל, און זיי זשאַלעווען איר נישט קיין אַפּלויזן.

נאָר די „אַריסטאָקראַטן" פֿון די לאָזשעס זיצן אַביסל אָנגעבלאָזן: „לאָזן אַז אַ דינסטמיידל זאָל מיר אַרומקריכן אויפֿן קאָפּ?"... — אָבער זיי זיינען נישט קיין גזלנים, איינגעהאַלטנערהייט פֿרייען זיי זיך מיט און האָבן אַ הנאה.

אַזוי גייט די שפּיל ווייטער און ווייטער. די אַרטיסטן שפּילן היינט מיט ברען, מיט האַרץ און זשאַלעווען נישט קיין בים. דאָס אָנגעפּולטע טעאַטער האָט זיי געמוטיקט, כאָטש זיי דערשרעקן זיך שוין נישט מער פֿאַר פּוסטע, נישט באַזעצטע בענקלעך...

עס טרעפֿט דאָך נישט זעלטן דאָ אין די וואָכן־טעג, אַז מען קומט אַרויף צו דער גאַלעריע און מען לאָדט זיי איין אַז זיי זאָלן אַזוי גוט זיין און אַראָפּגיין אונטן און זיך זעצן אין די „פּלאַטעאַס"... כדי צו באַזעצן אַביסל דעם פּוסטן זאַל.

ווער פֿון פּובליקום זיצט דען אין יידישן טעאַטער אויף זיין אָרט, אויף זיין בענקל? ווער קען זיך דען אָקעגנשטעלן דעם גרויסן עמיגראַציע־שטראָם, וואָס הויבט זיך אָן אין טעאַטער, נאָך פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג און נאָך יעדן אַקט?

אין יידישן טעאטער פארקויפט מען נאָר בילעטן נומערירטע צוליב דעם, כדי צו וויסן דאָס אָרט וואו מען זאָל זיך נישט אוועקזעצן...

אָבער היינט איז שבת, היינט זיינען אַלע ערטער באַזעצט און ס'איז פשוט אומעגלעך צו וואנדערן פון שורה צו שורה ווי דאָס האַרץ גלוסט.

אָ, ווען ס'זאָל אַזוי אַלע טאָג זיין שבת, וואָלט אויך דאָס יידישע טעאַטער געהאָלפן געוואָרן...

.6

די שפּיל האַלט שוין ביים פאַרענדיקן זיך. דער פאַבריקאַנט, דער טאַטע מיטן פאַרשטיינערטן האַרץ איז שוין געוואויר געוואָרן פון דעם גרויסן סוד, אַז די דינסטמיידל איז גאָר זיינס אַ קינד, זיין בלוט און פלייש. פאַרשטייט זיך אַז ער איז געפאַלן אין חלשות אויף דער בינע און מ'האָט אים קוים מיט צרות אָפּגעמינטערט...

דאָס זעלבע אויך מיט דער דינסטמיידל, אויך זי האָט מען לאַנג גע־וועקט פון חלשות.

דערפאַר איז דעם פאַבריקאַנטס האַרץ ווייכער געוואָרן און ס'איז אים גאָרנישט צו דערקענען. ער האָט זיך איבערגעבעטן מיט זיין געטרייען זון, און ער וועט זיך שוין זיין גליק נישט אַקעגנשטעלן.

און אין איינוועגס האָט זיך שוין אויפגעדעקט די שפּיל פון דעם פאַלשן סטודענט דעם פאַרפירער, אין דעם ווייסן אַנצוג, און ער וועט שוין באַקומען זיין פּסק!

דריי שידוכים זיינען מיט מזל, אויפן אָרט געשלאָסן געוואָרן, און טאַקע גלייך די חופות געשטעלט, מיט מוזיק און מיט טענץ — אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן!

און ווי עס ווייזט אויס וועט דאָס שטיק אויסנעמען און וועט זיך האַלטן אויף דער בינע... אהא, דער עולם איז אַ מבין אויף אַן עכט שטיקל סחורה...

מעגן די רעצענזענטן יאָ האַלטן פון דעם שטיק, צי נישט — דער עולם האָט זיך זיין אייגענעם געשמאַק.

און קוים איז דאָס שטיק אַזאַ וואָס מאַכט וויינען, וועט שוין קיין איין ייד נישט פעלן צו קומען. יידן האָבן אריבערגעטראָגן אין טעאַטער אריין אַ שטיק שול־טראַדיציע.

פאַרוויילן זיך פאַר אַ יידן, הייסט נאָך אַלץ זיך גוט, גוט אויס־וויינען...

א זונטיק אויף ליניערס

דער ליניערסער בית־עולם הויבט זיך אן א שטיק פריער פאר ליניערס. שוין אויף דעם טראמוואי נומער 2, נאך אין סאמע צענטער, דערפילט מען שוין דעם אטעם פון בית־הקברות. עס שמעקט מיט קברים־בלימלעך אויפן טראמוואי...

כאטש נישט די גרעסטע טייל פאסאזשירן פון דעם טראמוואי נומער 2 זיינען יידן, איז עס דאך א יידישער טראמוואי, א יידישע ליניע, א בריק צווישן לעבן און טויט.

דער טראמוואי איז היינט געפאקט. לויט דעם אויסדרוק פון די זיצנדיקע פאסאזשירן איז לייכט צו דערקענען, אז זיי פארן ביז „ארויס". זיי האבן זיך אויסגעטון פון אלע דאגות א קוק צו טון אין דער וועלט פון רו און אייביקייט.

דער טאג איז היינט א זוניקער — א פרילינג־טאג. אין אזא טאג איז פשוט א פארגעניגן זיך ארויסצופארן אויפן פעלד ארויס און א טראכט טון וועגן טויט. אנדערע פעלקער נוצן אויס א שיינעם טאג אויף צו זייןביים טייך, אויף איינצוזאפן אין זיך אביסל לופט, א ביסל זון און לעבן. א ייד נוצט אויס א פרייע שעה אויף צו טראכטן וועגן א תכלית. און צי איז פאראן נאך א בעסערער תכלית, ווי אפצושטאטן א וויזיט דעם אומפארטיידלעכן טויט?

אט זיצט א פרוי אין די פערציקער יארן. איר בלייך, אויסגעמאגערט פנים ווערט נאך בלייכער אין די שווארצע קליידער. די פארלאזענע, באוואקסענע בראדעווקעס אויף דער אויבערשטער ליפ און די לויזקייט פון איר קערפער, זאגן עדות, אז די פרוי איז אן אלמנה... דאס בינטל בלומען וואס ליגט אויף אירע קני פירט זי צו איר מאנס נאך פרישן קבר.

אויף א צווייטער באנק זיצט נאך אן אלמנה, מיט אן אכט־יאריק מיידעלע נעבן איר. די פרוי האלט זיך נאך יונג און עלעגאנט. מסתמא פאלט היינט אויס דער יארצייט, האט זי מיטגענומען איר קינד, אז ס'זאל

זען מיט די אייגענע אויגן וואו דער טאטע אירער ליגט. די מאמע מיטן טעכטערל זיצן ערנסטע, פארטרויערטע און זיי שווייגן. די מאמע גרייט זיך דערווייל צו די טענות וואס זי וועט אויסגיסן אויפן קבר. אין אירע אויגן שטייען שוין גרייט די טרערן. דעם קינדס באחנט פנימל איז יידיש־לעך פארזארגט.

און אזוי אויף יעדער באנק קאן מען דא טרעפן עפעס אן אנדערש, א וואונק פון טויט. אויב נישט דורך בלומען, איז עס דורך טרויער־מלבושים און טרויער־אפצייכנס, אדער גאר דורך דעם ערנסט און טרויער פון בליק.

:: :: ::

צענדליקער קינדער, בלומען־פארקויפער, באפאלן אייך ביים אריבער־גיין די באן־ליניע, מיט בינטלעך בלומען אין די הענט:

— טאדא פאר וועינטע!

— טאדא פאר קינסע!

א גאנצער בלומען־האנדל האט זיך דא אנטוויקלט, א בלומען־ביר־זשע. בלומען איז דאס איינציקע ארטיקל, דאכט זיך, וואס ווערט נישט טייערער צוליב דער באוואפענונג. בלומען, ווי צארט און איידל זיי זאלן נישט זיין, טויגן נישט צו מאכן קוילן פון זיי...

כאטש די שרייענדיקע קאלירן פון די בלומען זיינען נישט אינגאנצן צוגעפאסט פאר דעם באשיידענעם געשמאק פון די געשטארבענע, אבער די מאדע פון ברענגען בלומען קאן מען מיט זיי יוצא זיין... די געשטאר־בענע האבן די גרויסע מעלה, וואס זיי קלאגן זיך נישט, זיי פראטעסטירן נישט אויף געשמאקלאזיקייטן...

די בית־הקברות שטימונג איז לויט דער בעטלער־פסיכאלאגיע דאס סאמע בעסטע און צוגעפאסטע ארט אויסצושטרעקן די האנט נאך א נדבה. דערפאר האבן זיך לענג־אויס דער בית־עולם־מויער אויסגעשטעלט בעט־לערס און זיי ווארטן געדולדיק און מיט זיכערקייט. צווישן זיי זיינען אויך פאראן קריסטלעכע בעטלערס, ווערן זיי דאך פון זייערע אידישע פאך־קאלעגן טאלערירט און באהאנדלט ווי אייגענע.

פאר בעטלערס און פאר גרויס־קאפיטאליסטן עקזיסטירן נישט קיין ראסן אדער רעליגיעזע פארורטיילן. די ביידע עקסטרעמע קלאסן פון דער געזעלשאפט שפילן זיך נישט אין קיין סענטימענטן. געשעפט איז געשעפט! נאר דער מיטלקלאס איז פון אייביק אן א גוטער מאטעריאל אויסצונוצן פאר אומגעלומפערטע ראסן־טעאריעס...

עס איז דאָ פול מיט באַוועגונג און מיט לעבן אויפן ליניערסער בית־עולם — די יידישע „רעקאָלעטא". פון ביידע זייטן מויער זיינען אויסגעשטעלט פינקלדיקע אויטאָמאָבילן פון דעם נייסטן מאָדעל און ליניע.

מענער אין שיינע עלעגאַנטע נעט־געניייטע שוואַרצע אַנצוגן, און פרויען עלעגאַנטע, אַנגעטון לויט דעם לעצטן געשמאַק פון די פּאַריזער טרויער־מאָדע־זשורנאַלן, מיט פּרעכטיקע בלומען־בוקעטן פון ווייסע, שלאַנקע, אַריסטאָקראַטישע קאַליעס, קומען דאָ אַהער אין די זונטיקדיקע פרי־מאָרגנס.

ווער עס קומט אויף באַזוך צו זיינע נאָענטע, ווער עס איז געקומען אויף אַ לויה, ווער צו אַ מצבה־שטעלונג און ווער עס איז זיך גלאַט אַזוי צוגעפּאָרן אַהער פון פאַרגעניגן וועגן... דאָ אויפן בית־עולם טרעפט מען זונטיק אינדערפרי שטענדיק אַ לעבעדיקן מענטשן. דאָ באַגעגנט מען אַ וויטן באַקאַנטן און אַ גוטן ברודער און דאָ קאָן מען סתם שליסן אַ גוטע באַקאַנטשאַפט.

אַרויסכאַפּן זיך אויף ליניערס זונטיק אינדערפרי איז געוואָרן אַ מאָדע־זאַך, אַ טאָן פון עלעגאַנץ, אַ מאַסשטאַב פון אַריסטאָקראַטישקייט...

און ווי דער שטייגער איז פון קלובן — זיי זיינען שטילע, דיסקרעטע שידוכים־ביוראָען — קומען דאָ טאַקע פּאָר שטילע „זעאונגען". עס הויבט זיך אָן מיט „וואַרפן אַן אויג" אויף אַ חנעוודיק אייניקל, וואָס האָט גע־בראַכט בלומען צום זיידנס קבר, און עס ענדיקט זיך שפּעטער מיט אַ חופּה.

דאָס לעבעדיקע לעבן קאָן אַפילו אויסנוצן דעם טויט און פאַרוואַנדלען אים אין אַ לעבנס־פאַקטאָר...

יידן האָבן פון אייביק אָן, צוליב רעליגיעזע אויפפאַסונגען פון לעבן און וועלט, אַרויסגעוויזן גרויס אויפמערקזאַמקייט דעם טויט. דאָס לעבן איז געווען מער נישט ווי אַ ציטווייליקע זאַך, ווי אַ קאָרידאָר, וואָס מען דאַרף וואָס גיכער אַריבער, כדי אַריינצוקומען אין דעם אמתן און אייביקן לעבנס־פּאַלאַץ אַריין.

דאָ איז נישטאָ די רעליגיעזע באַציאונג און אויפפאַסונג פון טויט, וואָס אַמאָל. צוליב דעם וואָס דאָס יידישע לעבן איז דאָ כמעט אויסגע־הוילט געוואָרן פון יעדן רעליגיעזן אינהאַלט, איז דער טויט געוואָרן אַ קולט פאַר זיך, אַן אָרט — אפשר דאָס איינציקע צו געבן אַן אויסדרוק די טליענדיקע יידישקייט־געפילן. דאָס איז די אַזוי גערופענע „בית־

הקברות־יידישקייט" — א קולט פון טראגן בלומען צו די געשטארבענע קרובים...

אויפן בית־עולם פילט זיך דער ייד נאר ווי ביי זיך אינדערהיים. עס וואכן דא אויף אין געדאנק די אלע תפילות, שטיקער פון דאווענען און פסוקים, וואס זיינען אים פארבליבן פון די ווייטע קינדער־יארן אין די אלטע היימען. די אלע נאך טליענדיקע איבערבלייבענישן באקומען דא צוריק א ווערט, א זין, א תיקון...

:: :: ::

אלע מצבה־שטעלונגען קומען פאר אום זונטיק, דער איינציקער טאג, ווען די נאנטע און באקאנטע זיינען פריי פון זייערע באשעפטיקונגען און זיי קאנען ארויסקומען אויפן פעלד ארוים. אויב דאס וועטער דינט נישט, אויב ס'גייט א רעגן — איז דאס שוין א געזעץ — ווערט די צערעמאניע אפגעלייגט אויפן קומענדיקן זונטיק...

עס דארפן היינט דא זיין פיר אדער פינף לויות. דאס איז, פראפארציאנעל מיט אנדערע טעג, צופיל, א רעקארד. דאס איז דערפאר, ווייל זונטיק קומען טאקע פאר די מערסטע לויות. מ'קאן טאקע נישט דיקטירן א קראנקן, וואסער טאג ער זאל זיך אויסקלייבן אויף צו שטארבן, אבער עס ווייזט דאך אויס, אז עס עקזיסטירט א געהיימער אפמאך מיט די קראנקע, אז פאר זייער אייגענער טובה וועגן און פאר די אינטערעסן פון זייער פאמיליע, לוינט זיך זיי פשוט אפצוליינען דאס שטארבן ביז ענדע וואך, כדי זייער לויה זאל זיין וואס אימפאזאנטער...

אויב נישט אנצורופן דאס מיט דעם וואכעדיקן נאמען „אפמאך", איז עס זיכער אן אונטערבאוואוסטזיין פון די קראנקע צו וועלן זיך געזעלשאפטלעך אויסלעבן אויך נאכן טויט און האבן וואס מער מלוים אויף דער לויה. און דאס קאן נאר דערגרייכט ווערן אויב די לויה קומט פאר זונטיק.

איז טאקע באוועגלעך דא און לעבעדיק אין די זונטיקדיקע פרימארגנס. נאך דער יידישער באנק, איז ליניערס דאס צווייטע ארט, וואו עס קומען צום אויסדרוק די נייע לעבנס־פארמען פון אונדזער יונגן ישוב.

די וואס ווארטן אויף די לויות פון זייערע באקאנטע שטייען אין קופקעלעך פארן טויער און שמועסן. די עלטערע דערציילן זכרונות, ווי עס האט דא אויסגעזען מיט אביסל יארן צוריק, ווען מ'האט געזונגען ביז דער קני אין בלאטע.

— היינט קוסט דאָ אויס ווי אַ פּאַרק! — פאַרענדיקט דער זכרונות־דערציילער.

איין ייד פון אַ גרופּע דערזעט אַ באַקאַנטן זיינעם אין אַ צווייטער גרופּע.

— חאַלאַ, וואָס טוסטו דאָ?

— אַ שיינע פראַגע, כ׳לעבן! כ׳האָב דאָ אַ האַלבע משפחה מיינע.

— אָבער כ׳זע דאָך אַז דו ביזט געקומען צו אַ לויה. ווער איז דאָס געשטאָרבן?

— ווייסט גאָרנישט? איסאַק איז דאָך געשטאָרבן.

— וואָסער איסאַק, איציקן מיינסטו?! — דער ייד גייט אַרויס פון די כלים — אוי ווי מיר! ווען איז עס געשען? ר׳איז דאָך מיינער אַ שיפס־ברודער. 32 יאָר אַז מיר זיינען אין לאַנד, דאַכט זיך אַז נעכטן ערשט... אוי ווי איז מיר!

— אַזוי גייט עס, ליבער ברודער, די „אַלטע גוואַרדיע״ רוימט זיך ביסלעכווייז אויס. אַט „טאָקירט״ שוין באַלד אונדז טאַקע...

די ידיעה וועגן טויט פון זיין שיפס־ברודער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דעם יידן. זיין געזונטער, מאַסיווער בעסאַראַבער קערפּער האָט זיך אַ וואַקל געגעבן.

— סי סעניאָר, עס „טאָקירט״ שוין באַלד אונדז — קומט ער צום זעלבן באַשלוס...

אַנדערע פון די גרופּעס גייען דערווייל אַריבער אין די טאַזשערן פון די מצבות־שלעגער פון אַנטקעגנאיבער דעם וועג און באַטראַכטן די אויס־געשטעלטע מצבות און שטיינער — אַ וואַלד אַ גאַנצער.

אַ ייד מיט אַ זילבערן בערדל שטעלט זיך אָפּ פאַר אַ הויכן און מאַ־סיוון, שוואַרצן, גלאַנציקן גראַניט־שטיין. דער ייד פאַרלייגט בנעימות־דיק די הענט אויף הינטן, טרעט אָפּ עטלעכע טריט אויף צוריק און שפּיגלט זיך אין דעם שטיין. דער שטיין געפעלט אים... אונטער אַזאַ שטיין — טראַכט זיך דער ייד — דאַרף זיין אַ ריינער פאַרגעניגן אויס־צורוען זיך די ביינער נאָך 120 יאָר...

דער אייגנטימער פון טאַזשער האָט שוין באַמערקט דעם יידנס יצר־הרע צום גראַניט־שטיין, און ער וואַקסט באַלד אויס ביי אים.

— וואָס, אַ שיינער שטיין... ער געפעלט אייך?

— הם... — פאַרשעמט זיך דער ייד, גלייך מ׳וואָלט אים געכאַפּט

ביי דער האנט ביי אַ מיאוסער זאַך — וואָס שייך צו זאָגן געפעלט? יאָ, וויפיל דאַרף קאָסטן דער שטיין?

— פאַר וועמען דאַרפט איר אים? — וויל דער מצבה־שלעגער ציען דעם פאָדים ווייטער.

שמייכלט דער ייד מיטן קמץ־בערדל, זעענדיק אַז זיינע גערעכטע האַלטן ביי אויפגעדעקט ווערן.

— זאָל זיין אַז כ׳דאַרף אים פאַרן גלחס טאָכטער... וויפיל דאַרף ער קאָסטן?

דער מצבה־שלעגער קאָן זיך שוין גוט אויף זיינע קליענטן און ער זאָגט אים אַ פּרייז.

— אַ יאָר פריער, אַ יאָר שפּעטער — זאָגט דער מצבה־שלעגער — אַ מצבה איז אַ מענטשלעכע זאַך. מ׳האַרף זיך דערמיט נישט שעמען...

עס קומט צופאָרן אַן אָרון מיט אַ שורה קאָטשן. אַלע לאָזן זיך צום אַריינגאַנג.

דער ייד מיטן קעסטל זיסוואַרג — „זייט זיך מחיה!" — וואָס פאַר־פעלט נישט קיין זונטיק אַהערצוקומען מיט זיין סחורה, ער לאָזט קיינעם נישט אָפּ.

— קויפט עפּעס, קויפט!

טרויער, טרערן, טויט — דאָס איז פאַר אים נישט קיין אויסרייד. ער דאַרף לעבן און זיין ווייב דאַרף לעבן. נאָר די לאָזונג „זייט זיך מחיה!", וואָס ער באַנוצט אין שטאָט, האָט ער דאָ אויסגעביטן אויף אַ צווייטער און איז פּסיכאָלאָגיש צוגעפּאַסטער צו דער בית־עולם־שטימונג.

— כל זמן די אויגן זיינען אָפן — זאָגט ער — דאַרף מען עפּעס נעמען אין מויל אַריין...

— נישקשה, איר מעגט זיך פאַרגינען אויסצוגעבן פינף סענט. דער מענטש נעמט זיך גאָרנישט מיט...

און אויב די אַלע לאָגישע אַרגומענטן העלפן נישט, איז אַ נדבה אויך אַן ענין...

:: :: ::

די הויפּט־אַליי איז שיין און ציכטיק, מיט גוט־געפלעגטע ביימער. אַ גוט, מילד ווינטל גלעט, באַרויקט און מאַכט פאַרגעסן אין די ערדישע דאגות. אייגנטלעך טוט דאָך דער טויט אויך די זעלבע אַרבעט: פאַר־גרינגערט, באַרויקט און באַפרייט פון אַלע דאגות...

אַט קומט פאַר אַ לויה לויטן באַקאַנטן נוסח: געוויין, טענות צום הימל, ספּאַזמען און חלשן.

דאָס „איינלייגן וועלטן" ביי אַ לויה איז נאָר אַ באַווייז, אַז דער מענטש שרעקט זיך זייער פאַר רואיקייט, פאַר דער אַבסאָלוטער רואיקייט. מיר יידן, איינוואַוינער פון דער גרויסער שטאָט, וואָס לעבן מערסטנס אַ דינאַמישן און אימפּולסיוון לעבן, האָבן מער מאָטיוו צו שרעקן זיך פאַר רואיקייט, ווי אַנדערע. דער איבערגאַנג איז אַ צו שטאַרקער.

פון צווישן די געדיכטע מצבות פון ביידע זייטן אַליי טראָגט זיך אַ געוויין, אַ געיאָמער און אָפּגעריסענע ווערטער פון טענות — די אייביק געדערבטע מענטשלעכע טענות...

דער מענטש, ווייזט אויס, וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צוגעוואוינען צום טויט, אַז ער זאָל אים אויפנעמען רואיק.

פון דאָ און דאָרט הערט זיך דער באַקאַנטער מאָטיוו פון אַן „אל מלא", וואָס ווערט באַגלייט מיט געוויין.

מען רופט זיי און מען זוכט זיי, די אָפיציעלע „מלא מאַכערס", מיט די מעשענע אָפּצייכענונגען אויף די לאַצן.

— זיידע, זיידע!

— זיידע, זייט מוחל!

זיי, די מלא מאַכערס, כאָטש זיי באַציען זיך צו זייער אַרבעט, ווי אמתע סטאָיקער, איז דאָך פאַראַן אַ געוויסער באַוואוסטזיין אין דער ווירקונג פון זייער אַרבעט. נישט אויף אַלעמען ווירקט גלייך דער „מלא", אָבער אַ ווירקונג איז אומעטום דאָ... און דאָס מאַכט זיי שטאָלץ און גיט זיי גלויבן אין זייער מאָנאָטאָנער אַרבעט.

פּרעכטיקע, טייערע שטיינער זעט מען דאָ, זעלטענע גראַניט־פּליטן און בראָנזענע בלומען־וואַזעס.

אַ געמיש פון סטילן, נוסחאות און שפּראַכן. אנשטאָט דעם אַמאָליקן „פּ. נ." הויבט זיך אָן דער טעקסט אויף די טייערע שטיינער מערסטנס מיט אַ ווידמונג: „פּאַפּיטאָ" אָדער „אַבועליטאָ". אנשטאָט דעם טראַדיציאָנעלן „ת. נ. צ. ב. ה.", פאַרענדיקט זיך דער טעקסט מיט ק. ע. פּ. ד. אין לאַטיינישע אותיות.

דער מין איז טאַקע דער זעלבער, אָבער אַ ייד קאָן אפילו טויטער־הייט נישט אויסמיידן די שפּראַכן־פראַגע.

אויך געוויינלעכע שטיינער טרעפט מען דאָ מיט פּשוטע אויפשריפטן, אין דעם באַקאַנטן העברעאישן נוסח פון אַמאָל, און אויך מצבות מיט

יידישע טעקסטן. דאָס זיינען די קברים פון קבצנים, וועלכע עס האָט אָפּגעגליקט צו שטאַרבן דעמאָלט, ווען ליניערס איז נאָך געווען דער איינ־ציקער בית־עולם. זאָל זיי וואויל באַקומען. זאָל זיי די ערד גרינג זיין! היינט אָבער אָנצוקומען אויף ליניערס מוז מען זיין, אָדער רייך, אָדער מען מוז זיין אַ גרויסער יחסן...

אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן שטייט ביים קבר פון איר מאַן. זי וויינט און טענהט נישט. אָן צו פאַרלירן איין מינוט נעמט זי זיך גלייך צו דער אַרבעט. מיט דער רואיקייט און זאַכלעכקייט פון אַ גוטער באַלעבאָסטע נעמט זי אויפרוימען דאָס קבר, פונקט ווי מען רוימט אויף אַ צימער. זי וואַשט אויס די בלומען־וואַזאָנעס און פולט זיי אָן מיט פרישע בלומען און וואַסער, און מיט אַ פייכטער שמאַטע באַנייט זי דעם גלאַנץ פון דער מאַרמאָרנער מצבה.

אפשר אָן אַנדערהאַלבן טוץ אייניקלעך האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף דעם קבר פון זייער זיידן, צום יאָרצייט. דעם זיידנס קבר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלומען־אויסשטעלונג. דער ווינט וואַרפט אַראָפּ די בלומען און זיי שטעלן זיי צוריק אויף. אומעטום איז ער פאַראַן, דער שטיפעריי־שער ווינט, דער שטענדיקער שפּאַס־טרייבער.

אַלע גייען זיי אָנגעטון אין שוואַרצן, מסתמא לויט אַלע טרויער־פאַרשריפטן. ווי לאַנג זיי האָבן זיך געדאַרפט גרייטן צו דעם היינטיקן וויזיט צום זיידן! פון קאָפּ ביז די פיס זיינען זיי אָנגעטון אין שוואַרצן. די יונגע מיידלעך ווישן זיך די אויגן מיט שוואַרץ־באַזיימטע טיכלעך און וויינען:

— פּאָברע זיידע! פּאָברע זיידע!

די מיידלעך פאַרגייען זיך אין געוויין. איינער פון די מענער מישט זיך אַריין און באַרואיקט זיי:

— נו, זאָל שוין זיין גענוג — „באַסטאַ!"

:: :: ::

אינדרויסן שטייען די איינוואוינער פון די קעגנאיבערדיקע שטיבער און קוקן זיך איין: עס איז פאַראַן אויף וואָס צו קוקן. די זונטיקדיקע פרימאָרגנס ברענגען אַריין האָפענונג, לעבן, פרייד אין זייער מאָנאָטאָנעם הינטער־שטאָטישן לעבן. דאָ זעען זיי זיך אָן און זעטיקן דאָס אויג מיט עלעגאַנץ און שיינקייט.

עס איז שוין מיטיק־צייט, נאָר די באַוועגונג האָט נאָך נישט אויפ־געהערט. מען גייט און מען קומט. די „מלא מאַכערס" זיינען שוין מיד.

אין אַ יידישער באַנק

עס פעלט נאָך 20 מינוט צו צען, די שעה, ווען די באַנק עפנט אירע טירן.

אינעווייניק אין באַנק רודערט זיך שוין, די אָנגעשטעלטע זיינען שוין דאָרט פאַראַן. אויפן טראָטואַר קלייבן זיך יידן און ווארטן אז מ'זאָל שוין עפענען. אַ מנין יידן איז שוין פאַראַן, אָבער די צאָל האַלט כסדר אין וואַקסן.

ווער עס שטייט ביי דער וואַנט און ווער עס האָט זיך אָנגעשפאַרט אין איינעם פון די ביימער אויפן טראָטואַר און ער קוקט צו די האַלבגעעפנטע שטאָרן פון דער באַנק און לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון זיי. די אומגעדולדיקע דרייען זיך אַהין און צוריק און שטעלן זיך אָפּ דערווייל פאַר אַ נאָענטן פענצטער פון לאָטעריע־צעטעלעך.

— ס'פעלט נאָך אַ סך צו צען?

—אַ קלייניקייט.

דאָס קופּקעלע פאַר דער באַנק איז שוין אזוי גרויס, אַז מ'קאָן שוין נישט דורכגיין פריי אויפן טראָטואַר. נישט־יידן שטעלן זיך אָפּ אַ ווײַלע און קוקן פאַרוואונדערט: פאַרוואָס שטייען דאָ עפּעס אזוי פיל מענטשן?

איינער שטייט ביי אַ דראָטן־סלופּ פון טראַמוואַי. ער טונקט אַלע ווײַלע איין דעם בלייער אין מויל און שרייבט, רעכנט עפּעס אויפן גע־פאַרבטן סלופּ...

דער עולם ווערט אומגעדולדיק.

— וואָס, מ'עפנט נאָך נישט? ס'איז דאָך שוין צען אזייגער!

— וואָס איז דאָרט מיט זיי?

— זיינען זיי דאָרט פאַרשלאָפן געוואָרן?

אין דעם אויגנבליק שטייט שוין דער פּאָרטעראָ און ציט אַרויף דעם שטאָר.

דער לאָקאַל ווערט מאָמענטאַל אָנגעפולט מיט אימפּעט און טומל.

אין דער זעלבער מינוט זיינען שוין אלע פענצטערלעך באשטעלט מיט מענטשן. אלע טישלעך פארנומען, גלייך ווי ס'וואלטן שוין אדורך לאנגע שעהן, צייט די באנק איז אפן.

„די מלחמה הויבט זיך אן"... — זאגט איינער פון די אנגעשטעלטע אין א וויץ.

:: :: ::

היינט איז מאנטיק. קומען יידן אין באנק אריין אויסגעבענקטע, אויסגעהונגערטע.

און עס קומען יידן און קומען פון אלע זייטן, און די וואס זיינען שוין פאראן, זעט מען גארנישט זיי זאלן אוועקגיין. א יידישע באנק איז נישט געמאכט געווארן דערצו אז מען זאל אוועקגעבן דאס טשעקל, אדער דאס וועקסעלע און אוועקגיין, אוועקלויפן אן א גוטן טאג... א שיינעם פנים וואלט אזא באנק געהאט!

א יידישע באנק פילט אויך אויס די פונקציע פון א טרעף־פונקט, פון א דעמאקראטישן קלוב, וואו עס באגעגענען זיך אלע שיכטן פון דער בוענאס־איירעסער יידישער באפעלקערונג.

אין באנק ווערט מען געוואויר וואס עס הערט זיך און וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

אין באנק ווערט מען געוואויר ווער עס האט זיך ארויפגעארבעט און ווער עס האלט ביי „ברעכן דעם קארק".

יידן מיט פארזארגטע, פארהארעוועטע פנימער, כאפן דא א שמועס וועגן אנטיסעמיטיזם און ווינטשן זיך א גיכן סוף אויף היטלערן.

צוויי יונגעלייט האבן זיך אוועקגעזעצט אויף איינער פון די בענק און שמועסן זיך זייער געלאסן. זיי ווארטן דא אויף גארנישט. לויט די עלעגאנטע וואליזקעלעך, וואס זיי טראגן מיט זיך, דערקענט מען גלייך אז זיי זיינען קארעדארן. דורכגייענדיק זיינען זיי דא אריינגעקומען אין באנק זיך אביסל אפרוען. און אזוי שמועסנדיק, קומט צו א באקאנטער, א דריטער, א פינפטער, און עס וואקסט ארום זיי אויס א ראד. די ערשטע צוויי, „די גרינדער", די קארעדארן, זעט מען שוין איננאנצן נישט ארויס.

פון צייט צו צייט רופט איינער פון די קאסירערס אויס א נומער פון א טשעק, א נאמען, אבער זיין שטימע ווערט פארלוירן אין דעם גרויסן טומל, קיינער הערט אים נישט. און דער טומל וואקסט, יערט און מישט זיך אויס מיט דעם ריטמישן קלאפן פון די שרייב־ און רעכן־מאשינקעס.

דער קאסירער רופט שוין ווידער:

— 205! 205! — חזרט ער איבער צודרינגלעך די לעצטע דריי ציפערן, מיט געבעט ממש.

נו, וואס מיינט ער זיך, דאס קאסירערל, זאל מען אפשר איבערייסן דעם שמועס, זאלן יידן מפסיק זיין צוליב אים? נישקשה. ער וועט נישט אוועקקומען, ער וועט שפעטער אויך צאלן אויפן טשעק...

איינער פון די שמועסער כאפט זיך אינסטינקטיוו, אז דאס רופט מען אים. אויף גיך לויפט ער צו צום פענצטערל, כאפט עטלעכע פעקלעך, ציילט זיי איבער, און אט שטייט ער שוין צוריק ביי זיין קופקעלע.

אויב איר האט פארלוירן דעם אדרעס פון אייער א באקאנטן, אויב איר ווילט זיך באגעגענען מיט א שיפס־ברודער, וואס איז אייך פארפאלן געווארן — קומט אין באנק אריין. דא וועט איר אים מוזן טרעפן, דא מוז ער אדורכגיין. אויב איר באגעגנט אים נישט אין קיין איינער פון די יידישע בענק, איז א שלעכטער סימן, און הלוואי ס'זאל זיין א ליגן — איז ער שוין אויפן עולם האמת...

אויב איר בענקט צו הערן א יידישן וויץ און אמתדיק הנאה האבן פון אים — גייט אין א יידישער באנק אריין. דא שפרודלט מיט יידישן פאלקס־לעבן און עס שפיגלט זיך דא אפ דער פרצוף פון אונדזער ישוב.

רעכטס פון דער טיר שטייט דער פירער פון דער „גרינער" ליכטע און האלט אפ א באראטונג מיט זיינע פארטרויאונגס־מענטשן. און פון דער לינקער זייט שטייען די „בלויע" און באראטן זיך אויך. און אזוי שטייענדיקערהייט ווערן פלאנירט און עס ווערן אויך געשאפן קאנדידאטן־ליסטעס און עס גייען אן שטילע פארהאנדלונגען וועגן אן אויסגלייך. וועגן א שלום. מען שמועסט מיט ברען, מען דיסקוטירט.

— נא סעניאר!

— סי סעניאר!

דער גורל פון די מערסטע אינסטיטוציעס אונדזערע ווערט אין באנק אנטשידן, אדער אין די נאנטסטע קאפעען ארום.

און עס וואונדערט פשוט, פארוואס אין דער פראפאגאנדע, וואס אונדזערע בענק מאכן, דערציילן זיי נאר וועגן דעם גרונט־קאפיטאל, וועגן דער צאל אקציאנערן, וויפיל קרעדיט עס ווערט געגעבן אויף אן אקציע, און זיי פארגעסן אינגאנצן אין די גרויסע לייסטונגען וואס די באנק האט פאר דעם געזעלשאפטלעך־יידישן לעבן אונדזערן...

א יידישע באנק — דאָס איז די קוזשניע, וואו עס שמידט זיך אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן.

:: :: ::

אַרום מיטיק־צייט דערגרייכט די באַוועגונג אין באַנק דעם קולמי־נאַציע־פּונקט. אַלע פענצטערלעך זיינען ממש באַלאַגערט. דער טומל וואַקסט, שטייגט און ווערט געדיכטער. דאַכט זיך אַז די בראַנזענע ווענט־לעך פון די האַלבע פאַרצוימונגען וועלן זיך אויסבייגן...

ווי אַזוי קאָנען זיי דאָ אַרבעטן די אָנגעשטעלטע אין אַזאַ טומל, אין אַזאַ גערוועזיטעט?

אַמאָל האָב איך געמיינט, אַז דער יידישער לערער אַרבעט אין די ערגסטע באַדינגונגען. אָבער פון היינט אָן רעהאַביליטיר איך מיין מיי־נונג. דער יידישער לערער וועט אַזוי גוט זיין און אָפּטרעטן די מאַרטירער־קרוין דעם יידישן באַנק־אָנגעשטעלטן.

און דאָך האָט נאָך נישט פּאַסירט, אַז דער קאַסירער זאָל אין דעם גרויסן טומל זיך טועה זיין און געבן אַנשטאָט אַ צענער פּעזע — אַ פּופציקער... דאָס איז אַ וואונדער!

די רואיקע און גלאַט־פּאַרקעמטע אָנגעשטעלטע ווערן שוין צוביסלעך נערוויאיש. ביי איינעם פון די קאַסירערס האָבן זיך שוין עטלעכע האָר באַפרייט פון דער „גאָמינאַ" און זיי פלאַטערן ווי דינינקע הערנדלעך אין דער לופטן.

דער פרויען־פּערסאָנאַל ווישט זיך די שטערנס מיט אַ מינע פון „איך קאָן שוין מער נישט!"

א יידישער באַנק־אָנגעשטעלטער איז נישט עפּעס פון יענע אָנגעצוי־גענע ביוראָקראַטן, וואָס בילדן אָן אָפּגעשלאָסענע קאַסטע און ער טוט זיין אַרבעט טרוקן און אָפיציעל. די אָנגעשטעלטע דאָ קענען אַלע מיט־גלידער כמעט אָנרופן ביי די נעמען און פאַמיליע־נעמען, אַלע זיינען זייערע באַקאַנטע און פאַר יעדן איינעם אַ שמייכל, אַ בליק, אַ „קאָמאָ לע וואַ?"

דאָס געשוואָלענע בוך פון „לויפנדיקע חשבונות" האָט היינט אַריינ־באַקומען אַ נייעם נאָמען.

די באַנק האָט היינט צוגעקריגן אַ נייעם קאַפּיטאַליסט, אַ נייעם אינ־דוסטריאַל — אַ פאַבריקאַנט פון זיידענע פרויען־וועש. צוואַנציק פּעזעס, זיין גאַנצן מזומנעם קאַפּיטאַל האָט ער אָנפאַרטרויט, דעפּאָזיטירט אין דער באַנק, איצט שטייט ער און וואַרט אויף אַ טשעק־ביכל.

אויף די טאַרכעטלעך, וואָס ער האָט זיך אָפּגעדרוקט, זאָגט זיך: „די גרעסטע פאַבריק אין גאַנץ זיד־אַמעריקע" — טאָ פאַרוואָס זאָל דער אייגנטימער פון דער גרעסטער פאַבריק אין זיד־אַמעריקע נישט האָבן אַן אייגן טשעקן־ביכל און טאָקע שרייבן טשעקן?

מיט אַ ציטערדיקער האַנט, פון גרויס עמאָציע, האָט ער אין דעם גראָבן בוך, מיט אַ לעדערנעם רוקן, אַריינגעשריבן זיין חתימה. אַ שאָד נאָר וואָס דער ציק פון דעם אונטערשריפט איז נישט אַרויסגעקומען אַזוי פויגלדיק. נאָר אַן אייגן טשעקן־ביכל האָט ער שוין.

אָבער לאַכט נישט פון דעם יונגן אינדוסטריאַל. אַ סך דאָ אַרויפ־געאַרבעטע סוחרים האָבן אויך אַזוי אָנגעהויבן...

:: :: ::

אַרום דער טיר, וואָס פירט אַריין צום בערענטע שטייען אַרום יידן און וואַרטן אומזיכערע, פאַרצווייפלטע. דאָ רעדט קיינער נישט, דאָ דיס־קוטירט מען נישט. אַ שווייגעניש. יעדער איינער איז דאָ אַריינגעטון, פאַרטיפט אין זיינע דאגות. קיין איינער נישט פון די אַלע, וואָס וואַרטן אַריינצוקומען צום בערענטע, איז צו פאַרשטיין, ווייל נישט בעטן קיין דער־לויבעניש, מען זאָל אים לאָזן אויסקויפן זיין וועקסעלע מיט עטליכע טעג פאַרן טערמין...

שטייען דאָ אַלע און שווייגן. יעדער איינער גרייט זיך צו שווייגנדי־קערהייט די טענות, וואָס ער וועט אָוועקלייגן פאַרן בערענטע. די האָפע־נונג, אַז די געגרעכטע און ערלעכע טענות וועלן גוט פאַרשטאַנען ווערן, שפּיגלט זיך אָפּ אויף זייערע פּנימער.

די טיר פון דעם בערענטעס צימער עפנט זיך אויף. עס קומט אַרויס פון דאָרט אַ מיטלוואוקסיקער ייד, מיט אַ צעפלאַמט פּנים פון פרייד. דער בערענטע האָט אים עפּעס צוגעזאָגט און אים איינגאַנצן גוט געמאַכט. דער ייד רעדט צו זיך אַליין פון גרויס צופרידנקייט:

„נאָר צום קאָפּ דאַרף מען גיין, נאָר צום קאָפּ!..."

דער אָנגעשטעלטער פון די וועקסלען איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. פון אַלע זייטן שטרעקן זיך צו אים הענט, גלייך ווי זיי וואָלטן תפילה געטון צו אים:

— זוכט אויס מיין וועקסעלע!

— מיין וועקסעלע!

— מיינס!

א ייד, וואָס האָט שוין אַרויסבאַקומען זיין וועקסעלע מיטן שטעמפּל „פּאַגאַדאַ", גייט אַוועק אין א זייט, רייסט אָפּ די חתימה מיט אַן איידל קרעכצעלע, וואָס מיינט צו זאָגן:

„ס'איז אַ שווער שטיקל אַרבעט דאָס הויבן אַ וועקסל..."

פון אינדערפרי אָן, זייט מ'האָט געעפנט די באַנק, איז ער דאָ דער זעלבער ייד. אַ פאַרטראַכטער דרייט ער זיך אַרויף און אַראָפּ, מיט די הענט אויף אַרונטער. אַלע ווײַלע שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט אַהין צו די קאַסע־פענצטערלעך.

טראַכט ער אפשר צו מאַכן אַן איבערפּאַל? אין אַן אַנדער באַנק וואָלט אַזאַ איינער געווען פאַרדעכטיק, דאָ אָבער, אין דער יידישער באַנק, איז עס אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. ווער קאָן דאָס פאַרווערן אַ יידן צו דרייען זיך אַהער און צוריק? דער פּאַל וועט זיך דען אָפּנוצן?...

דער ייד, וואָס דער אמת איז, נויטיקט זיך טאַקע אין געלט, אָבער קיין איבערפּאַל, זייט רואיק, וועט ער אויף קיינעם נישט מאַכן. ער וואַרט דאָ אויף אַ באַקאַנטן, אַ היימישן, צו כאַפּן ביי אים אַ גמילות חסד.

גוט האָט זיך דאָ איינגעאָרדנט דער ייד, וואָס בעט נדבות דורך איינ־רוימען יעדן איינעם אַ סוד: „גאָט וועט אייך העלפן!" ס'איז אָבער נישט צו זען, אַז ער זאָל דאָ מאַכן זייער גלענצנדיקע געשעפטן.

אַ באַנק איז נישט קיין פּאַסיק אָרט צו בעטן נדבות, ווייל די אויי־בערהאַנט איבער דעם מענטשן אין אַ באַנק, האָט נישט דאָס געפיל, נאָר דער שכל, דער חשבון...

— און אַ צעטעלע מיט דער גראַנדע, אפשר דאַרפט איר? — יאָגט נאָך דער צעטעלע־פאַרקויפער.

:: :: ::

מיטאָמאָל איז צוריק אויסגעוואַקסן אַ טומל, דער זעלביקער טומל וואָס פאַרמיטיק, און נאָך אַ גרעסערער.

עס איז שוין די לעצטע האַלבע שעה פאַרן שליסן די באַנק.

עס קומען אָן צולויפן אין גרוים איילעניש יידן, האַלטנדיק איין האַנט אין דער קעשענע, וואו עס ליגט דער „קאַפּיטאַל". זיי האָבן נאָך „אויס־פּייעט" צום באַנק...

— פאַרוואָס עפּעס אין דער לעצטער מינוט? — ווערט איינער פון די ערשט־אָנגעקומענע פאַרטשעפּעט מיט אַ פראַגעלע.

— פרעגט נישט קיין קשיות, פרעגט נישט!

עס קומט דער קוועגטעניס, וואָס האָט אקאַרשט עפּעס איינגעמאָנט, מיט א פּעקל אין דער האַנט.

און עס קומט דער קליינער אונטערנעמער, ווענען ס'איז געלונגען אויסצובייטן זיינס א טשעקל אויף עטלעכע טעג שפּעטער...

„מאָרגן איז פאַרמאַכט די באַנק". אזוי זאָגט זיך שווארץ אויף ווייס ביי דער קאַסע. לייענט איינער איבער דאָס צעטל און ער גלויבט זיך נישט, כאָטש די ידיעה פּרייט אים. און כדי צו זיין אינגאַנצן זיכער, פרעגט ער זיך איבער ביי איינעם, ביי א דריטן:

— טאַקע פאַרמאַכט זיין?

— אז ס'שרייבט זיך יאָ איז יאָ.

מאָרגן פּונקט דאַרף ער צאָלן א וועקסל. א געוואונענער טאָג איז אויך אן ענין. עס וואלגערן זיך נישט קיין טעג אין גאַס.

שוין! אלץ האָט זיך שוין געענדיקט. דער פּאָרטערא לאָזט שוין אראָפּ די שטאָרן. די וואָס בלייבן אין באַנק מאַכן זיך נישט וויסן, און זיי שמועסן זיך ווייטער. נישקשה, מ'וועט קיין יידן נישט טרייבן פון באַנק...

עס קומט נאָך אן צולויפן א ייד, אן אָטעם. נאָר דער פּאָרטערא האָט זיך איינגעעקשנט, ער לאָזט אים נישט אריין — „ר'האָט אזא אָר־דען" — זאָגט ער.

דער פאַרשפּעטיקטער ייד רעדט צו די, וואָס קומען ארויס פון באַנק, מיט פאַרביטערטקייט.

— גיי און זיי א „קאַסיע" אזוי פיל יאָרן, און אז פאַרשפּעטיקסט זיך אויף א מינוט — אויס!

— נישט מיט קיין מינוט, נאָר מיט גאַנצע צען מינוט! — בעסערט אים אויס דער פּאָרטערא.

— און אז מיט צען מינוט איז וואָס, דערלייגסטו דיין באַבעס ירושה?... פאַר די וואָלן, אז מען דאַרף מיך, בין איך א „סעניאָר", און היינט דערקענט דיך קיינער נישט...

עס קומט ארויס איינער פון דער קאָמיסיאָן פון באַנק, און דער פאַר־שפּעטיקטער ייד ווערט געהאָלפן — מ'לאָזט אים אריין און מען נעמט צו ביי אים די פּופּציק פּעזעס, וואָס ער האָט געבראַכט צו „הויבן" א וועק־סעל.

טוט

אַ מענטש שטאַרבט

אַ מענטש האַלט ביי שטאַרבן.

אויפן טויטן בעט ליגט ער, דער מענטש, און האַלט ביים אָפּשליסן זיין חשבון מיט דער וועלט. גענוג! אַדיאָס וועלט!

געווען אַ מענטש, און ער פאַרגייט איצט, ער לעשט זיך אויס. נאָך געציילטע רגעס און ער וועט שוין מער נישט זיין.

געווען אַ מענטש, אַ מענטש מיט אַ היים, מיט אַ פּאַס און אַ ווייב און מסתמא אויך אַ שוויגער, מיט אַקציעס אין אַ באַנק.

אַ מענטש מיט מיינונגען, אייגענע און אויסגעליענע, מיט באַגערן, מיט נאַרישקייטן און קלוגשאַפטן, מיט ווילענישן און שונאים.

אַ מענטש מיט פאַרשפּילטע צעטעלעך, וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט ווער ווייס צוליב וואָס אין זיינע קעשענעס. מיט קראַוואַטן, מיט אַ סך אויסגענוצטע ראַזיר־מעסערלעך און מיט פאַרשריבענע אַדרעסן און טעלעפאָנען פון באַקאַנטע.

אַ מענטש, וואָס האָט צו עטלעכע מאָל אין טאָג פאַרנומען אַן אָרט אין דער אונטערערד־באַן און אין אָמניבוס; אַ מענטש, וואָס האָט גענוצט אַ 43־ער שיך און געוויכערט 35־סענטיקע פּאַפּיראָסן און וואָס האָט כל־ימיו געטרונקען טיי מיט 4 קלעצלעך צוקער.

דער מענטש ליגט דאָ פאַר אונדז אויפן טויטן בעט און ער שטאַרבט. זיינע אַלע פאַרשריבענע טעלעפאָנען וועלן איצט פאַרלירן יעדן זין. זיין אַנקער־זייגערל אויף 16 שטיינער וועט דערווייל בלייבן אָן אַ באַלעבאָס. זיין פּאַס מיטן בילד און מיט די פינגער־אָפּדרוקן, וועט פאַרלירן יעדן באַדייט, און אים אַרט דאָס גאָרנישט — ער שטאַרבט, ער ציט אונטער זיין חשבון מיט דער וועלט.

אייגנטלעך פילט דער מענטש נישט קיין שנאה צו אונדזער וועלט און צו אַלץ, וואָס מיר רופן־אָן לעבן. ער איז נאָר געוואָרן גלייכגילטיק צו דעם

אלעם, אזוי שרעקלעך גלייכגילטיק, אז דאָס שטאַרבן שרעקט אים נישט און הויבט אים אפילו נישט אָן צו אַרן.

ווען מען אָבער וואָלט עס געאַרט, אז דער מענטש וואָלט נאָך געלעבט אַ שטיקל צייט און ער וואָלט פּונקט 4 אזייגער נאָכמיטיק, ווי ס'איז גע־ווען זיין געוואוינהייט, עפּעס איבערגעבאַפּט, נאָך, זאָגן מיר א יאָר, צוויי צי דריי? ווער וואָלט דען דערלייגט זיין באַבעס ירושה, ווען דער מענטש זאָל נאָך אזוי לעבן און ראַזירן זיך, ווי ער האָט דאָס געטון יעדן צווייטן טאָג?

ווען מען וואָלט דאָס געאַרט, ווען דער מענטש זאָל ציען נאָך עטליכע וואָכן, כאָטש ביז עס וועט זיך פאַרענדיקן דער ראָמאַן, וואָס האָט זיך געדרוקט אין זיין צייטונג, וואָס ער האָט געלייענט. און זאָל ער טאַקע גע־וואוירע ווערן וואָס עס איז ענדלעך געוואָרן פון דער „שיינער רוכטשע"... ניין, נאָר דווקא איצט, אין דער רגע!

אָבער אים אליין, דעם מענטשן, וואָס ליגט אויפן טויטן בעט, אים אליין גייט דאָס שוין אַלץ נישט אָן. ער איז גלייכגילטיק. מיט א שטאַר־בנדיקער גלייכגילטיקייט באַציט ער זיך צו די פראַגן.

זאָל זיין איצט! זאָל זיין שפּעטער!

:: :: ::

א מענטש שטאַרבט! די אויגן האַלט ער נאָך אָפן, אָבער ער שטאַרבט. די פייגעלעך אינעם שפּיטאָל־גאָרטן פישטשען זיך אזוי געמיטלעך אין דעם פאַרנאַכט, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט קיין אויסטערלישעס.

די טראַמוואַיען און אָמניבוסן יאָגן מיט דער זעלבער גיכקייט. זיי, די טראַמוואַיען און אָמניבוסן, פאַרלירן איצט אויף שטענדיק איינעם פון זייערע פּאַסאַזשירן, אָבער זיי נעמען זיך דאָס נישט צום האַרצן. זיי וועלן אַלצאיינס ווייטער זיין געפּאַקט.

א מענטש שטאַרבט, א מענש געהט־אויס פאַר אונדזערע אויגן, און מ'טוט גאָרנישט דערצו, מ'קאָן גאָרנישט טון. אַלע שטייען מיט אַראָפּגע־לאָזטע הענט, רעזיגנירטע: יאָ, ער שטאַרבט.

א מענטשלעך לעבן לעשט זיך אויס, און גאָרנישט, קיינער רייסט נישט די טירן פון ארון־קודש, קיינער פּראָוווט נישט שפּאַלטן די הימלען. עס וואָלט סיי ווי גאָרנישט געהאָלפן.

דאָס טישל, וואָס איז באַשטעלט מיט פלעשלעך מיט פאַרשיידענע

רפואות, פּראָשקעס און אינזשעקציעס, האָט מען איצט אוועקגערוקט אין אַ זייט, צו דער טיר צו. ווי אויסגערונענע האָפענונגען קוקן זיי אויס די רפואות, וועלכע אייניקע דאָקטוירים האָבן געהאַט פאַרשריבן דעם חולה. איצט זיינען זיי שוין אינגאַנצן איבעריק.

סיי די רפואות און סיי די דאָקטוירים — ביידע זיינען שוין איצט נישט נויטיק. ווען מ'זאָל צוזאַמענברענגען אהער די גרעסטע פּראָפעסאָרן פון אַלע אוניווערזיטעטן פון דער וועלט און צונויפנעמען אַלע רפואות, וואָס געפינען זיך אין אַלע אַפּטייקן און לאַבאָראַטאָריעס — וואָלטן זיי נישט באַוויזן אָפּצוראַטעווען דעם מענטשן.

דער מענטש שטאַרבט לויט דעם באַקאַנטן נוסח. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן, איינגעגראָבן אין קישן. זיין בליק האַלט ער ערגעץ אויף אַ פּונקט פון סופיט, און דאָס אָטעמען ווערט וואָס אַמאָל שווער און שווערער.

דאָס שטאַרבן האָט זיך שוין זיין פעסטגעשטעלטן נוסח, און דאָך ווירקט דאָס אויף די ביישטייענדיקע גלייך דאָס וואָלט געווען דער ערשטער טויט־פאַל אויף דער וועלט. דאָס איז דערפאַר, ווייל מיר זיינען איבערצייגט אין דער עכטקייט פון דער סצענע, מיר זיינען איבערצייגט, אַז דער מענטש שפּילט איצט נישט און מאַכט נישט קיין אָנשטעל... עכטע, אמתע געשעענישן ווירקן יעדעס מאָל, ווי באַנאַל זיי זאָלן שוין נישט זיין.

מיר אַליין, כדי היימיש צו ווערן מיטן טויט און ווערן מיט אים נאָנטע מחותנים, באַמיען מיר זיך צו געבן דעם טויט אַ פעסטן אויסזען און נוסח.

די קראַנקן־שוועסטער דערנענטערט זיך צום בעט פון שטאַרבנדיקן מיט אומדרייסטע טריט. זי, וואָס האָט כסדר פאַרויסגעזאָגט און געטרייסט די נאָענטע פון קראַנקן, אַז ער וועט גיך געזונט ווערן, פילט זיך איצט אַביסל שולדיק.

די קראַנקן־שוועסטער איז נישט געקומען געבן איצט אַ רפואה דעם קראַנקן אָדער שטעלן אים אַ „נאָדל". ניין. זי האַלט דעם מענטשנס פּולס אין אירע הענט, צו וויסן ווי לאַנג דאָס וועט נאָך דויערן...

די קראַנקן־שוועסטער איז אַ יונגע און געזונטע פרוי אין בליענדיקן עלטער. אָבער דער מענטש, וואָס שטאַרבט, זעט זי אינגאַנצן נישט. ער רייסט נישט אָפּ זיין בליק פון סופיט. אַן אַנדערש מאָל, ערשט מיט אַ וואָך צוריק, ווען ער וואָלט אַזאַ פרוי, ווי די קראַנקן־שוועסטער, באַגעגנט אין גאַס, וואָלט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר און איר נאָכגעקוקט,

אָפּגעמאָסטן זי מיטן בליק, מיטן געדאַנק, מיט דער פאַנטאַזיע. איצט אָבער באַמערקט ער זי אינגאַנצן נישט — ער שטאַרבט!

אויך דער דאָקטער, וואָס האָט אים געהיילט די גאַנצע צייט, איז דאָ. ער שטייט ביים בעט און הערט מיט פאַרוואונדערונג דאָס טיפע אָטעמען פון מענטשן, וואָס גייט איבער אין אַ כאַרכלען. ער, דער דאָקטער האָט געטון אַלץ, וואָס מען דאַרף, אַלץ וואָס מען דאַרף אין אַזעלכע פאַלן, לויט דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. אָבער להכעיס דער מעדיצינישער וויסנ־שאַפט האַלט איצט דער פאַציענט זיינער ביים שטאַרבן. וואונדערט זיך דעריבער דער דאָקטער און ער פאַרשטייט נישט וואָס עס קומט פאָר. לויט זיינע אויסרעכענונגען וואָלט דער פאַציענט געדאַרפט לעבן, נישט ווינצי־קער ווי הונדערט און צוואַנציק יאָר.

:: :: ::

דאָס אָטעמען ווערט שווערער פון מינוט צו מינוט. זיין ברוסט־קאַסטן הויבט זיך אַרויף און אַראָפּ מיט אַזאַ אומנאַטירלעכער אָנגעשטרענגטקייט. מיט יעדן אָטעם־צוג אָטעמט ער אַרויס פון זיך שעהן און טעג לעבן.

פון צייט צו צייט הויבט ער אויף אַ האַנט און ער וויל זי צולייגן צום קאָפּ, צום שטערן, אָדער גאָר צו דער נאָז, אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז שוין מער נישט דער באַלעבאָס איבער זיינע הענט, ער האָט שוין נישט קיין דעה איבער זיי. אינמיטן וועג פאַלט די האַנט צוריק אַראָפּ אַ שווערע, אַ מידע. זיינע הענט קאָנען שוין מער נישט אויספילן די באַפעלן, וואָס פלעגן אַמאָל קומען פון דער צענטראַלע, פון קאָפּ. איצט זיינען שוין די באַפעלן מער קיין באַפעלן נישט.

פון צייט צו צייט פּלאָנטערט עפּעס די צונג און זי צוזאַמען מיט די ליפּן באַוועגן זיך, מאַכן אָנשטרענגונגען אַרויסצוברענגען אייניקע קלאַנ־גען. אָבער מען זעט קלאָר אַז ער איז שוין נישט דער דעה־זאָגער איבער זיינע אָרגאַנען.

ס'איז אייגנטלעך שווער צו זאָגן, וואָס עס קומט פאָר, צי די אָרגאַנען ווילן מער נישט אויספילן די באַפעלן פון דער מוח־צענטראַלע און די צענטראַלע פילט זיך דעריבער אונמעכטיק, אומבאַהאָלפן אַרויסצוראַטעווען זיך פון דעם פּלאָנטער, און זי רעזיגנירט. אָדער דעם מוח איז מיאוס גע־וואָרן מיטאַמאָל די אַרבעט פון כסדר, אין פאַרלויף פון 57 יאָר, באַפעלן, און די אָרגאַנען זיינען געבליבן מאַכטלאָז, אָן אַ ווילן, אָן אַ כוח וואָס זאָל זיי באַלעבן, וואָס זאָל זיי מאַכן באַוועגלעך.

ווי די זאַך זאָל אָבער נישט זיין — דער מענטש גייט־אויס. ער באַפרייט זיך פון אַלע זיינע זאָרגן, פון זיין רייכקייט און אָרעמקייט, פון זיין אָדרעס און פון זיינע שוואַכקייטן און מיחושן. מיט אַ שעה צוויי צוריק האָט ער זיך געקלאָגט אויף ווייטיק, אויף שטעכענישן, אַז ס'איז אים האַרט, אַז ס'איז אים הייס, איצט אָבער — איז אים מיטאַמאָל געוואָרן באַקוועם און גוט. אַלע ווייטיקן האָבן מיטאַמאָל אויפגעהערט, אַלע געפאַרן, וואָס האָבן באַדראָט זיינע אינערלעכע אָרגאַנען, זיינען מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. ער פילט גאָר קיין ווייטיק נישט, קיין דורשט, קיין שטאַרקייט און שוואַכקייט — גאָרנישט פילט ער, גאָרנישט מער.

די פינגער פון זיינע פיס, וואָס קוקן־אַרויס פון אונטערן ליילעך, זיינען באַדעקט מיט גרויסע, אויסגעוואַקסענע הינער־אויגן. אַ סך שיינע מאָמענטן פון זיין לעבן האָבן זיי אים פאַרביטערט, די צרהדיקע הינער־אויגן. מיט די אויסגענוצטע ראַזיר־מעסערלעך פלעגט ער זיי שניידן און האַלטן זיי שטענדיק באַדעקט מיט זאַלבן און פלאַסטערס, אָבער זיי, די הינער־אויגן, כראָנישע, דרייסטע, אומדערשראָקענע, זיינען ווייטער טעטיק געווען. אַזוי ווי די אייביק־רויכערנדיקע וואולקאַנען האָבן זיי שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ ווילדן, אומגעצוימטן לעבנס־לוסט.

איצט קוקן זיי אַרויס די הינער־אויגן, אַביסל בלייכע, דערשראָקענע אויף דעם, וואָס עס געשעט, גלייך זיי וואָלטן זיך פאַרענטפערט: „וואָס זיינען מיר דען שולדיק?"

און דער אמת איז, אַז זיי זיינען טאַקע נישט שולדיק. זיי שטאַרבן איצט אָפּ צוזאַמען מיטן מענטשן.

קוקנדיק אויף דעם מענטשן, איז שווער צו זאָגן, צי ר'איז געווען אַ שיינער, צי אַ מיאוסער. זיין פּנים האָט געביטן דעם קאָליר, גלייך די הויט פון זיין פּנים איז געוואָרן דורכזיכטיק און עס שפּיגלען זיך אָפּ אויף זיין דעפאָרמירטן פּנים די דורכגעמאַכטע ווייטיקן און די איצטיקע פּיין, די אָנשטרענגונגען אַריינצוקומען אין קעניגרייך פון טויט.

קוקנדיק אויף דעם מענטשן, וואָס ליגט איצט אויפן טויטן בעט, אין די לעצטע גסיסה־קאָנוואולסיעס, איז שווער צו דערקענען אויף אים צי ר'איז געווען אַ קלוגער צי אַ נאַרישער, אַן ערלעכער צי אַן אָפּנאַרער, אַ לעב־יונג, צי אַן אָפּגעהיטענער, אַ באַשיידענער צי אַ גרויסהאַלטער, אַ מילדער אָדער אַ כעסן. דאָס אַלץ, וואָס מיר רופן אָן מעלות, איז שוין אַזוי נישט אַקטועל אין איצטיקן מאָמענט און וועט מיט גאָרנישט בייטן אָדער פאַרגרינגערן זיין לאַגע.

דאָס אָטעמען ווערט וואָס אַמאָל שווערער און אינטענסיווער, אָבער ער אָטעמט נאָך. ווען איינער הרגעט אים איצט, קאָן ער לויטן געזעץ אָנ־געקלאָגט ווערן אַלס מערדער, פאַר הרגענען אַ מענטשן.

לויטן געזעץ מוז יעדער איינער אויסטרינקען דעם בעכער ביז דעם דנאָ, ביז צום לעצטן טראָפּן...

:: :: ::

עס גדויערט שוין אַביסל צו־לאַנג. די אָנוועזנדיקע, וואָס שטייען דאָ אַרום זיין בעט, ווערן צוגעוואוינט צו דער פיינלעכער סצענע און איר איינדרוק ווערט שוואַכער מיט יעדער מינוט.

איינדרוקספולע סצענעס דאַרפן זיין קורץ, געציילטע סעקונדן דאַרפן זיי נאָר דויערן.

דאָס אָטעמען ווערט אַלץ שטאַרקער, האַסטיקער, פול מיט אָנשטרענ־גונג, גלייך ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט אַוועקצושלעפּן אַן אַכט־שטאָקיק הויז מיט דעפאַרטאַמענטן.

אַמ־אַט, און — ס'רייסט זיך איבער. נאָך אַ ציק, נאָך אַ ציק און —

— שוין?

— שוין!

אַ מענטשלעך לעבן, אַן ערלעך מענשלעך לעבן האָט זיך פאַרלאָשן, און גאָרנישט. די צוויי מיליאָניקע שטאָט, זי ווייסט צומאָל נישט דערפון. פון וואָנען זאָל זי דען דאָס וויסן? די קאָנאָנען האָבן נישט אָפּגעפייערט קיין זאַלפּן, די פאָנען איבער די רעגירונגס־געביידעס האָט מען נישט אַראָפּ־געלאָזט אויף האַלב־מאַסט. אַ פּראָסטער מענטש איז געשטאָרבן...

אַ בירגער, אַן אַרבעטזאַמער און ערלעכער בירגער, איז געשטאָרבן און דאָס לאַנד ווייסט גאָרנישט דערפון. אויב יאָ — ווערט דאָס באַטראַכט ווי אַ נאַטירלעכקייט. דאָס לאַנד וויל נאָר וויסן צי ער איז געשטאָרבן לויטן געזעץ...

זיין גאַנץ לעבן האָט ער ערלעך געאַרבעט, פאַרדינט זיין ברויט פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע, נישט געשיבורט, נישט געווען אויסגעלאַסן, נישט געגלוסט נאָך פרעמדע ווייבער און פרעמדע פאַרמעגנס, און נישט געיאָגט זיך נאָך פאַרגעניגנס. און קיינער קומט נישט אַוועקצולייגן איצט אַן ערן־קרייץ אויף זיין ברוסט, אָדער אַן אַנדער אויסצייכענונג פאַר זיין מוסטערהאַפטן, ערלעכן לעבן...

אַ מענטש איז געשטאָרבן — אַן איינס פון די צוויי מיליאָן, וואָס וואוינען אין שטאָט. און די שטאָט, זי וועט דאָס צומאָל נישט דערפילן. די אָמניבוסן וועלן אין די מיטיק־ און פאַרנאַכט־שעהן ווייטער לויפן איבער־געפּאַקטע מיט פּאַסאַזשירן. די הונדערטער לאַסט־אויטאָס, וואָס באַזאָרגן טאָג־איין, טאָג־אויס די שטאָט מיט שפּייז, זיי וועלן צוליב דער געשעע־ניש נישט פאַרמינערן זייער לאַסט...

אַ מענטש מער, אַ מענטש ווייניקער — דאָס איז נישט קיין פאַר־לוסט פאַר דער מיליאָניקער שטאָט!...

פאַרברידערונג

מאַסיווע שווערע טירן און דיקע ווענט, וואָס לאָזן נישט דורך דעם טומל, דעם הו־האַ פון דער גאַס. די הויכע פענצטער זיינען דאָ אַלע פאַרמאַכט און פאַרהאַנגען מיט רולעטן־געדיכטע, אַז די טאָג־ליכט זאָל זיך נאָר חלילה נישט אַריינכאַפּן. די קאַרגע עלעקטרישע באַלויכטונג קומט אַרויס פון די ווענט אַ געדעמפּטע, אַ געריייניקטע, ווי יאָרצייט־ליכט...

דאָ, אין דער „מאָרגע", איז אַ וועלט פאַר זיך, אַן אייגנאַרטיקע וועלט, וואו אַלע חכמות און קענטעענישן פון דרויסן הערן אויף און פאַרלירן זייער ווערט און זין.

ביים אַריבערטרעטן נאָר די שוועל פון דעם בנין, דערפילט מען גלייך, אַז דאָס איז נישט קיין טאַנץ־זאַל.

אַלץ איז דאָ איינגעהילט אין אַ מאַנטל פון באַשיידנקייט און רו. די גרויע מאַרמאָר־ווענט גלאַנצן מיט אַ מאַטן, איינגעהאַלטענעם גלאַנץ. די יונגע אָנגעשטעלטע איז שיין און חנעוודיק, אָבער איר פּרוואַישער רייץ ווירקט דאָ כמעט נישט. דער ווערט פון מענטש און זאַך ווערט דעצידירט דורך דער סביבה...

ביים דירעקטאָר אין קאַבינעט איז טונקל און מיסטעריעז. דער לאָמפּ, נידעריק אויפן שרייב־טיש, באַלייכט נאָר אַ קליינעם קרייז. קיין אידעאַלערן אויסזען פאַר אַ דירעקטאָר פון דער „מאָרגע" קאָן מען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. זיין פּנים קוקט אויס געלייטערט און אויסגעטון פון אַלע דרויסנדיקע, ערדישע תאוות.

ווי אַן אמתער בעל־תשובה זעט ער אויס.

דאָס איז דער שטעמפּל פון דער אַרבעט־סביבה, וואָס יעדער טראָגט אויף זיך.

אויך זיין שטימע איז צוגעפּאַסט צו דעם אַרום. ער זאָגט צו מיר:

— מיר האָבן דאָ היינט ווינציק מתים — האָט ער אַ קוק־געטון אויף דער ליסטע — אינגאַנצן אַכט און פערציק.

— דאָס איז פאַר מיר גענוג...

:: :: ::

מיר נידערן אראָפּ אין די קעלערס, וואו עס געפינט זיך אייגנטלעך די „מאָרגע”. מאַרמאָרנע ווענט, פּאָלן שטיינערנע, זיכערע אָפּגעשלאָסענע קברים. אונדזערע טריט צעגייען זיך אין דעם לאַבירינט פון קאָרידאָרן און צימערן, אין צענדליקער עכאָס.

די שטילקייט איז דאָ נאָך קאָנדענסירטער און די לופט שווערער. אַן אומהיימלעכער גליטשיקער גערוך הענגט אין דער לופטן. דאָס דאַרף זיין דער ריח פון טויט. דער טויט האָט נאָר נישט קיין קאָליר, כאָטש מיר שרייבן אים דאָס צו, אָבער אַ ריח האָט ער יאָ...

אָט איז דער טאַזשער פון די גיפּסענע מאַסקעס. די ווענט זיינען דאָ באַהאַנגען מיט מאַסקעס פון טויטע פּנימער און קערפּערס, אָדער טיילן נאָר, רעקאָנסטרואירטע אין גיפּס. אַ זעלטענע אויסשטעלונג! מענטש־לעכע פּנימער אין די פאַרשיידנסטע אויסדרוקן, אינם מאָמענט פון ארויס־געריסן ווערן פון אונדזער לעבן, וועלכעס איז געקומען מערסטנס אומגע־ריכט, אומנאַטירלעך.

פּנימער מיט שטאַרקע אויסדרוקן פון קאָנוואולסיעס, העוויות, גלייך זיי וואָלטן איינגענומען עפּעס אַ ביטערן פּראָשעק...

פּנימער, וואָס האָבן אויפגענומען דעם טויט מיט אַ געפיל פון שרעק, און די שרעק איז געווען די סיבה פון זייער טויט.

אַנדערע ווידער, וואָס האָבן אויפגענומען דעם טויט מיט אַ געוויסן גיינער. זייערע פּנימער זיינען דאַכט זיך נאָר צייטווייליק פאַרגליווערט, גלייך זיי וואָלטן פאַרזוכט עפּעס אַ ניי און אומבאַקאַנט מאכל...

און פּנימער מיט פאַרהאַקטע ציינער און מיט אָנגעצויגענע מוסקולן. זיי האָבן מיט זייער טויט געמיינט מסתמא אָפּצוטון דער וועלט עפּעס אַ שפּיצל, אַ צו־להכעיס שפּיל.

פאַראַן אויך פּנימער אַזעלכע, וואָס האָבן אויפגענומען דעם טויט ווי אַ ברכה, ווי אַ דערלייזונג. אַן אייעלער און קוים באַמערקבאַרער שמייכל רוט אויף זיי: „ענדלעך זיך דערוואַרט, ענדלעך”...

און אָט איז די מאַסקע פון אַ שיכור, וואָס איז געשטאָרבן בעתן טרינ־קען. אַ דעפאָרמירט פּנים מיט אָפענע ליפּן, דורשטיקע נאָך אַ טרונק נאָך...

אַן איטאַליענער איז ער, דער סקולפּטאָר, וואָס אַרבעט דאָ פּערמאַ־נענט ביי די מאַסקעס. אַזאַ מענטש האָט זיכער אַ סך צו דערציילן פון זיין אַרבעט. איז ער דווקא אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרשלאָסענער.

דער פאַרוואַלטער פון דער „מאָרגע” האָט מיך איבערגענומען אין זיין

רשות. ער וועט מיר ווייזן אַלץ, וואָס ער האָט אין זיין קעניגרייך.

אָט זיינען די מאַרמאָר־טישן, אויף וועלכע די דאָקטוירים פירן דורך די סעקציעס איבער די קערפּערס. אויף די טישן שפּילט זיך אָפּ דער עפּי־לאָג פון די טראַגיש־אומגעקומענע העלדן, אין וועלכן זיי נעמען נאָר אַ פּאַסיוון אנטייל.

אויף גיך באַווייזט דער פּאַרוואַלטער די אַלע איינריכטונגען, כדי צו באַווייזן זיך באַלד מיט זיין וויכטיקן פּאַרמעגן.

ער ריגלט־אויף אַ גרויסע, הערמעטיש־פּאַרמאַכטע טיר פון דער פריר־קאַמער און מיט אַ העפלעכן זשעסט לאַדנט ער מיך אַריינצוגיין.

איך האָב אים אָפּגעטראָטן דעם כבוד צו זיין דער ערשטער...

:: :: ::

אַ קעלט האָט אַ יאָג־געטון פון דער פריר־קאַמער. אויף פּאָליצעס ליגן דאָ אויסגעלייגט מענער און פרויען, אין זייערע נאַטירלעכע אנצוגן. צו זייערע הענט און פיס זיינען צוגעבונדן נומערן, מעשענע בראַסלעטן — דאָס איינציקע, וואָס זיי טראָגן נאָך אויף זיך פון אונדזער ערדישער וועלט.

אין אַ געזעלשאַפט פון עטלעכע צענדליק זיינען זיי היינט דאָ פאַראַן: פאַרשטייער, זין פון פאַרשיידענע פעלקער און ראַסן.

אָ, וואָס פאַר אַ האַרמאָנישער צוזאַמענלעבן צווישן פעלקער, די פריר־קאַמער שטעלט מיט זיך פאָר! אַלע זיינען איצט גלייכגעשאַלטעט — אַלע.

אַלע חשבונות צווישן זיך האָבן זיי געשלאָסן, אַלע שטרייטיקייטן אויפגעגעבן, און אַלע שנאות, אמביציעס און ליידנשאַפטן האָבן זיך אויס־געוועפּט. אפילו די גרענעצן פון געשלעכט זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן.

וואָס פאַר אַ הערלעך בילד! פּלייצע צו פּלייצע ליגט אַ יאַפּאַנער מיט אַ רוס; אַ העל־האָריקער סלאַוו מיט אַן איטאַליענישער טאָכטער; אַ דייטש מיט אַ פראַנצויז און אַ טונקל־הויטיקער אינדיאַנער. און אויך אַ ייד איז פאַראַן צווישן זיי. ווי אַ גלייכן ברודער האָבן זיי אים אויפגענומען אין זייער מיט.

אַ דערהויבענע אידיליע פון פעלקער־פאַרברידערונג. מיר לעבעדיקע, וואָס זיינען דאָ פּלוצים אריין, ווייזט אויס, שטערן זיי אין דער אידיליע.

און אַלע ליגן זיי דאַכט זיך ארומגענומען, ארומגעאַרעמט. איין גרוי־סער און אייביקער ציל האָט זיי פאַראייניקט און צוזאַמענגעפירט. ווי ברוגזע קינדער, וואָס מען האָט זיי צונויפגעפירט זיי זאָלן זיך איבערבעטן,

קוקן זיי אויס. מיט אראפגעלאזענע קעפ ליגן זיי, אומבאהאלפענע און פארשעמטע.

די פרעדיקער פון האס און גיפט צווישן פעלקער, די וואס ווילן פאר־וואנדלען דעם פעלקער־האס אין א רעליגיע — זאלן זיי אהער קומען און א קוק טון אויף דעם בילד, און זיי וועלן אויסגעהיילט ווערן פון זייער משוגעת.

אויב דאס לעבן אליין איז צו ווינציק ארגומענט, אז די מענטשן זאלן זיך אויסהיילן פון זייערע שוואכקייטן, מוז דער ארגומענט פארשטארקט ווערן דורכן טויט. דער טויט מוז ראטעווען דעם מענטשן...

פארשיידן זיינען די וועגן, די סיבות, וואס האבן זיי אהער געבראכט. אט ליגט א קאבארעט־טענצערן, וועמענס געליבטער האט זי היינט פאר־טאג דערשאסן. דער רוזש איז נאך פאראן אויף אירע ליפן. איין פוס האלט זי איינגעבויגן, גלייך ווי זי וואלט זיך געגרייט געבן דעם פינאל פון איר טאנץ...

און דערנעבן ליגט אן אוקראינער, וואס א בלאק ערד האט אים פאר־שאטן ביים גראבן די נייע אונטערערד־באן. די פויסטן פון זיינע הענט זיינען צונויפגעפרעסט, גלייך ער וואלט געקירעוועט דעם אקער אויף דעם באגרענעצטן שטיקל פעלד אין זיין אוקראינישן דארף, פון וואנען די נויט האט אים ארויסגעריסן...

און אט ליגט א דערטרונקענער ייד, וואס האט פארלוירן דעם צורת אלהים אין די טעג, וואס ער האט זיך געטובלט אין די וואסערן פון לא פלאטא טייך.

און נאך א פאל, און נאך און נאך. אלע מענטשלעכע פיין, נויטן, און אומגליקן זיינען דא פארטראטן.

די אלע, וואס ווילן פטור ווערן פון זייער אפעטיט און גוטער שטי־מונג, אויף א שטיק צייט, זאלן אהער קומען.

א שטיקנדיקער ריח און אן אומהיימלעכקייט יאגט פון די מענשלעכע קערפערס, וועו די ווילנס און באגערן האבן זיי פארלאזט. דער טעמפע־רער מענטש קאן דאך א בליץ־טון מיט געדאנק און פרייד; דער פוסטסטער און באגרענעצטסטער צווישן די מענטשן־קינדער איז דאך פול מיט רייד, שטרעבונג און פארלאנג.

עס איז די פארגליווערטקייט פון דעם מענטשלעכן קערפער, וואס באשווערט אזוי און שרעקט. מאמענטאלע פארגליווערטקייט ביים מענטשן קאן זיין דער קוואל פון פרייד, איז די סיבה וואס רופט ביי אונדז ארויס

געלעכטער. דאָ אָבער איז די פאַרגליווערטקייט אַ פּערמאַנענטע, דער אָנ־הויב פון אויפלייזונג און צעפאַלונג — דער אָנהויב פון סוף...

דער פירער ווייזט מיר נאָך אַ שטוים מיט קאַסטנס געפּאַקטע, גרייט צום אַוועקשיקן. דאָס זיינען די, וואָס זיינען שוין איבערגעקומען אַלע מעדיציניש אין יורידישע פאָרמאַליטעטן פון פּיין. ליגן זיי איצט גרייטע, גערייניקטע, צו דערשיינען פאַרן אייביקן ריכטער אָפּצוגעבן אים אַ גרוס, איינדרוקן פון אונדזער לעבן...

:: :: ::

דרויסן איז אַלץ געגאַנגען מיט זיין נאַטירלעכן גאַנג און ריטם, כדי צוצושטעלן פאַר דער „מאָרגע״ די 1500 נומערן אַ יאָר...

די אויטאָמאָבילן האָבן געיאָגט. יונגע מיידלעך האָבן געוואַרט אויף די ראָגן, צו באַגעגענען זיך מיט זייערע חתנים. די פאַרקויפערס פון לאָטעריע־צעטלען האָבן פאַרגעשלאָגן זייער סחורה.

אַרום אַ טויטן־געשעפט

.1

יעדן טאָג קומט מיר אויס פּאַרבייצוגיין נישט ווייט פון מיין שטוב אַ געשעפט פון „פּאַמפּאַ פונעברע”. פּונקט אויפן ראָג גאַס איז איינגעאָרדנט דאָס געשעפט. גרויסע פענצטער קוקן אַרויס איןביידע גאַסן אַריין.

דער לאָקאַל איז אַ גרויסער און אַ פּוסטער. אַ געשעפט אָן סחורה... דאָס איז עפּעס אַן אָנצוהערעניש וועגן דער אומענדלעכער און פּוסטער וועלט, וואוהין דאָס געשעפט טראַנספּאָרטירט זיינע קליענטן. און כדי די וועלט זאָל נישט אויסזען אַזוי אָפּשרעקנדיק, איז די פּוסטקייט באַשטעלט מיט הויך־געוואַקסענע אָרלעאַנדערס און מיט פּאַלמע־צווייגן, וואָס וואַקסן אין גרויסע וואַזאָנעס.

אייגנטלעך איז דער טויט נישט די איינציקע פונקציע פון אַזאַ געשעפט. אויסער די לויות אָרדנט אויך איין דאָס געשעפט גרויסאַרטיקע חתונות, מיט פּרעכטיקע קאַטשן, וואָס פירן די חתן־כלה און די מחותנים צו דער חופּה.

אגב זיינען דאָס די זעלבע קאַטשן, די זעלבע גלאַנציקע קאַרעטעס, די זעלבע פערד און אויך דער זעלבער פּערסאָנאַל, וואָס פירן אויס די ביידע, אַזוי פאַרשידנאַרטיקע און אַזוי פייערלעכע פונקציעס אין מענטשנס לעבן: די חתונה און די לויה.

אינעם פאַקט גופא, אַז איין געשעפט פאַרנעמט זיך גלייכצייטיק מיטן טויט און מיטן לעבן, איז פאַראַן דער אָנדייט, דער זין, אַז פון דעם וויגל אָן דאַרף מען שוין טראַכטן וועגן טויט.

ווי דאָס זאָל אָבער נישט זיין, איז דער טויט די וויכטיקסטע און הויפּט־פונקציע פון דעם געשעפט, וואָס איז דער עיקר אַ טויטן־געשעפט. די גרויסע און פּוסטע פענצטער זיינען אַ שאַרפער קאָנטראַסט צו די

אַנדערע פענצטער פון די קליטן, וואָס זיינען באַליגט און באַהאַנגען מיט סחורות. דאָס געשעפט וואָס אָרדנט איין און באַזאָרגט די לויות, אָדער וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם טראַנספּאָרט־וועזן, פון וואַנען עס איז נישטאָ קיין „צוריק”, האָט נישט וואָס אַרויסצושטעלן. דער טויט איז אַזוי אָרים, אַזוי מאָנאָטאָן, אַז עס איז נישטאָ מיט וואָס צו רייצן דעם עולם.

אָבער אינגאַנצן פוסט זיינען די פענצטער נישט. פון אינעווייניק זיינען די פענצטער באַהאַנגען מיט שווערע און טונקעלע פאָרהאַנגען, וואָס דערמאָנט עפּעס אין דער מיסטעריעזקייט פון טויט, פון קבר — אַ פאָר־האַנג אַזאַ.. .

דאָס איז באמת נישט קיין שלעכטער איינפאַל און איז אַ באַווייז, אַז די וואָס גייען אַרום דעם טויט האָבן זיך אויסגעאַרבעט אַ געוויסע פאַרשטענדעניש פאַר זייער פּראָפעסיע און היטן אָפּ אַ גוטן געשמאַק...

צו די שויבן פוןביידע זייטן זיינען צוגעטשעפּעט בילדער פון רייכע לויות. אויף די בילדער זעט מען די שוואַרצע פערד, ווי זיי זיינען איינ־געשפּאַנט מיט זייער גאַנצער פּראַכט אין דעם גלאַנציק־שוואַרצן לוקסוס־דיקן טויט־וואָגן. פון די פערדישע מיילער זעצט אַרויס אַ ווייסער שוים און זיי האַלטן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, גלייך ווי די אויסדרעסירטע באַשעפע־נישן זאָלן מיטפילן דעם גרויסן טרויער. דאָס איז אַ קיסרלעכע לויה! ערשט די בלומען־קראַנצן, מיט די מעשענע לייכטערס, וואָס דאַרף צוגעבן דער לויה חשיבות...

.2

די אויפגאַבע פון דעם געשעפט איז צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַרן טויט, צוגעוואוינען דעם עולם, אַז דער טויט איז נישט אַזוי שרעקלעך ווי מיר מיינען; אַז מ'קאָן דעם טויט אַביסל באַשיינען, פּונקט ווי מען טוט דאָס מיט די ביטערע רעצעפּטן — מען פאַרזיסט זיי אַביסל.

די שיין־געוועלבטע און שיין־געשוירענע און גוט־געפלעגטע קעפּ פון די לעבנסלוסטיקע טויטן־פערד, האָבן עפּעס אַ חן. זיי פאַמיליאַריזירן דעם געדאַנק פון טויט צווישן די מענטשן, וואָס גייען דאָ פאַרביי יעדן טאָג.

און הגם מען זעט נישט אַז מענטשן זאָלן זיך דאָ אָפּשטעלן און באַ־טראַכטן די אַרויסגעהאַנגענע מוסטערן, ווי מען שטעלט זיך אָפּ אַ שטייגער פאַר די געשעפטן פון די לאָטעריע־צעטלען, גייט מען אָבער נישט פאַרביי

דעם געשעפט נישט צו באַמערקן עס. נישט ווילנדיק אָדער בגנבה כאַפּט מען אַ קוק, אַ בליק. אַנדערע גיט דאָס אַ קלעם אין האַרצן און וואַרפט אָן אַ שרעק — מ'זאָל אָפּגעהיטן ווערן... אַנדערע דערמאָנט דאָס געשעפט אין דער לויה פון אַן אייגענעם און רופט אַרויס שווערע דערינערונגען.

אַנדערע ווידער, ביים אָנשטויסן זיך אויף דעם געשעפט, טראַכטן זיי דערביי מיט זיכערקייט, אַז זיי האָבן נאָך צייט, זיי וועלן נאָך גיין אויף אַ שיין ביסל לויות פון זייערע באַקאַנטע, ביז די רייע וועט אָנקומען אויף זיי...

ווי דאָס זאָל נישט זיין, דאָס געשעפט, וואו עס איז אינסטאַלירט דער טויט, דערמאָנט עפּעס די מענטשן און פירט אויס עפּעס אַ פונקציע.

און אינטערעסאַנט איז, אַז די דאָזיקע „געשעפטן" עפענען זיך נישט סתם אַזוי, אָן אַ סדר, אָן אַ סיסטעם, פון דער הוילער הויט אַרויס. דער טויט אַרבעט נישט סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין, און דאָס געשעפט וואָס מאַכט אַ לעבן פון טויט, האָט זיך אויך זיינע פּרינציפּן, זיינע אויסרעכענונגען.

שטענדיק איז צווישן דעם געשעפט פאַראַן עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג, אַ פאַרבינדונג מיט דער געגנט. פונקט ווי בוכהאַנדלונגען האָבן אַ טבע זיך צו עפענען נאָענט אַרום שולעס און פאַקולטעטן, אַזוי אָרדענען זיך איין די טויטן-געשעפטן אַרום אַ שפּיטאָל, אָדער כאָטש בשכנות פון אַ מע־דיקער...

דאָס איז דער סיסטעם פון קאָאָרדינאַציע, דער סיסטעם פון צוזאַ־מענאַרבעט. דאָס געשעפט פון טויט האָט זיך זיינע געטרייע מיטאַרבע־טער און מיטהעלפער...

3.

אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט איז אָפן דאָס געשעפט פון טויט. פונקט ווי דאָס לעבן גייט אָן אויפהער, אַזוי גייט אויך אָן פּערמאַנענט דער טויט, און דאָס געשעפט פּאַסט זיך צו צו דעם דאָזיקן פּרינציפּ.

מיר גיבן אייך — מיינט דאָס זאָגן צו די מענטשן — אַלע באַקוועמ־לעכקייטן, אַלע פאַרלייכטערונגען. איר קאָנט זיך אויסקלייבן וואָס פאַר אַ שעה איר ווילט, וואָס פאַר אַ שעה עס איז אייך באַקוועמער און בעסער צום האַרצן. פון אונדזער זייט איז נישטאָ קיין שום מניעה. מיר זאָגן אייך נישט קיין דעה וועגן. ווען איר זאָלט זיך נישט צייט נעמען אַרי־

בערצושפאנען אין דעם קעניגרייך פון טויט, זיינען מיר גרייט אייך צו דינען מיט איינאָרדענען אייך א געשמאַקפולע לויה „פאַר עקסעלאַנס”, א לויה, וואָס וועט מאכן אן איינדרוק אויף אייך, דעם בעל שמחה, און אויף אייערע נאָנטע. דאָס וועט זיין פאַר אייך אן אייביקער אָנדענק...

אינדערפרי באַגעגן איך דעם באַלעבאָס פון דעם טויטן־געשעפט א נישט אויסגעשלאָפענעם. ער שטייט אין זיין געשעפט און ער גענעצט און לאַנגווייליקט זיך נאָך א שטיק נאכט וואַרטן אויף קליענטן. מיט זיין ליסע קאָפּ, נידעריקן און פעטן אויסזען, קוקט ער אויס ווי א גלח. ער זיצט זיך ביי זיין שרייב־טיש און קוקט אַרויס צו דער גאַס מיט א פּאָזע וואָס זאָגט:

...פע, עס איז נישט כדאי צו לעבן אויף דער וועלט.. א מיאוסע, חזיר־שע וועלט! און די מענטשן, דער טייוול ווייסט זיי צו וואָס, זיי קלאַ־מערן זיך אזוי אין דעם לעבן. זיי הענגען זיך אָן אין יעדן אָמניבוס, אָן יעדן טראַמוואַי, און זיי פאַרגעסן גאָר, אַז עס וואַרט אויף זיי א פּרעכ־טיקע וועלט. א וועלט פון רו, א וועלט פון זאָרגלאָזיקייט, א וועלט, וואו ס'דאַרף נישט לויפן צו און צוריק פון דער אַרבעט...

.4

באַלד אינדערפרי, נאָך אויפן ניכטערן מאָגן, פירט ער זיך דער באַ־לעבאָס פון טויטן־געשעפט, קויפט ער די פרימאָרגן־צייטונגען און ער פאַרטיפט זיך אין זיי. נישט די נייעסן וועגן דער מלחמה אינטערעסירן אים אזוי, נישט די לאַנדעס פּאָליטיק, נאָר דער טויט. נישט דער „פּאַר מאַזשאָר”־טויט, וואָס שפּאַנט דאָרט ערגעץ אויף די ווייטע שלאַכטפעל־דער, נאָר דער היימישער לאחדים־טויט, וואָס שטאַט אָפּ וויזיטן אין די באַלעבאַטישע, פאַרמעגלעכע הייזער...

צעזעצט ער זיך אויף דעם ווייך־געבעטן פאָטעל און זיינע קורצזיכ־טיקע, באַברילטע אויגן שוועבן מיט עמאָציע אין דער טויט־אָפּטיילונג פון די צייטונגען. פון דער עקסקורסיע אַרום טויט קומט אים צו א שטיק געזונט און ער ווערט פאַרשלאָפן מיט א צופרידן, זיס שמייכעלע און מיטן באַוואוסטזיין, אַז די מענטשן שטאַרבן דאָך...

דאָס איז פאַר אים די שענסטע טייל פון טאָג. די רעשט פון טאָג גייט שוין מיט זיין לאַנגווייליקן און מאָנאָטאָנעם ריטם. פון צייט צו צייט פאַלט אריין א קליענט, וואָס נעמט א לויה אויף אויסצואָלן; א

טעלעפאָן רופט פון עפעס אַ קבצן, וואָס וויל אַריבערשווימען דעם „סטיקס״ אין אַ סאָסנאָווער טרומנע, אַ ביליקע לויה.

עס איז נישט דער ריטם, עס איז נישט די לעבעדיקע באַוועגונג, אויף וועלכער ער וואַרט און קוקט אויס.

בלייבט דער באַלעבאָס פון טויטן־געשעפט אומצופרידן, פאַרביטערט, מיט אַ ברענעניש אויפן מאָגן, און טראַכט, אַז די מענטשן זיינען די אומדאַנקבאַרסטע באַשעפענישן... ערשט איינגעשאַפט זיך צוויי קויל־שוואַרצע אָגערס און געלאָזט איבערלאַקירן אַלע טויטן־וועגענער, וואָס האָבן איצט אַ מאַיעסטעטישן, שוואַרצן שפּיגל־גלאַנץ... אָבער די מענטשן שאַצן דאָס נישט אָפּ, ניין. זיי ווילן זיך בעסער אַרומשלעפּן אין די היצן, אָפּגיין אין שוויים, איידער איבערצושפּאַצירן זיך אין זיינע לוקס־קאַרעטעס...

אין די הייסע טעג, ווען דער דרויסן איז אָנגעגליט מיט פייער און דער אַספאַלט פון דער גאַס קלעפּט זיך צו די טריט, איז דאָרט אינעווייניק אין דעם טויטן־געשעפט, קיל, שאָטנדיק, אַ מחיה. עס דערמאָנט עפּעס אין דער שאָטנדיקער קילקייט (אָדער קילער שאָטנדיקייט) פון דער וועלט, וועמענס פאָרטרעטער דאָס געשעפט איז. זיצט זיך דער באַלעבאָס אונטער דעם ווענטילאַטאָר און דרעמלט און חלומט מסתמא וועגן מאַסן־לויות, וועגן עפּידעמיעס...

.5

ווען איך גיי פאַרביי דעם געשעפט, און איך טו דאָס עטלעכע מאָל דורכן טאָג, מעסט מיך אָפּ דער באַלעבאָס פון טויטן־געשעפט פון קאָפּ ביז די פיס. ווען ער שטייט גראַד אויף דער שוועל פון זיין געשעפט, קוקט ער מיר לאַנג נאָך, פאַרפאָלגט מיך מיטן בליק און באַדויערט מיך מסתמא, פאַרוואָס איך וועל זיך נאָך מוזן אַרומדרייען אויף דער וועלט, ווער ווייס וויפיל יאָרן...

פון זיין בליק אויף מיינע פּלייצעס ווערט מיר אומבאַקוועם, אַ קעלט גייט מיר דורך. עפּעס מעסט ער מיך, עפּעס רעכנט ער. עס קאָן זיין, אַז מיין מעטער מיט 78 די הויך רופט אַזוי זיין אויפמערקזאַמקייט און דערמאָנט אים עפּעס אין אַ גרויסן נומער טרומנע, וואָס שטייט ביי אים אין לאַגער און וואַרט אויף אַ קליענט... מיר אָבער ווערט קאַלט פון זיין בליק און פון זיין מעסטן מיך מיטן אויג.

כדי אויסצומיידן דעם בליק און פאַרטרייבן אים ווי אַ זלידנע פליג, שפּאַן איך פאַרביי דעם געשעפט מיט אַ פאַרגיכערטן ריטם. מיט אַ כיוון הויב איך אויף און גלייך אויס מיינע פּלייצעס און גיס־אָן מיינע מוסקולן מיט ענערגיע, מיט לעבנס־לוסט.

ווערט אָבער אויך זיין בליק שאַרפער, דרייסטער, אַרויסרופנדיקער.

און אַזוי גייט אָן אַ שטילער און עקשנותדיקער קאַמף צווישן דעם באַלעבאָס פון טויטן־געשעפט און מיר. ער וויל מיך איבערצייגן אַז עס איז נישט כדאַי צו לעבן, אַז נאָר ביי אים אין געשעפט און דורך זיין פאַרמיטלונג קאָן מען באַקומען די לאַגישסטע און איינציקע לייזונג... און איך, מיט אַ זאָרגלאָזער מינע און מיט אַ געמאַכטן הייטערן אויסזען, מאַך צו נישט און וואַרף אָפּ זיינע אַלע אַרגומענטן.

.6

און עס גייט אָן אַ שטומער אָבער פאַרביסענער קאַמף צווישן מיר און אים, אַ קאַמף אין וועלכן יעדער באַנוצט די בעסטע אַרגומענטן.

אָט איז איינער פון די דיאַלאָגן, וואָס מיר פירן צווישן זיך:

איך: ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר גלוסט זיך מיר לעבן.

ער: עס וועט דיר אַ סך פריער פאַרמיאוסט ווערן.

איך: דווקא די עלטערע יאָרן זיינען שיין צו לעבן, ווען עס ווערן פאַרשווייגן די ליידנשאַפטן און עס קומט נאָכן שטורם אַ גוטע און אידילישע רואיקייט.

ער: אָן שטורם, אָן די ברויזנדיקע ליידנשאַפטן, איז דאָס לעבן קיין לעבן נישט.

איך: גענוג שיינקייט איז פאַראַן אין לעבן אפילו אָן דער ליידנשאַפט. נישט נאָר דער שטורעמדיקער ים איז שיין, אויך די רואיקע, פאַרשלאָפענע אָזיערע האָט זיך איר שיינקייט.

ער: רעדסט ווי פון אַ ביכל אַרויס, אָן דערפאַרונגען.

איך: אָבער לעבן איז דאָך כדאַי!

ער: דאָ ליגט טאַקע דיין טעות.

איך: ווי שלעכט, ווי ביטער עס קאָן זיין דאָס לעבן, איז נאָך ערגער און ביטערער דער טויט.

ער: דאָס איז איינע פון די נאַרישסטע פאָרורטיילן וואָס מיר האָבן

וועגן טויט. דער טויט קאָן זיין שיין און אינטערעסאַנט, אויב מ׳קאָן אים נאָר ווי געהעריק איינאָרדענען...

איך: מיינסט די לויה?

ער: יאָ, טאַקע דאָס מיין איך. פאַרלאָז זיך מיט דעם אויף מיר. דער טויט, פונקט ווי יעדע אַנדערע סחורה, דאַרף ווערן שיין פאַרפּאַקט...

:: :: ::

און אַזוי האָלט אָן טאָג־טעגלעך דער קאַמף צווישן אים און מיר. און כדי אים צום איבעריקן איבערצייגן, אַז איך האַלט נאָך זייער ווייט פון זיינע אַרגומענטן, גיי איך אַמאָל אַריין צו אים אין געשעפט, צו קלינגען דורך זיין טעלעפאָן.

הויך און דרייסט און מיט אַ געפיל פון רייצן זיך מיט אים, שמועס איך זיך דורך מיט מיינער אַ באַקאַנטער און רעד זיך אָפּ צו טרעפן מיט איר.

דאָס ווירקט אויפן באַלעבאָס פון דעם טויטן־געשעפט ווי איך וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלטע וואַסער. דאָס צייגט אים אויף אַן אמת איבער, אַז ער האַלט נאָך מיט מיר גאָר פון פאַרנט. אַ פּיל בעסערן איינ־דרוק וואָלט אויף אים געמאַכט, ווען ער הערט ווי איך רעד מיט מיין דאָקטער און באַראַט זיך מיט אים וועגן עפּעס אַ מיחוש...

אָבער ער האָט, ווייזט אויס, נישט אויפגעגעבן די האָפענונג מיך צו געווינען פאַר אַ קליענט.

ווען ער זעט מיך פאַרבייגיין זיין געשעפט, קוקט ער מיר נאָך אַלץ שעלמיש נאָך און טראַכט זיך: „ער וועט זיך פון מיינע הענט נישט אַרויסדרייען״...

שטאָטישער ריטם

תפיסות מיט באַקוועמליכקייטן

די אור־סיבה פאַרוואָס מענטשן האָבן זיך צוזאַמענגענומען אויף צו וואוינען צוזאַמען, צונויפגעדריקט אין שטעט — איז געווען צו העלפן זיך, צו פאַרגרינגערן זיך.

אָבער דאָס לעבן אין דער גרויסער שטאָט ווערט גראָד וואָס אַמאָל שווערער און באַשווערטער.

און נאָך אַ וויכטיקע סיבה איז געווען, וואָס האָט באַוואויגן דעם אַמאָליקן מענטשן צו בויען שטעט. דאָס איז געווען דער געפיל פון שרעק, דער געפיל פון איינזאַמקייט, וואָס האָט באַהערשט דעם פרימיטיוון מענטש. ער האָט געוואָלט זיין נאָנט, צוזאַמען מיט מענטשן, אַזוי איז פרייליכער, אַזוי איז מען זיכערער.

אָבער דאָס לעבן אין די גרויסע, מאָדערנע שטעט ווערט וואָס אַמאָל טרויעריקער און מען פילט זיך דאָ איינזאַם און עלנט.

די היינטיקע מאָדערנע שטאָט האָט שוין דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה פון שלימות אין דעם זין, אַז יעדער פון די איינוואוינער פילט זיך גלייך ער וואָלט געווען פאַרשפּאַרט אין אַ קליינער פעסטונג, אין אַ בעטאָנענער קאַמער מיט אַ נומער.

דידאָזיקע הייזער האָבן טאַקע אַ סך באַקוועמלעכקייט, מיט באַוואָרענישן קעגן היץ און קעלט, אָבער מיט די אַלע מעלות זיינען די דעפּאַרטאַמענט־הייזער — ווי מאָדערנע טורמעס.

און פונקט ווי אַרעסטאַנטן זוכן דורך אַלע מיטלען צו באַפרייען זיך, צו אַרויסרייסן זיך פון זייערע פאַרמאַכטע, פאַרשלאָסענע צעלן, אַזוי טוען עס אויך די איינוואוינער פון די מאָדערנע דעפּאַרטאַמענטן. זיי גראָבן נישט קיין טונעלן, זיי זעגן נישט קיין גראַטעס, — זוכן זיי דאָס צו דערגרייכן דורך ציען זיך.

אין ערגעץ ציט מען זיך נישט אזוי, ווי אין די גרויסע שטעט. די איבערצי־געזעלשאפטן מאכן דא גלענצנדיקע געשעפטן.

ציען זיך — דאס זיינען די ראנגלעניש, די פרואוון פון וועלן זיך ארויסרייסן, דאס וועלן פארבייטן איין צעל אויף א צווייטער. ס׳איז שווער א יאר צייט צו קוקן ארויס אויף דער קעגנאיבערדיקער פוסטער, מרה־שחורהדיקער וואנט...

:: :: ::

אין די גרויסע בלאקן פון צעמענט, שטאל און בעטאן, ראנגלען זיך, צאפלען זיך מענטשן אין די נעצן פון איינזאמקייט — איינגעשלאסענע, פארמאכטע, אפגעזונדערטע.

פונקט אנטקעגנאיבער דער טיר פון דיין דעפארטאמענט — ווערן דארט, קאן זיין, מענטשן צעריסן פון פיין, פון בענקעניש, פון איבערלע־בונגען שווערע. מיט דיינס אן ערלעך און גוט מענטשלעךווארט, מיט דיינעם א שמייכל, וואלסטו זיי געקאנט פארגרינגערן, וואלסטו געקאנט זיין א טרייסט פאר זיי.

אבער די שווארצע טירן מיט די נומערן שטייען פארמאכטע, פאר־שלאסענע מיט זיכערע „זשאלע״־שלעסער.

דארט, אויף יענער זייט טיר, איז א פרעמדע און ווייטע טעריטאריע פאר דיר, און די מענטשן זיינען דיר פרעמדע, פארדעכטיקטע.

— שוין פיר יאר — הערט מען זיך בארימען, אז איך וואוין דא, און איך קען זיי נאך אלץ נישט, די פון אנטקעגנאיבער. ווייטער פון א „בוען דיא״ גייט דאס נישט.

די פרעמדקייט און אפגעזונדערטקייט איז שוין געווארן א סטיל, א סימן פון פיינער, גרויסשטאטישער דערציאונג און מען בארימט זיך דער־מיט, מען שטעלט זיך דערמיט אוים, ווי מיט איידעלע מענטשלעכע מידות.

מען ווייסט שוין פיל מער וואס עס טוט זיך אין א ווייטער שטאט ערגעץ אין כינע, איידער אין איינעם פון די שכנותדיקע דעפאר־טאמענטן...

אמאל, אמאל רייסט זיך ארויס דורך די פארשלאסענע טירן א גע־שריי, א געשריי פון פיין, פון מאכטלאזיקייט, אדער גאר א הילפס־רוף, עפענען זיך אויף א ווײַלע די טירן און עס קוקן ארויס דערשראקענע, נייגעריקע פנימער: „וואס איז געשען?״ און באלד פארהאקן זיך ווידער די טירן און עס ווערט אויסגעלאשן צוריק דער אויפגעוואכטער אינטערעס.

דער, וואָס ווייסט וועגן אַלץ, וואָס עס פּאַסירט הינטער די טירן פון די פאַרשלאָסענע דעפּאַרטאַמענטן, איז דער „פּאָרטערא". אַלע סודות, אַלע געהיימענישן זיינען פאַר אים נישט פאַרהוילן, אָבער ער איז געגוג פּראַקטיש דער פּראַקטיש־גאַזשעגישער „פּאָרטערא" צו שווייגן.

דער פּאָרטערא האָט זיין אייגענעם מאַסשטאַב צו מעסטן די איינוואוינער פון זיין הויז. דער מאַסשטאַב איז דאָס טרינק־געלט, וואָס ער באַקומט יעדן אָנהויב פון מאָנאַט.

לויטן טאָן פון דעם „בוענאָס דיאַס" און „בוענאָס טאַרדעס", וואָס ער טראָגט אַנטקעגן יעדן פון די איינוואוינער, קאָן מען לייכט דערקענען וויפיל טעג עס איז שוין אין מאָנאַט. ווייל מיט דער מאָס, וואָס מען דערווייטערט זיך פון דעם ערשטן, וועפּט זיך אויס בהדרגהדיק דער איינדרוק פון דעם באַקומענעם טרינק־געלט...

די איינציקע, וואָס פאַרבינדן אַביסל די דעפּאַרטאַמענטן און האַלטן אין דעם קאָנטאַקט צווישן זיי, זיינען די „לעטשעראָס" און אַלע אַנדערע באַשפּייזער און פאַרזאָרגער. דורך זיי קאָן מען אַמאָל געוואויר ווערן עפּעס אַ לעצטע נייעס וועגן אַ דעפּאַרטאַמענט, אָדער שטאָק.

ווערט מען דורך זיי געוואויר, אַז אין דעפּאַרטאַמענט „בע" האָט די פרוי — ערשט זיבן חדשים נאָך דער חתונה — איבערגעלאָזט דעם מאַן אירן. און זיי וויסן אויך צו דערציילן, אַז די דינסט־מיידל פון „עפּע" איז אַוועק אין „מאַטערנידאַד"...

:: :: ::

עס צאַנקען די קינדער צווישן די בעטאָנענע ווענט פון די דעפּאַרטאַמענט־הייזער. פּונקט ווי געפאַנגענע היהלעך אין אַ שטייג צאַפּלען זיי זיך אין די אָפּגעשלאָסענע דעפּאַרטאַמענטלעך, וואו יעדער שפּאַן איז אויסגעמאָסטן.

די באַלעבאַטים פון די דעפּאַרטאַמענט־הייזער פאַרדינגען נישט גערן זייערע דירות צו פאַמיליעס מיט קינדער. קינדער, ווייסן זיי, די באַלעבאַטים, האָבן ליב צו שרייבן אויף די ווענט; קינדער האָבן אַ טבע צו וויינען, ווען עס טוט זיי ווי און זיי זיינען אַ בונטאַרישער און צעשטעדערישער עלעמענט, וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אין דעם שטייגער און רעגלאַמענט פון „תפיסה־לעבן".

דערפאַר אָבער זיינען זיי, די אייגנטימער פון די הייזער, גענוג טאָלעראַנט צו די קינדער, וואָס ווערן געבוירן אין דעם הויז. דאָ זיינען זיי

שוין פשוט אומבאַהאָלפן און זיי קאָנען נישט אויסאיבן קיין שום גע־בורט־קאָנטראָל אויף זייערע איינוואוינער...

עס איז ממש אַ צער צו קוקן אויף זיי, אויף די קינדערלעך, וועלכע עס האָט אָפּגעגליקט אָנצוהויבן זייער לעבן אין דעם שאָטן פון מאָדערנער אַרכיטעקטור. אינעווייניק אין דעפּאַרטאַמענט איז ענג, נישטאָ וואו זיך אַ ריר צו טון. אומעטום — ווענט, אומעטום — די גלייכע, קאַלטע און אכזריותדיקע ליניעס.

און גלאַט, ווי קאָן דאָס אַ קינד זיין איינגעשלאָסן אַ גאַנץ קיילעכ־דיקן טאָג? אַ קינד, וואָס מאַכט דורך אין זיין אַנטוויקלונג די פאַזע פון אַ פּרימיטיוון מענטשן, מוז האָבן קאָנטאַקט מיט מענטשן, צו שעפּן פון זיי דערפאַרונג.

וואָס זאָל טון דאָס קינד מיט זיין פרייד און מיט זיין ענערגיע צווישן די אָפּגעשלאָסענע ווענט? רייסט עס זיך אַרויס אין קאָרידאָר אריין — אַ לויף, אַ שפּרונג־געבן, אַ געשריי־טון, אָדער סתם אָנקלינגען אין אַ שכנותדיקער טיר, צו ווייזן די שפּילעכלעך וואָס מ'האָט אים געקויפט צו זיין געבורטסטאָג.

וואַקסט־אויס באַלד דער „פּאָרטעראָ" אַ דערשראָקענער:

— „פּאָר פאַוואָר, סעניאָראַ!" ווען דער אַדמיניסטראַטאָר זאָל דאָס זען, איז ער אומגליקלעך...

אַזוי פיל האָפענונגען, אַזוי פיל גלויבן פאַרבינדט מען מיט דעם אויפגייענדיקן מענטשן, און אָט אין דער פאַרמאַכטקייט און אָפּגעשלאָסנ־קייט דאַרף דאָס קינד זיך אָנעמען מיט שיינקייט, אָנעמען זיך מיט גוטס־קייט, מיט ליבע און פאַרשטענדעניש פאַר מענטשן.

פון אָט דעם פאַרשלאָסענעם, אויסגעמאָסטענעם דעפּאַרטאַמענט, וויל מען, אַז עס זאָלן אויפוואַקסן קינדער, וואָס זאָלן ליב האָבן די מענטש־געזעלשאַפט, און אַז ער זאָל זיין גרייט זיך מוסר נפש זיין פאַר איר.

איז פאַראַן נאָך אַ גרעסערער ליגן, אַ גרעסערער אַבסורד?

אַ חסד נאָך די פאַרשיידענע מינים קוקאַראַטשעס, וואָס פּרוכפּערן און אַכפּערן זיך אַזוי אין די מאָדערנע דעפּאַרטאַמענט־הייזער. זיי, די דאָזיקע מיאוסקייטן, צעשטרייען אַביסל דאָס מאָנאָטאָנע תפיסה־לעבן פון קינד. זיי, די דאָזיקע שרצים זיינען די איינציקע בעלי־חי, מיט וועלכע דאָס קינד קומט פראַנק און פריי אין באַרירונג אין זיין פאַרשלאָסנקייט.

::: :: ::

אין די דעפּאַרטאַמענט־הייזער, ווי אומעטום צווישן מענטשן, שאַפן זיך פאַרשיידענע קלאַסן צווישן די איינוואוינער. אומעטום שאַפן זיך שוין אַזעלכע, וואָס האַלטן פאַר באַרעכטיקט, אַז זיי זיינען די אויסדער־וויילטע און אַז די זון שיינט נאָר צוליב זיי און נאָר פאַר זייערטוועגן.

דאָ זיינען עס די, וואָס פאַרנעמען די פראָנט־דעפּאַרטאַמענטן, די וואָס האָבן פענצטער צו דער גאַס. צוליב דעם האַלטן זיי זיך פאַר מיוחסים, זיי האָבן אַן אויסגאַנג, אַן אויסקוק צו דער וועלט, גלייך ווי עס האַלטן זיך פאַר מיוחסים די פעלקער, וואָס האָבן אַן אויסגאַנג צום ים.

זייער מיוחסדיקע אָנגעבלאָזנקייט פילט מען בשעת די צונויפטרעפן אין דער ווינדע. בכלל איז די ווינדע אַן אָרט וואָס שאַפט אַ מאָמענטאַגעם קאָנטאַקט צווישן די איינוואוינער פון הויז, אַן אָרט וואו מען ווייזט זיך אַרויס אַן איבערגעטריבענע העפלעכקייט.

נאָר פרעמדע זיך מענטשן קאָנען זיין סכנותדיק העפלעך.

אויף איין מאָמענט נאָר פירט צונויף די ווינדע די ווילד־פרעמדע זיך מענטשן, און באַלד פאַרשווינדן זיי אויף אַלע שטאָקן. יעדער צו זיין נומער, צו זיין טיר.

עס ווילט זיך עפּעס וויסן וועגן די מענטשן, עפּעס וויסן וועגן זייער לעבן, וועגן זייערע זאָרגן, שוועריקייטן און בענקעניש. אָבער דו מוזט מאַכן דעם שטעל פון אַן אַקטיאָר און שפּילן די ראָל פון אָפּגעשלאָסנקייט, מאַכן דעם אָנשטעל, אַז די מענטשן זיינען דיר אינגאַנצן גלייכגילטיק, אכזריותדיק גלייכגילטיק.

נישט אַלע איינוואוינער קאָנען זיך אָבער איינלעבן, צופּאַסן זיך צו דער פאַרשלאָסנקייט און איינזאַמקייט. די מער אויפריכטיקע, אונטערן דרוק פון בענקעניש און איינזאַמקייט, גייען זיי אַראָפּ און שטעלן זיך אוועק אינעם אריינגאַנג פון הויז און קוקן אויף דורכגייער. עפּעס ווערט פריילעכער, אויפגעלייגטער, אַז מען קוקט אויף מענטשן, מעגן זיי זיין אומבאַקאַנטע, ווילד־פרעמדע.

אַנדערע ווידער — אַזעלכע זיינען פאַראַן געציילטע נאָר — עפענען אויף די טירן פון זייערע דעפּאַרטאַמענטן און זיי באַנוגענען זיך מיט אַרויסקוקן אין קאָרידאָר אַריין אויף די גלאַנציקע, טרויעריק־גלאַנציקע מאָסאַיקאָס.

און די מער באַהאַלטענע, די גאָר דיסקרעטע, זיי באַהאַלטן זיך אויס מיט זייער בענקעניש, מיט זייער שוואַכקייט. ווען זיי הערן טריט אין קאָרידאָר, עפענען זיי קוים־קוים די טיר פון דעפּאַרטאַמענט און דורך אַ

קוים זעבארן שפאלט קוקן זיי ארוים און זיי שטילן דערמיט זייער הונגער־בענקעניש נאך מענטשן, אדער גאר קאפויר — די בענקעניש ווערט דער־מיט נאך מער צערייצט.

עס ליגט זיך שווער דער מאדערניזם אויפן מענטשן.

:: :: ::

און אמאל, אמאל, טרעפט, אז מען קומט אהיים אין אוונט פון דער ארבעט, א מידער, א צעטראגענער, און מען גיט זיך נישט אפ קיין רע־כענונג דערביי, אז מען פארבלאנדזשעט צו א פרעמדער טיר, אויף א שטאק העכער, אדער נידעריקער.

שליסט מען מיטן שליסל און מען שליסט און די טיר עפנט זיך אויף, אבער נישט פון דיין שליסל, נאר פון אינעווייניק האט מען זי געעפנט, און מען בלייבט שטיין, אן אויסגעניכטערטער, קעגנאיבער א בייז און שטרענג פנים, וואס קוקט אויף דיר מיט פארדאכט פון א פארברעכער...

עס ווערט דערנאך טרויעריק, שטארק טרויעריק פון אזא אומגעריכטער און אומהיימלעכער באגעגעניש.

דער טראַמוואַי

.1

דער טראַמוואַי איז אַן גוזמא איינע פון די דעמאָקראַטישסטע אינס־טיטוציעס אין שטאָט.

אַ דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע אויף רעדער. עס קומט דאָך אויס, אַז דער טראַמוואַי וואַרט נישט ביז די מאַסן וועלן קומען צו אים, נאָר ער זוכט זיי אויף.

און די דעמאָקראַטיע איז דאָ אַ נאַטירלעכע, אַן אָרגאַנישע, דער טראַמוואַי האָט אַ גלייכע באַציאונג צו אַלע גאַסן און צו אַלע פּאַסאַזשירן (אויב זיי האָבן נאָר נאַטירלעך די צען סענט).

און באמת, וואָס איז דען דעם טראַמוואַי פאַר אַן אונטערשייד, צי זיינע פּאַסאַזשירן זיינען אַנאַלפאַבעטן, אָדער געלערנטע, גרינס־הענדלער, דינסט־מיידלעך אָדער גאָר מעדיקער, מיליאָנערן צי קבצנים?

זעלטן צו טרעפן נאָך אַזא דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע, וואו די אָנ־געשטעלטע זאָלן טון זייער אַרבעט מיט אַזוי פיל באַשיידנקייט און ער־לעכקייט. די אָנגעשטעלטע פון טראַמוואַי ווייזן נישט אַרויס קיין שום סימנים פון ביוראָקראַטיע.

די געשעפטלעכע זייט מיט די פּאַסאַזשירן איז דאָ אַזאַ ראַיעלע און פּשוטע, אַז עס איז לגמרי נישטאָ קיין אָרט פאַר פּריווילעגיעס, אָדער פאַר פאַלשקייטן.

אַמאָל, אַמאָל, טרעפט, אַז דער בילעטן פאַרקויפער גיט אַ רעשט מיט צען סענט ווייניקער פון אַ פּעזע, אָבער ער טוט דאָס נישט חלילה צוליב געלט־גייציקייט, נאָר צוליב ספּאָרט, צוליב שפּיל, און ער דאַרף צוליב דעם נישט פאַרלירן אונדזער צוטרוי.

דער טראמוואי, דער אזוי פּאָפּולערער און אזוי נוצלעכער טראמוואי, האָט זיך איינגעבירגערט, נישט אָן שוועריקייטן. ער האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גלגולים, דורכגעמאַכט דעם וועג, וואָס פירט פון פערד צום עלעקטרישן מאָטאָר.

אין די לעצטע יאָרן האָט דער טראמוואי אויסצושטיין גרויסע אטאַקעס פון שטאַרקע קאָנקורענטן. דאָס איז דער אָמניבוס און דער „קאָלעקטיווא". און דידאָזיקע אטאַקעס האָבן אים א היפּש ביסל צעטרייסלט.

שלעפּט ער זיך טאַקע אונטער דער אייגענער באַגלייטונג פון זיינע לויד־געוואָרענע שרויפן.

אויך דער אָמניבוס און דער קאָלעקטיוואָ טוען טאַקע די זעלבע אַרבעט וואָס דער טראמוואי, אָבער עס איז נישט דאָס.

בשעת דער טראמוואי האלט זיך פעסט לויט זיין אָנגעצייכנטער ליניע פון דעם קלאַסישן גאָלדענעם מיט, דערלויבט זיך שוין דער אָמניבוס צו מאַכן געוויסע אָפּנויגן. דער אָמניבוס איז נישט צוגעבונדן צו קיין ליניע און ער ווערט געטריבן פון אייגענע און נייע אימפּולסן, אימפּולסן, צו וועלכע נישט אַלע קאָנען זיך צופּאַסן.

אָן אָמניבוס קאָן מען זייער לייכט פאַרשפּעטיקן, פאַרלירן...

א שטאַרקן און געפערלעכן ריוואַל האָט דער טראמוואי אין דעם „קאָלעקטיוואָ". מיט זיין גיכקייט און דינאַמישקייט און מיטן געבן דעם שאָפער דיקטאַטאָריעלע פונקציעס, איז ער א בולטער אָנדייט פון אולטראַ מאָדערנע „פילאָזאָפישע" השפעות פון רעזשימען, וואָס זיינען אויסגעשפּראָכן פיינטלעך צום דעמאָקראַטישן טראמוואי...

איז אייך קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, אז דער „קאָלעקטיוואָ" זוכט פאַר זיך אין די הינטערשטאָטישע געגנטן נייע טעריטאָריעס פאַר לעבנס־רוים?...

מען הערט היינט — דאָס איז דאָך אזוי אין דער מאָדע — א סך מורמלערייען קעגן דעם פּאַציפישן טראמוואי. א סך שטאָטישע אינזשעניערן קאָנען נישט פאַרטראָגן זיין רואיקייט, זיין אויסגעהאַלטענעם רואיקן ריטם.

און ווער ווייס וואָס עס קאָן מאָרגן פּאַסירן מיטן טראמוואי? זאָלן אים דידאָזיקע שורות דינען פאַר א הספד, אויב דאָס וועט פּאַסירן.

מיטן אַראָפּנעמען דעם טראמוואי וואָלט פאַרשוואונדן פון דער שטאָט די לעצטע שפּור פון ראָמאַנטישקייט. די לעצטע שפּור פון געמיטלעכקייט. אַלע אַנדערע טראַנספּאָרט־מיטלען אין שטאָט זיינען צו־מעכאַניזירט און

דאָס פּאָרן איז גישט קיין שום איבערלעבונג, נאָר א ריין - מעכאַנישע פונקציע.

דאָס טראַמוואַי־פּענצטער פאַרטרעט דעם אַמאָליקן קאַמין...

דאָס טראַמוואַי־פּענצטער איז איינס פון די שטילע ווינקעלעך, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן דעם שטאָט־מענטש, אַן אָרט וואו ער קאָן זיך לאָזן פאַרטראָגן אויף די פליגלען פון בענקעניש און טרוימערייען.

דער שטאָט־מענטש פאַרברענגט א גרויסע טייל פון זיין לעבן אין טראַמוואַי. דאָ פילט זיך נאָך דער מענטש פריי. דאָ האָט ער צייט א טראַכט צו טון וועגן זיך און אויך וועגן אַנדערע.

דער טראַמוואַי איז א בכבודע און נוצלעכע אינסטיטוציע אין שטאָט.

.2

דאָ, אויפן טראַמוואַי, שטעלט זיך איין א קאָנטאַקט מיט מענטשן. די פּאַסאַזשירן וואָס דו באַגעגנסט זיי יעדן טאָג ווערן דיר נענטער, היימי־שער און זיי ווערן דיר —

טראַמוואַי־ברידער און טראַמוואַי־שוועסטער...

און עס טרעפט, אז עס פאַרשווינדט מיטאַמאָל פון טראַמוואַי איינער פון די געשוואוירענע פּאַסאַזשירן, ווערט מען אויף אַן אמת באַאומרואיקט. האָט מיט יענעם אַן אומגליק פּאַסירט, אָדער איז ער גאָר אויפגעריכט געוואָרן?

און נאָר דער גוואַרדאַ, נאָכפרעגנדיק זיך ביי אים וועגן די פּאַסאַ־זשירן, באַשיידט דיר דאָס רעטעניש:

— די „רוביאַ" יענע האָט שוין חתונה געהאַט.

— און יענער, מיט די וואָנצעלעך איז געשטאָרבן. געשטאָרבן!...

א טראַמוואַי מיט פּאַסאַזשירן שטעלט מיט זיך פאָר א גאַנצע וועלט אין מיניאַטור. אַלע שיכטן פון אונדזער געזעלשאַפט זיינען דאָ פאַרטראָטן (אויסער די גאָר אויבערשטע).

אין אַלע שעהן פון טאָג איז דער טראַמוואַי אינטערעסאַנט, און גאָר באַזונדער — ביינאַכט. ביינאַכט איז דאָס פאָרן מיטן טראַמוואַי ממש אַן איבערלעבונג. דער טראַמוואַי צוזאַמען מיט די פּאַסאַזשירן זיינע קוקט אויס ווי א סימבאָלישע דערשיינונג.

איבער האַלב־טונקעלע און ליידיקע גאַסן מיט הייזער פאַרזונקענע אין שלאָף, יאָגט זיך דורך דער טראַמוואַי, א געהיימענישפולער, א מיס־

טעריעזער מיט זיין פּאסאזשירן־באגאזש.

פּאַרשטייער, קינדער פון פאַרשיידענע פעלקער פירט ער מיט זיך, דער טראַמוואי.

ווען עס זאָל געשען עפּעס א קאַטאַסטראָפע מיט דער וועלט און נאָר א טראַמוואי מיט פּאסאזשירן זאָל אָפּגעראַטעוועט ווערן, וואָלט מעגלעך געווען מיט די פּאסאזשירן צו רעקאָנסטרואירן א גרויסע טייל פון דער מענטשהייט.

עס זיצט אונדזער סטודענט א בלייכער, א נישט אויסגעשלאָפענער. ער רייסט נישט אָפּ זיין בליק פון די זייטן פון דעם דיקן מעדיצינישן בוך וואָס ער האַלט פאַר זיך. אין געציילטע טעג אַרום דאַרף ער האָבן עקזאַמענעס, און ער חזרט איין די שווערע און פאַרפּלאָנטערטע נעמען, טערמינען.

און ווען דער ריטם פון טראַמוואי באַהערשט אים און פאַרקלעפּט אים אויף א מינוט זיינע מידע אויגן, דערזעט ער זיך אין זיין ווייסן דאָקטאָרסקען כאַלאַט מיט דער שילד אויף דער טיר. לייגט זיך דעמאָלט א שמייכל אויף זיין בלייכן פּנים, די שילד דאַרף אים פאַרגיטיקן פאַר זיין געפּטרטער יוגנט...

א שיכורער איטאַליענער פאָרט, אויף דער וואָך־נאַכט ביי זיין געשטאָרבענעם לאַנדסמאַן האָט ער זיך היינט אָנגעשיכורט. האָט דער וויין אַרויסגערופן אין זיינע דערינערונגען ווייטע מאָטיוון, לידער פון זיין געבורט־דאָרף אין קאַלאַבריע, פון וואַנען ער איז אַוועק זוכן ברויט. זינגט ער מיט מתיקות און מיט בענקשאַפט אין טראַמוואי. קיינער פון די פּאַסאַזשירן שטערט אים נישט, זיי האַלטן דאָס פאַר א נאַטירלעכקייט.

עס פאָרט אויך א גלח א שפּאַניער. פון צענטער פאָרט ער. פון וואַנען פאָרט דאָס א גלח אַזוי שפּעט ביינאַכט פון צענטער?

דאָס איז די פראַגע, וואָס ליגט ביי יעדן פּאַסאַזשיר אויף דער שפּיץ צונג. אין די פאַלדן פון זיינע קאַזיאָנע, גייסטלעכע מלבושים באַהאַלט ער אויס, וועך וויים וואָס פאַרא אומרואיקייט און ספקות. דער גלח האַלט פאַר זיך דעם נייעם טעסטאַמענט — אָבער צי לייענט ער טאַקע מיט כוונה אָדער האַלט ער נאָר דאָס ספר פאַר א שילד?

אויף דער דריטער באַנק רעכטס זיצט א יונגע וויקטאָריאַ, מיט א קאָפּ בלאָנדע האָר, און מיט א טונקעלן צוואַואוקס. זי אַרבעט אין א קאַפע אין צענטער, און איצט פאָרט זי אַהיים. עס באַגלייט זי א גלאַט

פאַרקעמטער יונגערמאַנטשיק, איינער פון די קאָפּע־זיצער פון איר קאָפּע, וואָס האָט באַוויזן זי צו געווינען.

עס פאָרט אַ צייטונגס־מענטש. ער האַלט פאַרמאַכט די אויגן, די הענט איבערגעקרייצטע איבער דער ברוסט. אָבער ער שלאָפט נישט. אין געדאַנק קוקט ער איבער זיינעם אַן אַרטיקל, וואָס דאַרף אַרויס אין דער היינטיקער צייטונג, און ער פיבערט פון נייגעריקייט און אומגעדולד, צו זען וואָס פאַר אַ רושם זיין ווערק וועט מאַכן...

און עס פאָרט אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט, וועלכער האָט ביז אין דער שפּעטער שעה „באַאַרבעט" זיינעם אַ קליענט און וואָס וועט זיך שוין פון זיינע הענט נישט אַרויסדרייען.

און די שורה פון די פּערסאָנאַזשן גייט נאָך ווייטער. באַנק נאָך באַנק:

עס פאָרט אַהיים אַ ווירשילאַנט פון זיין דינסט, אַ מאַסאַ פון קאָפּע, אַ יאַפּאָנעזרל, אַ שאָפער און אַנדערע נאַכט־וואַנדלער.

.3

און דער צוזאַמענשטעל פון די פּאַסאַזשירן איז אַזוי קאַלירן־רייך, גלייך אַ געניטע האַנט פון אַ רעזשיסאַר וואָלט זיי דאָ אויסגעזעצט, ווי מען זעצט אוים סטאַטיסטן אויף דער בינע.

און ווי וואונדערלעך, ווי דעקאָראַטיוו זיי זיינען אויסגעזעצט. עפּעס אַ געוויסער סדר, עפּעס אַ געוויסער טיף אינערלעכער צוזאַמענהאַנג און איבערגאַנג איז פאַראַן צווישן זיי.

גייסטו אַמאָל אַרויף אויף אַ טראַמוואַי, זעסטו אַזאַ בילד:

אויף אַ באַנק זיצט אַן אַלט פּאָרל, צוויי איינגעשרומפּענע אַלטע לייט. די נאַטור דאַרף זיי מער נישט. זיי האָבן שוין אויסגעפירט די שליחות פון דער נאַטור. זיצן זיי שווייגנדיקע צווישן זיך, איינגעטרוקנ־טע, פאַרוועלקטע. זיי קוקן אויף יעדן נייעם פּאַסאַזשיר וואָס קומט אין טראַמוואַי אַריין, מיט אַ קינדערשער, תמימותדיקער נייגעריקייט.

און גלייך הינטער זיי האָט דאָס לעבן אַליין אַוועקגעזעצט אַ חתן־כּלה־פּאָרל. זיצן זיי פאַרפלאַמטע, רויטע און זיי האַלטן אין איין שושקען און סודען זיך. זיי זעען דאָ קיינעם נישט אַרום זיך אין טראַמוואַי. זיי זעען נאָר זיך אַליין און זיי זיינען אַריינגעטון אין זייערע באַגערן, אין זייער שליחות, וואָס זיי האָבן אויסצופירן...

דאס גאנצע לעבן אונדזערס מיט אלע זיינע קאנפליקטן שפיגלט זיך אפּ דאָ אויף דער טעריטאָריע, פון דעם האלב־צעשאָטענעם טראַמוואי.

.4

א חוץ דעם איז דער טראַמוואי א קוואַל פון מענטשן־פּסיכאָלאָגיע. דער טראַמוואי גיט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן מענטשן און דערקע־נען זיי.

עס זיינען באַזונדער טשיקאַווע די אומרואיקע פּאַסאַזשירן. פאַראַן א קאַטעגאָריע פּאַסאַזשירן, וואָס קאָנען נישט איינזיצן אויף אַן אָרט. ביי יעדער געלעגנהייט ווען עס לײדיקט זיך נאָר אָפּ א באַנק, זעצן זיי זיך איבער. און אזוי וואַנדערן זיי פון באַנק צו באַנק.

און עס פעלן אויך נישט די רואיקע, די סטאַטעטשנע, די געזעצטע פּאַסאַזשירן, וואָס זוכן נישט קיין נייע טעריטאָריעס און זיי ווערן נישט מיטגעריסן פון אימיגראַציע־שטראָמען.

און ווידער די אזוי גערופענע „עקספּאַנסיאָניסטן". די וואָס צעזעצן זיך אויף דריי פערטל באַנק און עס גייט זיי נישט אָן וואָס די באַנק איז געמאַכט פאַר צוויי פּאַסאַזשירן.

און אין קעגנזאַץ צו זיי — די וואָס ציען זיך איין, שרומפּן זיך איין אין א ווינקעלע, חס ושלום נישט צו באַוועלהנען דעם שכן.

פאַראַן פּאַסאַזשירן, וואָס דאָס פאָרן איז פאַר זיי אַן אָפּקומעניש, גלייך ווי ער וואָלט איינגענומען עפּעס זייער א ביטערע פּיל און זייערע פּנימער זיינען פול מיט פּריקרע גרימאַסן, יעדעס מאָל ווען דער טראַמוואי שטעלט זיך אָפּ, אָדער הויבט אָן גיין. דיזאַזיקע פּאַסאַזשירן זיינען גרייט אויסצולאָזן זייער כעס צום אָרימען גוואַרדאַ.

די זעלביקע פּאַסאַזשירן וויבאלד זיי שטייען נאָר מיט איין פוס אויפן טרעפּל אַראָפּצוגיין, ווילן זיי אָפּווישן, אויסרייסן מיט א געפּיל פון נקמה אלץ וואָס האָט צו טון מיט דער נסיעה, און דאָס ערשטע וואָס זיי טוען איז — אַוועקצוואַרפן דעם טראַמוואי־בילעט.

און פאַראַן אויך פּאַסאַזשירן אַזעלכע, וואָס די טראַמוואי בילעטן בלאַנקען אַרום אין זייערע קעשענעס טעג און צומאָל וואָכן און זיי פאַר־צייכענען אויף זיי אַדרעסן אָדער נוצן אוים זייערע לויף־נומערן אויף איינצוקויפן די גליקלעכע לאָטעריע־צעטעלעך...

זיי אַלע גייען דאָ דורך און באַנוצן זיך מיטן טראַמוואַי און קיינער מאַכט זיי נישט דעם מינדסטן פאָרוואורף פאַר זייערע אייגנשאַפטן.

ס'איז באַזונדערס אינטערעסאַנט צו אָבסערווירן ווי די פּאַסאַזשירן רעאַגירן בשעת דער טראַמוואַי דערנענטערט זיך צו די ערטער וואו זיי וואוינען, דאָרט וואו זיי דאַרפן אַראָפּגיין.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס אַן אומרואיקייט באַהערשט זיי און זיי הויבן אָן צו קוקן אויף רעכטס און לינקס, אַז זיי זאָלן נאָר חס ושלום נישט קיין טעות האָבן. נאָך מיט עטלעכע קוואַדרעס פריער הויבן זיי שוין אָן צוגרייטן זיך צום גרויסן אַקט פון אַראָפּגיין, פון צעשיידן זיך מיטן טראַמוואַי.

אַזעלכע פּאַסאַזשירן זיינען זיכער זעלטענע געסט אויפן טראַמוואַי און דאָס פאָרן איז פאַר זיי נאָך אַ טיפע איבערלעבונג, גלייך ווי אונדזערע זיידעס האָבן אַמאָל זיך געקליבן פאַרבייפאָרן אַ וואַלד.

ביי אַנדערע פּאַסאַזשירן ווידער, די אויסגעדינטע, פּראָפעסיאָנעלע פאָרער, איז אומעגלעך צו דערקענען צי זיי האַלטן שוין ביים אַראָפּגיין און אַלע השערות ווייזן זיך אַרויס נישט ריכטיק.

אַגב, דער אָבסערוואַציע־מאָמענט האָט אויך אַ גאַנץ פּראַקטישן באַדייט און קאָן אָפּטמאָל אויסגענוצט ווערן אויף צו באַקומען אַזוי אַרום אַ זיץ־אָרט אין אַ פול־געפּאַקטן טראַמוואַי...

5.

אין געוויסע שעהן פון טאָג, דאָס איז אינדערפרי, מאַכט דער טראַמוואַי אַן איינדרוק פון אַ לייען־זאַל. אַלע פּאַסאַזשירן זיינען אריינגעטון מיט לייב און לעבן אין די צייטונגען, וואָס זיי האַלטן פאַר זיך און זיי פאַרגעסן צומאָל וואוהין און צו וואָס זיי פאָרן.

אַהאַ, די וועלט־געשעענישן באַקומען זייער שטאַרקן אָפּקלאַנג אין טראַמוואַי.

עס פעלן אָבער אויך נישט די פּאַסאַזשירן, וואָס די סאַמע וויכטיקסטע פון די געשעענישן זיינען נאָר פאַר זיי די רעזולטאַטן פון די פערד־געיעגן און פון די פוטבאָל־מאַטשן.

דערצו דאַרף מען נאָך דערמאָנען, אַז עס זיינען פאַראַן כל המיני פאַרקויפער און נדבה־קלייבער, וואָס ציען פרנסה פון טראַמוואַי.

די טאַשן־ציער האָבן שוין פון לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויפן טראַמ־

וואי. און הגם זיי מאַכן דאָ נישט קיין גאָלדענע געשעפטן (ווייל די, ביי וועלכע עס איז פאַראַן וואָס צו לקחנען, פאָרן אין אייגענע אויטאָס), דער־לייגן זיי אָבער נישט צום טראַמוואי.

דאָס אַלץ גיט צו דעם טראַמוואי קאָליר, גיט אים דעם כאַראַקטער פון אַ פאָלקס־אינסטיטוציע.

נאָר דער אינספעקטאָר איז עפּעס אַ שרייענדיקע דיסאָנאַנס צו דעם פאָלקסטימלעכן און דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון טראַמוואי. דער אינס־פעקטאָר, וואָס קומט יעדע ווײַלע אַרויף בודק זיין די בילעטן, איז אַן אַקט פון אומצוטרוי צו די פּאַסאַזשירן.

און צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן, איז דאָס פאָרן אַמאָל אָן אַ בילעט זייער באַטעמט. האָט איר שוין אַמאָל דאָס געפּרואווט?

6.

אין דער באַוועגונג פון די פּאַסאַזשירן פון טראַמוואי איז פאַראַן אַ גרויסע ענלעכקייט מיטן אויפקום און וואוקס פון אַ באַוועגונג.

צווישן די פּאַסאַזשירן זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס פאַרדינען דעם טיטל פון פּיאָנערן. טאַקע אמתע פּיאָנערן!

זיי זיינען געווען די ערשטע צו זעצן זיך אין טראַמוואי, גלייך ווי ער האָט אָנגעהויבן זיין געוויינלעכן מאַרשרוט, דעם קורס, וואָס הויבט זיך אָן דאָרט ערגעץ אין אַ וויטן פאַרשטעטל.

אין אָנהויב זיינען זיי געווען געציילטע בלויז אין אַ ליידיקן טראַמ־וואי. דערנאָך, שפּעטער, מיט דער מאָס, וואָס דער טראַמוואי דערנענטערט זיך צו דער באַוואוינטער שטאָט, וואַקסט די צאָל פון די מיטגלידער, עס ווערט אַ פולער טראַמוואי מיט פּאַסאַזשירן, און די ערשטע, די פּיאָנערן, ווערן פאַרלוירן צווישן דער גרויסער מאַסע נאָכלויפער...

און פון דעם פול־געפּאַקטן טראַמוואי מיט פּאַסאַזשירן זיינען נאָר גע־ציילטע די, וואָס קאָנען מיטמאַכן דעם וויטן וועג און קומען אָן צום ענדע־ציל.

די מערסטע פון זיי צעלויפן, צעפאַלן זיך אויפן וועג. זיי בלייבן צעשאָטן און צעשפּרייט אויף אַלע גאַסן, אויף אַלע ראָגן...

זעקס אַזייגער פאַרנאַכט
אויף פלאָרידאַ

.1

א שטראָם האָט זיך באַפרייט ערגעץ־וואו פון די קלאַמערן פון א דאַמבע, און עס גיסט, פליִיצט אַן אויפהער.

און דער שטראָם איז אַזאַ זעלטענער, רייך־פאַרביקער — א זעלטענער רעגנבויגן, נאָר דריי מאָל שענער נאָך קאָמבינירט און רייכער אויסגעשטאַט.

ס'איז אַ קאָלירפולער שטראָם פון מענטשן, וואָס שוימט מיט געלעכטער און פרייד און פאַרפליִיצט די גאַנצע ברייט פון דער גלאַנציק־אַספאַלטירטער גאַס — אַ טיש אַן אויסגעגלעטער.

עפּעס אַן אויסטערלישער יום־טוב אין אַ פּראָסטן, וואָכעדיקן טאָג, אַ הערלעכער בלומען יום־טוב.

דער מענטש, מיט אַלע זיינע חסרונות און נאַרישקייטן, לאָזט זיך נאָך אַליין פאַרגלייכן מיט די צאַרטסטע געוויקסן.

נישט זיי גייען, נאָר זיי שוועבן דאָ די מענטשן, מיט אויפגעהויבענע קעפּ — זיכערע, שטאָלצע. דאָס האַרץ וואַקסט פון פרייד און ווערט מיטגעריסן פון דעם גרויסן ספּעקטאַקל.

.2

אַלע די וואָס באַגערן צו האָבן אַן אייגענעם האַרעם, זאָלן דאָ אַהער קומען, דאָ וועלן זיי האָבן פון וואָס אויסצוקלייבן. די סאַמע ראַפינירטסטע געשמאַקן קאָנען דאָ צופרידענגעשטעלט ווערן.

מלכותדיקע פּרויען, זאַרגלאָזע שמעטערלינגן, אויסגערוטע און געפּלעגטע, ווי געזייג־פאַרדלעך. קיין איין מינוט פאַרגעסן זיי נישט אין דער צויבער־קראַפט פון זייערע עלאַסטישע קערפּערס. מיט יעדן טראָט, מיט יעדער באַוועגונג שטרייכן זיי דאָס אונטער...

זייער איינציקע זאָרג איז געניסן, פאַרשווינדן. דער פּרייז איז נישט קיין אַפּהאַלט. אַלע פאַרשלאָסענע טייסטערס און טירן עפענען זיך פאַר זיי; אַלע גלאַנציקע, רייכע שוי־פענצטער זיינען אָנגעגרייט פאַר זיי:

„קומט, און קלייבט אויס!"

ס'איז אַן אָפּגעלעבטע טעאָריע קאָפּערניקס, אַז די ערד דרייט זיך ארום דער זון. ס'אַ ליגן! די ערד, די וועלט אונדזערע דרייט זיך אַרום דער פרוי, אַרום דער שיינער פרוי...

און נאָך אַ פרוי קומט דאָ אַהער אין די פאַרנאַכטן אויף פלאָרידאַ. דאָס איז אַ ווייטע קלאָסן־שוועסטער פון דער ערשטער: דאָס איז די ביוראָ־אָנגעשטעלטע, וואָס טראָגט שטענדיק אַן אילוסטרירטן פרויען־זשורנאַל מיט זיך אונטערן אָרעם.

אַ גאַנצן אַרבעטס־טאָג האָט זי אָפּגעקלאַפּט אויף דער שרייב־מאַשינקע אין די טויזנטער האַנדלס־ און רעגירונגס־ביוראָען, וואָס געפינען זיך דאָ אַרום. דאָס עלעקטרישע ליכט פון די טונקעלע ביוראָ־צימערן האָט געלייגט אַן איידעלע בלאַסקייט אויף איר מיד און באַחנט פּנים.

דאָ, אויף פלאָרידאַ, פאַרגעסט זי אין איר מידקייט. עס וועפּט זיך אויס די פאַרגליווערטקייט פון אַ גאַנצן טאָג זיצן אויף אַן אָרט, און דער קערפּער באַקומט צוריק די עלאַסטישקייט פון אַ שפּרונגפעדער. די גאַס פון רייכקייט און לוקסוס וועקט אויף איר פרויאישן באַוואוסטזיין און עס וואַכן־אויף אירע איינגעשלאָפענע אַמביציעס.

שפּרייזן זיי איבער דער יום־טובדיקער פלאָרידאַ מיט אַ געמאַכטער זאָרגלאָזיקייט און נאַטירלעכער עלעגאַנץ און געשמאַק. זיי ווייסן אַזוי גוט אויסצושטעלן און אונטערצושטרייכן די מעלות פון זייער קערפּער — דאָס איינציקע פאַרמעגן זייערס...

איינמאָל און נאָכאַמאָל זיך דורכשפּאַצירט איבער דער לענג פון פלאָרידאַ — וועלן זיי דערנאָך אַהיימפאָרן מיט די פול־געפּאַקטע אָמניבוסן און סובטעס, מיט אויפגעוואַכטע באַגערן, וואָס זיי וועלן פּרובירן שטילן מיט קאָנפעקציאָנירטע פאַר זיי נאָוועלעס...

און אויף די ראָגן שטייען דאָ גרופּעס מענער, יונגע, עלעגאַנטע — „טאַטעס זינדלעך", רעגירונגס־ אָדער באַנק־אָנגעשטעלטע. זיי קוקן נאָך יעדער פרוי און באַגלייטן זי מיטן בליק און שאַצן, וועגן־אָפּ אירע מעלות...

אַ הונגער, אַן אייביקער הונגער קוקט אַרויס פון זייערע גרויסע, שוואַרצע אויגן. די פרויען ווייסן דאָס, זיי פילן דאָס. מאַכן זיי זייער גאַנג נאָך שטאָלצער, נאָך רייצנדיקער.

.3

אין די שבתדיקע נאַכמיטיקס און אין די זונטיקדיקע פאַרנאַכטן קומט דאָ אַהער די ווײַזשאַ קרעספּער אָרימקייט אונדזערע. דאָס איז זייער טאָג, פלאָרידאַ געהערט דעמאָלט אינגאַנצן צו זיי.

מיט די פרויען און קינדער זייערע קומען זיי אַהער און זיי לאָזן נישט דורך קיין איין שױ־פענצטער און קאָנען זיך גאָרנישט זאַט אָנ־קוקן:

— וואָס זאָגסטו עפּעס, חיים, צו די פּאָר שיכלעך? זיי זינגען דאָך פון פענצטער אַרויס...

און וואָס אַ טריט — אַ נײַ וואונדער, נײַע באַוואונדערונג.

— מאַמעלעך מײַנע! וואָסער רײַכקייט, וואָסער הולטאַיסטווע!

און זיי גלייבן גאָרנישט, אַז עס זײַנען פאַראַן טאַקע אויף אַן אמת אַזעלכע „אויסברענגער", וואָס קויפן דאָס אַלץ, און עס אַרט זיי גאָרנישט צו באַצאָלן פאַר יעדער זאַך דרייפאַך, וויפיל עס קאָסט ערגעץ אַנדערש וואו.

און די קינדער פאַרייסען די קעפּלעך אינדערהויך און ווייזן מיט די פינגערלעך אויף די קאָלירטע נעאָן־שילדן, וואָס צינדן און לעשן זיך מיט אַלע קאָלירן און ליכט־עפעקטן.

און יידישע חתנים קומען דאָ אַהער מיט די כלות זייערע, שפּאַנען זיי נעאַרעמטע, פאַרשעמטע און פאַרקלעמטע פון דעם לוקסוס. שווערט זיך דער חתן מיט אַ פייער אין די אויגן און ער דריקט שטאַרק זײַן כלהס אָרעם:

— סעליאַ! זאָל נאָר מיין נומער אַרויס אַ באַגליקטער דעם פרייַ־טיק, גייען מיר ביידע אַרײַן צו „גוט שאַבעסן" און דו וועסט זיך אויס־קלייבן וואָס נאָר דיין האַרץ גלוסט.

.4

דאָ פאַרקויפט מען אין גאַס מאָדע־זשורנאַלן, מעשהלעך פאַר קינדער און רעצעפּטן צו קאָכן.

די מאָדע און יובעליר־געשעפטן זײַנען פול מיט קונים, קונהטעס דער עיקר. די עלעגאַנטע פאַרקויפערס ווענדן אַן זייערע אַלע מיטלען פון קאָ־קעטעריע און אָראַטאָריע, צו צורעדן, איבערצייגן די פאַרמעגלעכע, אייַ־דל־געבוירענע קליענטנס.

דורך זיידענע טיכלעך רעדט מען דאָ צו זיי. מיט געמאָסטענע ווער־טער. נישט דיסקוטירן מיט די קליענטנס, נאָר אויסהערן זיי און שמייכלען, הנאה־האָבן — מעגן זיי זאָגן די גרעסטע אבסורדן. „דער קונה איז דאָך דער וואָס איז שטענדיק גערעכט״ — איז אַן אַלט סוחרישע לאָזונג, וואָס גיט שטענדיק אַ גוטן רעזולטאַט...

פול זיינען די געשעפטן. ס׳איז פּראָספּעריטעט אין לאַנד! אייראָפּע גרייט זיך צו מלחמה, קויפט זי ברויט, קויפט זי פלייש ביי די אַרגענטי־נער גוט־באַזיצער.

ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט, אַז אין די צפון־פּראָווינצן פון לאַנד ליידן די איינגעבוירענע פון נויט, און די קינדער קומען אין די שולן אומגעגעסן, הונגעריקע, ראַכיטישע?

נאָר די גרויסע בוכהאַנדלונג איז דאָס איינציקע געשעפט דאָ, וואָס פוסטעוועט. די אָנגעשטעלטע פירן דאָ כסדר אַ פאַרביטערטן קאַמף מיטן שטויב, וואָס וויל זיך באַזעצן אויף די שיין־געבונדענע אויסגאַבעס...

ווי אַזוי עקזיסטירן זיי, פון וואַנען נעמען די באַלעבאַטים אויף צו צאָלן דירה־געלט פאַר די גייסטיקע ווערטן, וואָס זיינען צעשטעלט אויף די אומצאָליקע פּאָליצעס?

די ביכער, וואָס זיי שטעלן ארוים אין די פענצטער, פּראָפּאַגאַנדירן זיי נישט ווי ביכער, נאָר אַלס „מתנות פאַר באַקאַנטע״... און אַז די מתנה זאָל זיין אָנגעלייגט און מאַכן אַן איינדרוק, איז דער איינבונד, די טעוועלעך און דער רוקן, אַ סך וויכטיקער, ווי דער אינהאַלט פון בוך...

זיינען טאַקע די „מתנה־ביכער״ — מערסטנס פון היגע מחברים, ריין נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע — זייער רייך, לוקסוסדיק אויסגעשטאַט, איינגעבונדן אין פּאַרמעט, אין פעלעכלעך פון איידעלע הינט און אומ־שולדיקע לאַשיקלעך. נאָר די גייסטיקע ווערטן, וואָס זיינען זוכה אַזוי אויסגעשטעלט צו ווערן, באַקומען אַ ווערט, באַקומען אַ פּרייז און זיינען צוגעגרייט אַריינצוקומען אין אַ לייטישער שטוב אַריין...

די־אָ „מתנה־ביכער״ ווערן גוט באַצאָלט און זיי זיינען אַ מיטל — דאָס איינציקע מיטל — צו דערהאַלטן דעם בודזשעט פון דער בוכהאַנד־לונג און גלייכגעוויכט.

פונדעסטוועגן, אַז איר וועט דאָ אַמאָל דורכגיין און טרעפן, אַנשטאָט דער בוכהאַנדלונג, אַ געשעפט פון זיידענע זאָקן און זאָקנבענדלעך, זאָלט איר זיך נישט אַנטוישן, פאַרביטערט זיך נישט צוליב דעם. ס׳איז גוט צו זיין צוגעגרייט...

5.

די צפונדיקע טייל פון דער פלאָרידאַ־גאַס, וואָס קוקט אַרויס צו דעם „טורעם פון די ענגלענדער", איז די סאַמע אַריסטאָקראַטישסטע. דאָרט זיינען די געשעפטן גאָר פון אַן אַנדער סטיל און כאַראַקטער. זיי זענען נישט אַזעלכע רוישיקע און שרייענדיקע. אַן אַלט־גבירישע געצוימטקייט, נישט אויפצורייצן די אויגן, נישט נאָכצוטאַנצן די נייע מאָדעס: די רייכס־טע יובעליר־געשעפטן און פון זעלטענע, טייערע חפצים — אַלץ פון אויס־לענדישער אָפּשטאַמונג... — געפינען זיך דאָ.

אויב איר זייט זייער באַזאָרגט צו געפינען פאַר אייער שניפּס עפּעס אַ לייטיש שטיקל שפּילקע פאַר אַ ח"י אָדער צוויי מאָל ח"י טויזנט טאָלער — כאַפּט זיך דאָ אַראָפּ. דאָ וועט איר דאָס געפינען. דאָ וועט מען זיך צו אייך צייט נעמען. מ'וועט אייך אוועקזעצן אויף אַ ווייך־אויסגעבעטער שטול און מ'וועט ריידן צו אייך ווי צו אַ חשובן מענטשן.

אויב איר ווילט זיך איינהאַנדלען עפּעס אַ רעכטע שרייב־געצייג פאַר אַ היפּשער סומע, צו קאָנען אויסדריקן אייערע קלוגע און איידעלע גע־דאַנקען; אויב איר זוכט צו פּאַקן אַן עכט, עכט פּערלמוטערן ציגאַרן־שפּיצל, געמאַכט פון דעם ריינסטן ביסל ים־שוים צו באַנוצן עס ספּעציעל נאָכן נאָכמיטיק־שלאָף — דאַרפט איר זיך נאָר דאָ אהער באַמיען.

פאַרשטייט זיך, אַז דער פּרייז שפּילט דאָ נישט קיין שום ראָל און האָט קיין שום באַדייטונג. וויכטיק איז צו באַקומען דאָס, וואָס אייער האַרץ גלוסט.

עס איז נישט קיין באַווייז פון גוטער דערציאונג און שוין אוודאי נישט פון איידלגעבוירנקייט צו דינגען זיך דאָרט איבער עפּעס לומפּיקע הונדערט, פינף הונדערט, צי גאָר אַפילו טויזנט טאָלער. דאָס איז אַן ענין פאַר די „גרינגאָס", אָבער נישט פאַר די אייניקלעך פון די אַמאָליקע שפּאַנישע, גלאָרייכע קאָנקיסטאַדאָרן, וואָס האָבן פאַרטריבן די ווילדע אינדיאַנער אין די טיפע וועלדער אַריין...

6.

דאָ געפינט זיך דער רייכסטער פון די קלובן — דער „דזשאָקעי־קלוב".

מ'זאָגט, אַז עס איז נישט נאָר גרינג פאַר איינעם פון אונדז אָנצו־קומען אַלס מיטגליד אין דעם דאָזיקן קלוב. פונדעסטוועגן מעגט איר זיך

באַמיען, אפשר וועט עס אייך יאָ געלינגען...

די מאַסיווע געביידע פון דעם אַריסטאָקראַטישסטן קלוב פון די בלוי־בלוטיקע, איז אַזוי אָפּגעלאָזן, ווי, להבדיל, די שילן פון אונדזערע געבורט־שטעטלעך אין די אַלטע היימען. די אָפּגעלאָזנקייט איז נאָר פון אַן אַנ־דער מין: — אַ גביריש חנדעלע, אַ שוואַרץ חן־פּינטעלע אויפן פּנים פון אַ רייצנד־שיינער פרוי...

די רולעטן פון די פענצטער זיינען אַראָפּגעלאָזט ביז אַראָפּ, עס זאָל חס ושלום נישט פאַלן, אַריינדרינגען אַהער דער בליק פון אַ זייטיקן און נייגעריקן.

עס קומען אָנצוגיין פון צייט צו צייט איינצעלנע מיטגלידער. זייערע געוויקסיקע פיגורן זיינען עטוואָס איינגעבויגן. זייערע טונקל־ברוינע פּנימער זיינען צעקנייטשט און אַ מידקייט ליגט אויף זיי, גלייך זיי זאָלן העלפן גראָבן די נייע אונטערערד־באַן...

דאָס זיינען די רייכסטע און גליקלכסטע מענטשן פון לאַנד. זייערע פּנימער דערציילן אָבער נישט פון קיין גליק און נישט פון קיין פרייד. פון אַלע גרויסע מעגלעכקייטן, ווייסן זיי ערשט נישט וואו זיי זאָלן זיך אַהינטון. דער אַפּעטיט איז ביי זיי זיבער נישט אַזוי פויגלדיק, דער מאָגן קאָכט נישט ווי געהעריק און זיי ליידן מסתמא פון אָפטע קאָפּ־ווייטיקן און נאָך אַנדערע מיחושן, וועגן וועלכע ס'איז נישט כדאַי צו ריידן...

דאָרט אויף רעקאָלעטאַ, וואַרטן אויף זיי רעזערווירטע, ברייטהדיקע פּלעצער, אין די רייכע פאַמיליען־קברים...

ס'איז אַ ביטער רחמנות אויף זיי! מיר טוען נאָך אַלעם אַזוי ווינציק פאַר זיי, פאַר די רייכסטע און גליקלעכסטע מענטשן פון לאַנד, אַזוי ווינציק. זיי נויטיקן זיך אין הילף, אין אַ טרייסט־וואָרט, אין מיטגעפיל, אין דעם אָרימען, ערדישן לעבן זייערן, וואָס האָט שוין פאַרלוירן יעדן רייץ און טעם...

עס דרייען זיך אַרום ביי דער טיר פון „דזשאָקעי קלוב" עטלעכע אור־ניפאָרמירטע יינגלעך, גרייט אויסצופירן עפּעס אַ שליחותל, אויפן וואונק פון די איידעלע מיטגלידער.

נאָענט פון דאַנען האָט זיך אַריינגעשטופּט אַ דייטשער איד און געעפנט דאָ אַ געשעפט פון „95 סענט".

אין דעם סאַמע האַרץ פון לוקסוס און רייכקייט, וואו מען נעמט פאַר יעדער זאַך באַצאָלט מיט עטליכע הונדערט פּראָצענט טייערער ווי ערגעץ־

אנדערש־וואו, איז דאָס אַ שיינער און אָריגינעלער איינפאַל.

איז דאָס געשעפט שטענדיק געפּאַקט פון רייכע, עלעגאַנטע פרויען. ניִשט די מציאות לאָקן זיי. דאָס קויפן אַ זאַך אַזוי שפּאַט־ביליק איז פאַר זיי אַ קאָקעטישע שפּיל, אַ צייט־פאַרטרייב, וואָס פאַרשאַפט זיי פרייד אין זייער פוסט־פּאַסטן, זאָרגלאָזן לעבן.

.7

איבער דער לענג פון פלאָרידאַ טרעפט מען באַיאָרטע און אויך יונגע דאַמעס מיט „גאָלדענע הערצער", וואָס טוען וואוילטעטיקייט. זיי שטייען מיט פּושקעס אין די הענט און בעטן לייטזעליקייט, הילף פאַר אָרימע יתומים, פאַר מצורעים, פאַר בלינדע, פון וועמען דער אויסלייזער האָט אָפּגעטון זיין בליק...

און ווי שיין עס קליידט זיי די אַרבעט! וואוילטעטיקייט פאַר רייכע דאַמען פּאַסט זיך, ווי עס פּאַסט זיך אַ שווערד צו אַ גענעראַל...

און דער מענטשן־שטראָם הערט גאָרנישט אויף. עס שוועבן די פרויען ווי אויסגעשולטע, אויספּראַוווטע קעמפּפערנס, וואָס זיינען זיכער אין נצחון און זיינען גרייט אויפצונעמען אַ קאַמף...

און אין ווינקל, וואו די פלאָרידאַ ווערט דורכגעקרייצט פון דיאַגאָנאַל, זיצט מיטן פּנים צו דער אַווענידאַ, דער אַמאָליקער אַרגענטינער פּרעזידענט — סאַענס פּעניאַ.

עס דאַרף זיך פילן שטאָלץ דער אַמאָליקער פּרעזידענט אַרגענטינעס. דאָס לאַנד איז אויסגעוואַקסן. דאָס לאַנד ווערט רייך. שיינע, שלאַנקע טעכטער און געזונטע זין האָט דאָס לאַנד. און שעפּסן פעטע און בהמות געראָטענע האָדעווען זיך אונטער די בלויע הימלען.

אָבער דעם פּרעזידענטס פּנים איז אַזוי ערנסט און באַזאָרגט, מיט שוואַרצע סימנים נאָך פון אַ געוואָרפענער אַלקיטראַן־באָמבע אויף אים.. ווענן פרייע און ערלעכע וואַלן פאַרן לאַנד חלומט ער, סאַענס פּעניאַ...

היימלאָזע מעבל

אַ טיפער און טונקעלער לאָקאַל, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט מעבל און שטוב־חפצים פון עק ביז עק.

אַ באַרג מיט אָנגעוואָרפענע מעבל, צונויפגעקליבענע, צונויפגעפירטע פון איבער דער שטאָט. שטייען זיי דאָ אָן אַ סדר, אָן איינזען, אָנגעוואָרפענע, קאַזאַרמעמעסיק, אָן חשיבות.

אַ יריד, אַ רעמאַטע פון אַלטע, געניצטע מעבל.

אַ געמיש פון סטילן, אַ געמיש פון ריחות, וואָס שטאַמען פון פאַרשיידענע היימען — פון צעפאַלענע, פון חרוב־געוואָרענע היימען.

יעדעס שטיק מעבל — אַ מצבה אויף אַן אונטערגעגאַנגענער היים. יעדע שאַפע, יעדע סאָפע, אָדער זייגער — דערציילט פון איבערגעריסענער טראַדיציע, פון אויסגעריסנקייט.

עס איז פיינלעך דאָס שפּאַנען צווישן די חורבות פון געוועזענע היימען.

אָנגעשטעלט איינס אויפן צווייטן, צונויפגעמישטע — וועקן זיי געפילן.

ווי אַפּגעקומענע, ווי יורדים שטייען זיי דאָ.

די אַלע אָנגעוואָרפענע, פאַרנאַכלעסיקטע שפּיגלען און קרעדענצן, שפּיגל־שאַפעס און פּיאַנעס, סטאַטועטקעס און גלאָז־געשיר, זייגערס און ביבליאָטעקן, האָבן אַמאָל, נעכטן ערשט, געשאַפן נעמיטלעכקייט, געשאַפן וואַרעמקייט אין די היימען.

דאָס מעבל מאַכט־מיט דעם זעלבן גורל, וואָס זייערע באַלעבאַטים.

דער טיש, די שאַפע, דער זייגער — דאָס זיינען דאָך די שטומע עדות, וואָס באַטייליקן זיך אויף זייער שטייגער אין די איבערלעבונגען פון יעדער משפּחה.

דאָס מעבל פאַרקערפּערט אין זיך דאָס געשטאַלט פון אונדזערע היימען, און עס איז טשיקאַווע, ווי טיף מיר זיינען פאַרבונדע מיט די „טויטע" שטוב־זאַכן.

זינט אַ קינד עפנט אויף זיינע אייגעלעך און ער נעמט באַקענען זיך מיט דער היים פון זיין וויגל ארוים, ווערן אים היימיש, ווערן אים אייגן די ליניעס, דער קאָליר פון די שטוב־זאַכן, וואָס געפינען זיך ארום אים.

און מיט דער מאָס, וואָס דאָס קינד וואַקסט אויס, ווערן אים די זאַכן פון זיין היים אַלץ נעענטער און אייגענער און וואַקסן זיך צונויף מיט זיין איך.

און שפּעטער, העט שפּעטער, ווייט־ווייט אין צייט און אין רוים, אַז מע דערמאָנט זיך אָן דער היים, שווימען־ארוים באַגלייך מיט די פּנימער פון די סאַמע נאָענטסטע — אויך די אַמאָליקע שטוב־זאַכן.

ווער טראָגט דאָס נישט אין זיין בלוט דעם אָנדענק פון אונדזער היימישן ספרים־אָלמער, אַ מעבל־אַנטיק, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה שוין עטלעכע דורות און וואָס איז שוין געווען צעפרעסן פון די מאָלן און טראַנספאָרמירט אין אַ סובסטאַנץ פון פּרוכנע?

ווער געדענקט דאָס נישט אַ שאַפּקעלע, אַ קאָמאָדע, דעם זייגער, אָדער אַ קופערט, וואָס איז געווען דער משפחה־ארכיוו און וואָס האָט אַזוי געדייצט אונדזער קינדערשע פאַנטאַזיע?

אַ לעבן־לאַנג באַגלייטן זיי אונדז אויף אַלע וואַנדערונגען און ביי דער ערשטער דערינערונג שווימען פון זיך זעלבסט ארוים זייערע קאָנ־טורן, זייערע געשטאַלטן, און פּונקט ווי לעבעדיקע פּערסאָנאַזשן ווייען זיי אָן אויף אונדז מיט בענקעניש.

און עס איז טשיקאַווע, אַז דידאָזיקע טיפע צוגעבונדנקייט צו שטוב־זאַכן איז צו באַמערקן דווקא נאָר אין די אָרימערע שטיבער, אָדער אין די היימען פון מיטלשטאַנד. אין די רייכערע שטיבער, וואו מען בייט פון צייט צו צייט דאָס מעבל אויף נייע, האָט זיך נישט געקאָנט איינשטעלן די אינטימיטעט, דער אינערלעכער קאָנטאַקט מיט די שטוב־חפצים...

און נישט דער ווערט פון די זאַכן איז וויכטיק און אויך נישט זייער סטיל. ווייל וואָס פאַר אַ מאַטעריעלן ווערט האָבן זיי דען געהאַט די שטוב־חפצים פון אונדזערע אַמאָליקע היימען?

דער דאָזיקער ספרים־אָלמער פון אונדזערע אַמאָליקע היימען איז שוין בכלל גאָר קיין מאַטעריע נישט געווען. דאָס איז געווען אַ שטיק מעבל, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גייסט, אין סימבאָל.

יעדער חפץ האָט כולל געווען אין זיך די געשיכטע פון עטלעכע דורות פריידן און ליידן.

יעדעם בענקל — א מאָנומענט, יעדעם קידוש־בעכערל — א רע־ליקוויע.

:: :: ::

שטייען זיי דאָ אַלע היינט — יורדים, דעגראַדירטע, אָן זייער אַמאָ־ליקן חשיבות און גלאַנץ. נעכטן נאָך האָבן געטרייע הענט פון יוסטע באַלעבאָסטעס, אָדער פלינקע דינסט־מוידן, זיי אָפּגעהיט.

יעדן פרימאָרגן זיי געריבן, געפּוצט מיט ווייך־וואָלענע שמאַטעס און פּאַרטריבן דעם שטויב, מלחמה־געהאַלטן מיט פלעקן, וואָס האָבן זיך גע־וואָלט אויף זיי באַזעצן.

און יוסטע באַלעבאָסטעס טוען זייער אַרבעט נישט סתם אַזוי, ווי אַן אָפּקומעניש, נאָר זיי באַטראַכטן דאָס פאַר אַן עבודה. באַגלייטן זיי טאַקע די אַרבעט פון פאַריאָגן דעם שטויב — מיט געזאַנג.

דאָס פּוצן די מעבל רופט ביי זיי אַרויס דערינערונגען פון זייערע מיידלשע יאָרן, ווען זיי האָבן דורך דער פאַנטאַזיע זיך געפּרואווט פאָר־שטעלן זייערע באַשערטע און זייערע אייגענע היימען...

היינט שטייט דאָ דאָס מעבל פאַרלאָזן, מיט אַ דיקן שיכט פון שטויב אויף זיי, און קיינער זאָרגט זיך גאַרנישט וועגן דעם.

אַ סך און פאַרשידן זיינען די סיבות, וואָס ברענגען, אַז עס זאָלן אונטערגיין היימען און זייער מעבל זאָל געבראַכט ווערן אַהין צו די רע־מאַטעס.

נישט נאָר באָמבעס צעשטערן היימען.

נישט קליין איז די צאָל פון די גיך־ און פּלוצים־אַרויפגעאַרבעטע, די אַלע מינים גראַנדע־געווינערס, וואָס כאַפּן זיך, אַז זיי זייגען אָפּגע־שלאָפן אַזוי פיל יאָרן אין נישט פּאַסיקע, אין נישט גענוג עסטעטישע בעטן און געשפּיגלט זיך אין אומווירדיקע שפּיגלען...

אַ סיבה איז אויך דאָס, וואָס די אַמאָליקע ברייטע און רחבותדיקע מעבל פון די נאָך רחבותדיקערע שטיבער, זיינען נישט צוגעפּאַסט צו די נייע ענגע סדום־דעפּאַרטאַמענטלעך פון די מאָדערנע הייזער. מוזן אַ סך פאַמיליעס צעשיידן זיך מיט זייער מעבל.

דער רעזולטאַט איז אָבער תמיד דער זעלבער: די מעבל־רעמאַטעס זיינען שטענדיק פול געפּאַקט מיט מעבל, וואָס שטאַמט מערכטנס פון געוועזענע היימען.

:: :: ::

א מיש־מאַש פון ריחות, פון סטילן און פון זאַכן. ביבליאָטעקן, סי־זשאַנען, שאַפעס און שאַפקעלעך, זייגערס און טואַלעט־טישלעך — אָנ־געלייגט, אָנגעהויפנט.

אַט ליגט אַ גרויסער ראָבלענער טיש אַז איבערגעקערטער, מיט די פיס ארויף, ווי אַ געפּענטעטער אָקס. אַט דער טיש, בשעת ער איז גע־שטאַנען אין זיין אַמאָליקער היים, איז ער געווען דער צענטער פון אַלע שטוב־געשעענישן.

אַלע וויכטיקע פאַמיליען־געשעענישן האָבן דאָ אַמאָל ארום דעם טיש באַקומען זייער אויסדרוק.

איצט ליגט ער אַ פאַרחושכטער, אַ פאַרשעמטער.

און אַט שטייט אַ שאַפע מיט אַ צעבראָכענעם שפּיגל. פון צענטער־שפּיגל צעגייען זיך די טיפע שפּאַלטן אין אַלע זייטן אוועק, איבער דער גאַנצער לענג און ברייט. ווי אַ שרעקלעכע שפּין, קוקט־אויס, וואָלט זיך אָנגעזעצט אויף דעם שפּיגל.

קרעדענצן רחבותדיקע, באַלעבאַטישע מיט מאַרמאָרנע פּלאַטן. פון זייערע גלעזערנע טירלעך האָבן אַמאָל ארויסגעקוקט סערוויזן מיט גלאָז־וואַרג, מיט וועלכע די באַלעבאָסטעס האָבן זיך געשפּיגלט און שטאָלצירט.

אַ באַגילדעטע האַרפע, מיט צעריסענע סטרונעס, וואָס הענגען אַראָפּ פון איר, ווי צעטרייבערטע אָדערן.

און אַט איז אַ פּיאַנאָ.

איר שוואַרצער און מאַיעסטעטישער גלאַנץ איז באַדעקט מיט אַ שיכט שטויב, וואָס גיט איר נאָך אַ באַזונדערן טרויער־חן.

דאָס קלאַווישן־ברעט איז אויפגעהויבן. איידעלע, צאַרטע הענט פון אַ יונגער „פּראָפעסאָרא דע פּיאַנאָ" האָבן אויף די קלאַווישן געקליבן טענער. איצט שטייט זי אַ פאַרשטומטע.

וואָס איז דען געוואָרן מיט דער „פּראָפעסאָרא דע פּיאַנאָ" און מיט דער בראָנזענער שילד, וואָס זי האָט געהאַט הענגען אויף דער דרויסנדי־קער טיר?

פון צייט צו צייט גיט עמיצער פון די מענטשן, וואָס גייען דאָ דורך, אַ פאָר מיט אַ פינגער איבער די קלאַווישן, און עס רייסט זיך ארויס אַ מאָוימדיקער אַקאָרד פון דער פּיאַנאָ, וואָס הילכט־אָפּ איבער דעם מעבל־לאַגער.

די פּיאַנאָ אַליין ציטערט אויף פון צערייצטער בענקעניש, פון דער

אומגעריכטער באַרירונג. עפּעס אַן אינערלעכע וואונד האָט מען איר אָנגערירט...

געוואַלטיק קאָמיש קוקן דאָ אויס די באַגילדעטע סאַלאָן־בענקלעך, מיט די אויסגעבויגענע ראָכיטישע פיסלעך, לודוויק דעם פערצנטנס סטיל.

אין דעם גרויסן מיש־מאַש און אָנגעוואָרפנקייט קוקט דאָ אויס זייער סטיל־ריינקייט ווי אַ ווילדער חוזק...

און דאָס זעלבע אויך מיט די באַגילדעטע בעטן, וואָס שטייען צע־נומענע און קוקן אַראָפּ מיט זייערע אויסגעבויגענע, מעוברתדיקע בייכער.

עס וועקט איינזען דער זייגער, וואָס ליגט דאָ אויסגעלייגט אויף אַ קאָלטשאָן. ס'איז פאַרשווינן געוואָרן זיין מאַיעסטעטישער און בנעימות־דיקער טיק־טאַק — ווער ווייס אויף ווי לאַנג — האָבנדיק איבערגעלאָזט די מינוטן און די שעהן אויף הפקר...

צווישן אַ שטויס ביכער, בענדער פון ענציקלאָפּעדיעס, איז אויך אַ ביבל פאַראַן. אַ נייגעריקע האַנט האָט אַ בלעטער געטון די ביבל און געלאָזט זי אויפגעמישט פונקט אויף דעם בלעטל, וואו אונדזער ישעיהו זאָגט פאָרויס זיין גרויסע וויזיע וועגן דער האַרמאָניע, וואָס וועט אַמאָל הערשן צווישן מענטש און מענטש, און מענטש און חיה.

איז עס אַ צופאַל נאָר?

:: :: ::

די רעמאַטעס פון מעבל ווערן שטענדיק באַזוכט פון אַ סך מענטשן, קונים. עס פעלן דאָ נישט קיין בעלנים אויף געניצט מעבל. אין אַ לאַנד פון אימיגראַציע, אין אַ לאַנד, וואו מען מוז אָנהויבן בויען פון אַלץ איז דאָס אַ נאַטירלעכע דערשיינונג.

אַ סך פון די באַזוכער זיינען די אַנטיק־זוכער, וואָס האָפן צו געפינען אומגעריכט זעלטענע חפצים, כאָטש קאָלומבוסעס אַ טאַבאַק־שקעטעלע, אָדער מיט גאָזשאַס אַ בילד, אָדר גאָר מיט חפצים, וואָס שטאַמען פון די פּראָסערס.

די גרויסע מערהייט אָבער פון די באַזוכער זוכן דאָ עפּעס איינצו־קויפן. די טראַדיציעס וואָס די מעבל האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אין פריערדיקע היימען וועט נישט זיין קיין שטער אויסצובויען מיט זיי נייע היימען.

די נאָכפראַגע אויף גענוצטע מעבל איז אַזוי גרויס, אַז עס זיינען פאַראַן פאַבריקאַנטן, וואָס „פעלשעווען" זייערע נייע סחורות און שיקן זיי אריין אין די רעמאַטעס ווי גענוצטע מעבל...

דער מענטש, ווייזט אויס, קאָן שוין אָן פעלשונגען נישט אויסקומען...

דערווייל שטייען זיי דאָ, די מעבל, און וואַרטן פון איין רעמאַטע אויף דער צווייטער, מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלן נאָך אַמאָל צוריקבאַקומען זייער אַמאָליקע ווירדע און חשיבות.

ווי היימלאָזע, ווי פאַרטריבענע קוקן זיי דאָ אויס אין דעם טיפן און פול־באַשטעלטן לאָקאַל.

גאַסן

אַן אומענדלעכער לאַבירינט פון גאַסן און געסלעך — אַרטעריעס פון שטיין, צעמענט און אַספאַלט פון דעם גרויס־שטאָטישן גיגאַנט.

גאַסן און געסלעך, ווי אויף גיך־געשניטענע, נישט גלייכע חלקים לעקעך אויף אַ נגידישער חתונה — ליגן זיי אין דער לענג און אין דער ברייט פון שטאָטישן מוראַשניק.

אָן אַ צאָל גאַסן און געסלעך מאַנאָטאָנע, ווי שורות גלייכע סאָלדאַטן, מיט נעמען, מיט טראַמוואַי־ליניעס און מיט אָן אַ שיעור רערן און ליניעס אין זייערע אינגעווײדן — די באַקוועמלעכקייטן וואָס דאַרפן דערטרעג־לעך מאַכן די אָפּגעשלאָסנקייט און פאַרמאַכטקייט פון די מאָדערנע הייזער...

די גאַסן אָבער האָבן אין זיך עפּעס פון דער אומרואיקייט און פון דעם גורל פון די מענטשן, וואָס האָבן זיי אויסגעבויט. אָדער באַוואוינען זיי.

פאַראַן גאַסן, וואָס די וועלט רוישט מיט זיי און אַלע איינוואוינער פון שטאָט און טוריסטן ציען צו זיי. אייביק יום־טובדיקע און שטראַלנ־דיקע פון זאַטקייט און לוקסוס, האָבן זיי פאַרכאַפּט דעם סאַמע מזרח פון שטאָט.

און ווידער זיינען פאַראַן גאַסן — זיי זיינען אין אַ גרויסער מערהייט — וואָס ציען זיך שטילע, באַשיידענע, פאַרגעסענע אַרבעטס־גאַסן. קיינער ווייסט נישט, קיינער הערט נישט פון זיי, הגם זיי זיינען די וויכ־טיקסטע און נויטיקסטע טייל פון שטאָט.

פאַראַן אַ מין גאַסן, וואָס האָבן אַזאַ ערנסטן און פאַרזאָרגטן אויסזען, גלייך ווי זיי וואָלטן געטראָגן אויף זיך דעם גאַנצן עול פאַר דעם מיליאָ־ניקן מוראַשניק.

און האַרט נעבן זיי, נעבן די „מויט־ערנסטע פילאָזאָפן", שניידן דורך, שוועבן דורך גאַסן שטיפערישע, אויסגעפּוצטע מיט לעמפּלעך קאָ־

לירטע און מיט פּראָפּאַגאַנדע־ליכטער, גאַסן וואָס זיינען פול מיט ווינקעריי און שטיפעריי, ווי יונגע טענצערנס.

און די קאָלעקציע הויבט זיך ערשט אָן.

גאַסן, וואָס וואַרפן אָן אַ מרה־שחורה. ביי זייערע זייטן ציען זיך הויכע, גרויע און איינטאָניקע ווענט פון פאַבריק־בנינים; עס שטייען פאַרזשאַווערט, און מיט גראָז־פאַרוואַקסענע פאַרצוימונגען פון אַ באַן־ליניע; אָדער לאַנגע שפּייכלערס בלעכענע, וואָס שטייען מיט די פּלייצעס אַרויס.

אין די נעכט וואַקלט זיך דאָרט דער אויסגעצויגענער שאָטן פון אַ פאַרביי־גייענדיקן שכור, וואָס שפּייט מיט קללות, און אַ נעל אויג פון אַ לאַמטערן, וואָס מאַכט די פינצטערניש און די שאָטנס נאָך געדיכטער.

און גאַסן, ווידער, וואָס ווייען מיט מילדקייט און מיט זיסער פאַרבענקטקייט. עס פאַרכאַפּט דאָס אויג די ווייסקייט און ליכטיקייט פון די ניי־אויסגעבויטע טשאַלעט־שטיבלעך, היימען פרידלעכע און זיסע, וואָס חלומען אין די שאָטנס פון צעוואַקסענע אַקאַציע־ביימער.

פון די פענצטער פון די היימען טראָגט זיך געזונט געלעכטער פון קינדער, אָדער פאַרבענקטע טענער פון אַ פּיאַנאָ, וואָס עס שפּילט דאָרט אויס אַ רייפע טאָכטער.

אויף די באַלקאָנען זעט מען דאָרט ווייס־האָריקע קעפּ פון זיידעס, וואָס נעמען זון אויף אויסלייג־שטולן, לייענען ראָמאַנען אין די צייטונגען, אָדער שפּילן זיך מיט די אייניקלעך.

פאַראַן גאַסן אין שטאָט, וועמענס בנינים ציען זיך אויף איין ליניע און אויף איין און דער זעלבער הויך. מיט די באַפּענצטערטע ווענט קוקן זיי אויס ווי גיגאַנטישע שיפן אויף אַ שטילן טייך, וואָס שטייען ווי געטרייע שומרים, דיסציפּלינירטע.

אין די בנינים זיינען איינגעאָרדנט די האַנדלס־ביוראָען און עס האָבן דאָ זייערע אָפיסינעס די אַדוואָקאַטן מיט די פּיל־בענדיקע קאָדעקסן, וועלכע וואַרטן אויף רייכע ירושה־פּראָצעסן.

און אַנדערע שטילע גאַסן זיינען פאַראַן אין שטאָט, וועמענס הייזער שטייען פריי, הפקר׳דיק, אַריינגערוקט און אַרויסגערוקט, הויכע און ניד־דעריקע, אין אַלע מעגלעכע סטילן, וואָס דערמאָנט אין שטעטלשער היימישקייט.

אין די טירן פון די הייזער שטייען פרויען און שטריקן אייביק סוועטערס, וואָס פאַרענדיקן זיך קיינמאָל נישט און שמועסן געמיטלעך זיך אויס מיט די פרויען פון יענער זייט גאַס. און אין די זומערדיקע פאַר־

נאכטן טראָגן די איינוואוינער ארויס די אויסלייג־שטולן און זיי ציען זיך ארויס מיט די בעבעכעס אויף דער גאַס ארויס.

פאראַן גאַסן פונקט ווי בלומען, וואָס וואכן אויף, וועקן זיך אויף צוגלייך מיטן זון־אויפגאַנג און מיט זונען־אונטערגאַנג שטעלט זיך אָפּ, לעשט זיך אויס זייער באַוועגונג.

און אויך אַזעלכע זיינען פאראַן גאַסן, וואָס וואכן ערשט אויף מיטן אָנקומען פון דער נאכט. ערשט נאָך זונען־אונטערגאַנג צינדן זיך דאָרט אָן די ליכט־שילדן און פון די האַלב אָפענע טירן פון די קאַפע־הייזער און קאַבאַרעטן טראָגן זיך אָפּגעריסענע ווערטער, קלאַנגען פון טאַנגאָ־זינגערנס און פון דעם פאַרפירערישן געקלאַנג פון קאַסטיניעטאַס.

און ווידער זיינען גאַסן פאראַן, וואָס זיינען ווי לעבעדיקע פּראַקטישע סוחרים, יעדע טיר — אַ קלייט, יעדע טיר — אַ שפע פון פּרנסה. אַ שטענדיקע באַוועגונג דאָרט פון קונים, פון מקח וממכר, פון וועקסלען און פון פאַרפאַקטע קאַסטנס מיט סחורה. אויף די גאַסן קאָן מען באַקומען פון אַן אויסשטאַט פאַר אַ כלה, רעליגיעזע מכשירים פאַר אַלע רעליגיעס, ביז צו „אויסגעפּרוּווטע" מיטלען אויף פאַרטרייבן קוקאַראַטשעס און וואַנצן.

און אין קעגנפאַל צו די סוחרישע גאַסן, זיינען אויך פאראַן גאַסן פון לויטער ראָמאַנטיק. דאָס זיינען פאַרחלומטע גאַסן מיט רייכע פּאַלאַצן און רחבותדיק־מאָדערנע דעפּאַרטאַמענט־הייזער, וואו מ'קאָן גאָרנישט קויפן. נישטאָ קיין געשעפט דאָרט אויף אַ רפואה. אין דער טונקלקייט פון די באַבוימטע גאַסן, שיצן זיך די פאַרליבטע פּאָרלעך פון די נייגעריקע בליקן פון די דורכגייער. ראָמאַנטישע גאַסן.

יעדע פון די שטאָטישע גאַסן האָט איר אייגענעם כאַראַקטער, איר אייגענעם פּרצוף, וואָס ברענגט צום אויסדרוק די באַגערן און דעם כאַראַקטער פון אירע איינוואוינער.

פאראַן אויך גאַסן אָן שום אויסדרוק. פונקט ווי מענטשן, וואָס ריידן און ריידן און זאָגן גאָרנישט, אַזוי זיינען די גאַסן פּוסט, כאָטש זיי זיינען איינגאַנצן באַבוימט.

און דערמאָנען דאַרף מען אויך די אַזוי גערופענע אָנגעבלאָזענע און ברייט־צעלייגטע גאַסן, וואָס האָבן אָן איבערטריבענעם באַוואוסטזיין וועגן זיך, אַז אָן זיי וואָלט די שטאָט קיין קיום נישט געהאַט.

אָט ציט זיך אַן ערנסטע גאַס. גלייך ווי אַ ליניע ציט זי זיך, אָן

אָפּצוגעוויגן אויף רעכטס אָדער לינקס. נאָר מיט דעם גאָלדענעם מיט גייט זי אַזוי, פון איר געבורט ביז צו איר לעצטן שפּאָן.

אַזאַ אויסגעהאַלטנקייט און קאָנסעקווענטקייט איז שווער צו טרעפן אַפילו ביי געזעצטע און ערנסטע פּאַרטיי־מענטשן.

דערפאַר זיינען נישט ווינציק די גאַסן, וואָס גייען מיט אַ געבראָכע־נעם, נישט זיכערן טראָט, אין אַ זיג־זאַג ציען זיי זיך. דאָס זיינען די אומרואיקע גאַסן פון שטאָט, וואָס זוכן צו באַנייען, אָפּצופרישן זייער מאָנאָטאָנעם גאַנג.

צי די גאַסן דריקן אויס די אומרואיקייט פון זייערע איינוואוינער, איז שווער צו זאָגן.

און אָט זיינען פאַראַן גאַסן לאַנגע, ווי דער גלות, וואָס מעסטן ווער ווייס וויפיל תחום־שבת. און זייט־ביי־זייט פון די עוג מלך הבשנס, זיינען פאַראַן אַנדערע — מ׳שטיינס געזאָגטע גאַסן! — וואָס פאַרענדיקן זיך נאָך איידער זיי האָבן זיך אָנגעפאַנגען.

ווי טראַגיש דאָס ווירקט! זיי דערמאָנען עפּעס אין דעם טויט פון אַ יונג קינד...

און אָט איז אַ גאַס, וואָס ווערט אין איר סאַמע וויטאַלסטן טייל אָפּגעשניטן, אָפּגעהאַקט. מען בלייבט שטיין פאַרוואונדערט און פול מיט באַדויערן. אָבער אַ טריט ווייטער — קומט די גאַס ווידער אויף און זי שטייט צוריק אויף תחית המתים.

און אַזוי גאַס־איין, גאַס־אויס. ווער קאָן זיי דען אַלע אויסרעכענען און פאַרגעדענקען, די אומצאָליקע גאַסן און געסלעך פון דעם גרויסן מי־ליאָניקן מוראַשניק?

פון חורבן

אין אַ היים פון אַ פאַרטריבענער יידישער משפחה אין פוילן

א.

נאָך לאַנגע פּלאָגענישן איז האַנס מיט זיין פרוי עלזאַ און זייערע צוויי קינדער, אָנגעקומען אין דעם פּוילישן שטעטל אַריין, וואָס ליגט אויף דעם רעכטן ברעג פון דער ווייסל.

דער וועג וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט איז אַ ווייטער, אַזש פון בראַזיל קומען זיי. דאָרט אין דער ווייטער בראַזיל האָט ער דערהערט דעם רוף פון דער דייטשער ראַדיאָ, אַז דער „פירער" רופט אהיים אַלע דייטשן וואָס וואוינען אין אויסלאַנד, אַז זיי זאָלן זיך קומען באַזעצן אין די פּוילישע שטעט, וואָס זיינען אָקופּירט געוואָרן פון דער זיגרייכער דייטשער אַרמיי. דאָרט וואַרטן אויף זיי הייזער און געשעפטן, מיט אַלע נויטיקע איינריכטונגען, פון וואַנען די דאָרטיקע יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן.

שוין 15 יאָר אַז דער דייטש האָט געלעבט אין בראַזיל, וואו ער האָט זיך באַשעפטיקט ביי מאָנטירן הילצערנע סקעלעטן צו די בעטאָן־געגנאַ־סענע הייזער. ער האָט כסדר געהאַט אַרבעט און נישט שלעכט פאַרדינט און האָט קיינמאָל נישט געטראַכט זיך אומצוקערן קיין דייטשלאַנד. כאָטש ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער דאָרטיקער נאַצי־פּאַרטיי, איז ער נישט געווען פון די גרויסע נאַצי־ענטוזיאַסטן. ער האָט שוין געהאַט מיטגעמאַכט די מלחמה פון 1914 און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די נאַציס וועלן דערפירן צו אַ צווייטער מלחמה, נאָך אַ פּיל שרעקלעכערע.

דער רוף אָבער פון דער דייטשער ראַדיאָ וועגן די יידישע הייזער און געשעפטן, וואָס שטייען פּוסט און וואַרטן אין די פּוילישע שטעט, אַז די אויסלענדישע דייטשן זאָלן קומען זיך באַזעצן אין זיי, האָט אים גערייצט און צוגערויבט זיין רו. שטייענדיק ביי דער אַרבעט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געטראַכט וועגן דעם. פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט אַ גוט־איינגעאָרדנט הויז מיט אַ גערטנדל און אַ גוט־שטייענד געשעפט,

וואָס וואַרט דאָרט אויף אים... און דערצו וועט דאָס זיין פאַרעכנט פאַר אַ „לייסטונג", פאַר אַ פּאַטריאָטישן טאַט, צו העלפן איינהאַלטן אין דייטשישן באַזיץ אַ דעראָבערט לאַנד... דערפאַר זאָגט מען זיי צו, צו זיין פריי פון שטייערן און גענומען נאָך פון אַנדערע פּריווילעגיעס...

האָט ער זיך דעצידירט און איז געפאָרן.

דער וועג איז געווען אַ ווייטער און אַ געפערלעכער· עס האָט געדראָט אַז די ענגלישע קריגס־שיפן, וואָס פּאַטרולירן דעם אַטלאַנטיק, וועלן אים נאָך אַראָפּנעמען פון דער שיף און אים אינטערנירן ערגעץ אין אַ לאַגער פון געפאַנגענע, ביז איבער דער מלחמה. אָבער ער איז אָנגעקומען בשלום אין אַן איטאַליענישן פּאָרט, און פון דאָרט האָט ער געמאַכט אַ לאַנגע און שווערע באַן־רייזע איבער עסטרייך קיין דייטשלאַנד, ביז בערלין. דער געדאַנק אָבער, אַז נאָך געציילטע טעג וועט ער מיט זיין פאַמיליע אָנקומען אין „זיין" שטוב און געשעפט, וואָס איז שוין באַשטימט פאַר אים, האָט זיי גרינגער געמאַכט איבערצוטראָגן די אַלע פּלאָגענישן.

אין בערלין האָט ער געדאַרפט בלייבן אַ צען טעג וואַרטן, ביז מען וועט אים באַשטימען וואו ער זאָל זיך באַזעצן. די גרעסערע שטעט זיינען שוין געווען באַזעצט פון די באַלטישע דייטשן, וואָס זיינען געהאַט אָנגעקומען אין די צענער טויזנטער, מיט עטלעכע וואָכן פאַר אים.

און אָט, נאָך לאַנגע וואַגלענישן האָט דער דייטש מיט זיין פאַמיליע דערגרייכט זייער לאַנג־געגאַרטן חלום. זיי זיינען אָנגעקומען אין דעם קליינעם פּוילישן שטעטל אַריין. דער געסטאַפּאָ־קאָמיסאַר האָט אים אָנגעוויזן וועלכעס עס וועט זיין „זיין" הויז און געשעפט.

ב.

מ'קאָן נישט זאָגן, אַז דער דייטש און זיין פרוי עלזאַ זיינען געווען גאָר אַנטציקט פון זייער אַריינקום אין שטעטל, וואָס דאַרף ווערן זייער נייע היים. דאָס שטעטל האָט אויסגעזען ווי אַ חורבה, כאָטש די מערסטע הייזער זיינען געווען אומבאַשעדיקט. דער מאַרק פון שטעטל איז געשטאַנען אַ בלאָטיקער, אָן באַוועגונג, אָן סמנים פון אַ לעבעדיקן ישוב. אַלע איינוואוינער פון שטעטל, די יידן און נישט־יידן, זיינען פאַרטריבן געוואָרן. דער אַראָפּגעשאָסענער טורעם פון דער קירכע און דער פאַרברענטער דאַך פון דער שול, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן פון אַ זייטיק געסל איבער די שטיבער פון מאַרק, האָבן אָנגעווייט מיט טרויער און דערציילט פון גערמאַנישער רשעות און געפאַלנקייט.

נאָר דאָרט אונטן, אין טאָל, איז ווי תמיד, געפלאָסן די ווייסל. די וואַסערן וואָס שניידן דורך דאָס גאַנצע לאַנד פון דרום ביז צפון, האָבן געטראָגן אין זיך אַ סך סודות פון מענטשלעכער פיין און אכזריות. איי־ניקע פון די פאַרטריבענע יידישע איינוואוינער פונעם שטעטל, האָבן אין די וואַסערן פון דער ווייסל געפונען אַ רעטונג פון דער אַכזריות, וואָס האָט פאַרפלייצט דאָס גאַנצע לאַנד מיט פייער און בלוט.

דאָס הויז, וואָס דער דייטש האָט באַקומען, איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק. אין דעם הויז, וואָס איז געווען אַ ירושה־הויז זינט עטלעכע דורות, האָט ר׳ נטע דער פּרנס פון שטעטל געהאַט אַ קראָם פון שניט־סחורה. די פראָנט־וואַנט פון הויז איז געווען שוין אויסגעבויט מיט ציגל און אויך דער דאַך איז געווען אַ נייער, געדעקט מיט שינדלען. דורך די פענצטער פון דעם דאָזיקן הויז, האָט זיך זינט דורות אין די שבתדיקע נאָכמיטיקס געטראָגן דער גמרא־ניגון, דער ניגון פון פּרק, און אין די לעצטע יאָרן — געזאַנגען פון יידישע און העברעישע לידער, פון ר׳ נטעס קינדער.

איצט איז דאָס גאַנצע הויז געשטאַנען פּוסט און וויסט. פון דער קלייט זיינען נאָר פאַרבליבן די ליידיקע פּאָליצעס. די סחורה האָבן די געסטאַפּאָ־לייט צוגערויבט. נאָר די מעבל פון הויז און אַלע אַנדערע שטוב זאַכן און כלים זיינען געבליבן כמעט אומבאַרירט. דער גירוש פון די יידן פון שטעטל איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי פּלוצים, אַז זיי האָבן נישט צייט געהאַט מיטצונעמען מיט זיך דאָס סאַמע נויטיקסטע.

אין דעם דאָזיקן הויז האָט דער דייטש מיט זיין פרוי עלזאַ און מיט זייערע צוויי קינדער, וועלכע זיינען געקומען פון בראַזיל, זיך געדאַרפט באַזעצן און געפינען רו נאָך זייער לאַנגן וועג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט.

ג.

מיט אַ געדריקט געפיל האָט דער דייטש זיך דערנענטערט צו „זיין" הויז: מיט שווערע טריט און שווייגנדיקע, ווי די אבלים, האָבן זיי גע־טראָגן זייערע געפּעק. דאָס אָרישע פּאָר־פּאָלק, נאָך איידער זיי האָבן באַ־וויזן אַריבערצוטרעטן די שוועל פון זייער הויז, האָבן זיי שוין געפילט, אַז דאָס הויז, דאָס יידישע הויז, וואָס האָט זיי פונדערווייטנס אַזוי גע־רייצט און צוגעזאָגט אַזוי פיל גליק, וועט זיי נישט פאַרשאַפן קיין פרייד.

— אָבער, קאָם דאָך, עלזאַ! — האָט דער מאַן אונטערגעיאָגט זיין פרוי, ווילנדיק אַזוי אַרום פאַרשרייען זיין שווער געמיט.

אז זיי זיינען אריין אין דער פוסטער קלייט מיט דעם איבערגעקערטן קראם־טיש, האט פון איינער פון די ליידיקע פאליצעס אראפגעקוקט צו זיי א קאץ, א ווייס־שווארצע קאץ. דאס איז געווען די קאץ פון די פריער־דיקע באלעבאטים, דאס איינציקע באשעפעניש פון דעם הויז, וועלכע די געסטאפא האט נישט באוויזן צו פארטרייבן. די קאץ האט באטראכט די נייע באלעבאטים מיט נייגער און זי האט זיי באגעגנט מיט א טרויעריק מיאוקעריי, מיט א פארצווייפלט צערפול געוויין. וואס האט זי דען גע־וואלט דאס ארימע שטומע באשעפעניש? האט זי געוואלט אויסדערציילן פאר די פרעמדע מענטשן די הימל־שרייענדיקע עוולה, וואס איז דא געשען מיט אירע באלעבאטים, און אז זיי זאלן זיך אננעמען פאר זיי?...

אבער דעם דייטשס צוויי קינדער, א צווילינג אין צענטן יאר, האבן זיך דערשראקן פאר דער קאצס געוויין און זיי האבן אינסטינקטיוו זיך געקלאמערט אין זייער מוטער.

און נישט נאר די קינדער, אויך די עלטערן האבן זיך דערשראקן. דער קאצס געוויין האט אנגעווארפן אויף זיי אן אומרואיקייט.

— פארטרייב די יודן־קאץ, האנס! — האט זי זיך געבעטן ביי איר מאן — זי שרעקט מיך.

האט האנס אויפגעהויבן א לייסט פון פאל און פארמאסטן זיך אויף דער קאץ, ביז זי איז ארויסגעשפרונגען דורך דער טיר אויף דער גאס ארויס. דארט האט זי ווייטער פארגעזעצט איר טרויעריק מיאוקען, וואס האט זיך צעטראגן איבערן גאנצן מארק פונעם שטעטל.

די נייע באלעבאטים פון דעם הויז האבן גענומען זיך ארומקוקן און באקענען זיך מיט זייער נייער באלעבאטישקייט. אלץ איז דא אין דער שטוב געשטאנען אויף זיין ארט. אויף יעדן שטיקל מעבל און אין יעדן ווינקעלע האט געשוועבט דער גייסט פון א יידיש־באלעבאטישער היים, וואס האט היגטער זיך די איינגעזעסנקייט און טראדיציע פון דורות.

א קעלט איז געשטאנען אין דער שטוב. דער קאכלענער אויוון איז געשטאנען א בלייכער, א געפרוירענער. די קיך איז געשטאנען א פינצ־טערע. די שויבן פון די פענצטער זיינען באדעקט געווען מיט פראסט־בלו־מען און ביימער. מיט אומדרייסטע טריט האבן די נייע באלעבאטים זיך באוואויגן איבער דער שטוב, וואס דער געסטאפא־קאמיסאר האט זיי צו־געטיילט. יעדע זאך פון דער שטוב האט זיי דערמאנט און אויסגעשריען, אז דאס איז א יידישע שטוב.

— זע, פאטער! — האבן די קינדער געוויזן מיט פארוואונדערונג און

געטייטלט אויף די אויסטערלישע בילדער, וואָס האָבן אָראָפּגעקוקט פון די ווענט און וועלכע זיי האָבן געזען צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן.

דאָס זיינען געווען די הדרת־פּנימדיקע בילדער פון ווילנער גאון, פון דר. הערצל און פון די עלטערן פון די פריערדיקע באַלעבאַטים, מיט בכבודע פּאַטריאַרכאַלישע פּנימער און בערד.

אַז האַנס האָט זיך צוגעפּגעטראָפן מיטן שאַרפן בליק פון דעם ווילנער גאון, וואָס האָט מיט די אָנגעצויגענע ברעמען אים גלייך געקוקט אין פּנים אַריין, האָט ער עפּעס אַ ציטער געטון. דאָס פּנים פון דעם משונהדיקן איידעלן יידן האָט אים באַהערשט. און דר. הערצלס ליכטיק און טרויעריק פאַרטרוימט פּנים, איז דאַכט זיך נאָך דורכזיכטיקער, נאָך דערהויבענער געוואָרן.

זיינען דאָס די שונאים, די שרעקלעכע שונאים, קענען וועלכע דאָס דריטע רייך קעמפט אַזוי?...

מיט גרויס פאַרזיכטיקייט האָט ער די בילדער אַראָפּגענומען פון די ווענט און זיי צונויפגעשטעלט אין אַ ווינקל. אָבער ער האָט נישט אָנגעהויבן וויסן וואָס ער זאָל טון מיט זיי. אפשר פאַרברענען? עס האָט אים פּשוט פאַרפעלט מוט דאָס צו טון. די בלייכע אויסגעאיידלטע פּנימער מיט די טרויעריקע אויגן האָבן אים פאַרפאָלגט. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר זיי.

ד.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. די עלעקטרישע באַלייכטונג, וואָס איז אַמאָל געווען אין שטעטל, איז איצט מער נישט געווען, זינט די עלעקטראָוניע איז באָמבאַרדירט און פאַרברענט געוואָרן, ביים פאַרנעמען דאָס שטעטל.

האַנס האָט אַרויסגענומען פון איינער פון די וואַליזעס, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך, אַ פּאַק ליכט. אין איינעם פון די צוויי מעשענע שבת לייכטערס, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער קאָמאָדע, האָט ער אַריינגעטריפט אַ ליכט. עלזאַ האָט געמאַכט אַ פייער אין דער קיך און צוגעגרייט אַ וואַרימען עסן. די פאַרע פון דער זופּ האָט זיך געהויבן איבער די קעפּ פון די עסערס.

די שטוב האָט זיך געטרונקען אין שאָטנס, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין די ווינקלען און אויפן באַלקן. די צימערן האָבן אויסגעזען נאָך ניי־דעריקער ווי בייטאָג. מ׳האָט מיט די הענט געקאָנט אָנרירן די בעלקעס,

וואָס האָבן זיך געצויגן איבער דער ברייט פון סופיט פון וואַנט צו וואַנט. די שטילקייט פון דרויסן און פון אינעווייניק, האָט אָנגעוואָרפן אַן אומ־היימלעכקייט אויף די נייע איינוואוינער פון דער שטוב. זיי האָבן גע־רעדט צווישן זיך מער מיטן בליק ווי מיט ווערטער.

— דאָ בלייבן מיר שוין וואוינען? — האָבן די קינדער געפרעגט און איבערגעריסן די שטילקייט.

אויף די פראַגעס האָבן זיי באַקומען קורצע אָפּגעריסענע ענטפערס.

עלזאַ האָט צוגעגרייט די געלעגערס. די בעטן מיט אַ טייל פון בעט־געוואַנט פון די פריערדיקע באַלעבאַטים זיינען געבליבן. צוזאַמען מיט זייער בעטגעוואַנט האָבן זיי אויסגעבעט און געלייגט זיך שלאָפן.

די קינדער זיינען גלייך איינגעשלאָפן, און מאַן און ווייב, כאָטש זיי זיינען געווען מיד און אויסגעמאַטערט פון וועג, האָבן זיי קיין אויג נישט צוגעמאַכט. די פרעמדע געלעגערס האָבן עפּעס מאָדנע געבריט און נישט געלאָזט איינרוען. די קאַץ, וועלכע זיי האָבן בשעת זייער אַריינקומען אין שטוב אַריין געהאַט פאַרטריבן, איז ווי נאָר זיי האָבן זיך געהאַט געלייגט, צוריקגעקומען. זי האָט זיך געדרייט אַרום די פענצטער און שרעקלעך געמיאַוקעט, און אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף זיי.

— האַנס! שלאָפסט? — האָט עלזאַ געפרעגט.

— ניין.

— גיי טרייב אַוועק די קאַץ. עס שרעקט מיך איר געוויין. עפּעס אַ כישוף האָבן אונדז די יידן געטון מיט זייער פאַרשאָלטענער קאַץ.

האַנס האָט זי גענומען באַרואיקן און אַליין איז ער פול געווען מיט אומרואיקייט און חרטה. ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט אין דעם שבת־לייכטער און איז אַרויס אַוועקטרייבן די קאַץ. באַלד אָבער ווי ער האָט זיך צוריקגעלייגט, איז זי צוריקגעקומען און ווייטער געמיאַוקעט. איר מיאַוקען איז געוואָרן אַלץ אומרואיקער און שרעקלעכער. אין אירע רופן איז געווען עפּעס באַוואוסטזיניקעס פון דעם, וואָס עס האָט דאָ פּאַסירט. זי האָט געוויינט דאָס געוויין פון אירע פריערדיקע באַלעבאַטים, וואָס זיי־נען פאַרטריבן געוואָרן און פאַרמשפּט אויף אומקום...

— האַנס, דו שלאָפסט? — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום ווייטער גע־נומען וועקן איר מאַן.

— ניין, איך שלאָף נישט.

— האַנס, האַנסכען! — האָט זי נאָך אַ ווײַלע שווייגן ווייטער גענו־מען ריידן — צו וואָס האָבן מיר דען דאָס געדאַרפט? צו וואָס? וואָס האָט אונדז דען געפעלט אין פאַרטאַ אַלעגרע? דאָס געשעפט וואָס דער

ייד האָט דאָ געפירט, איז דאָך פאַרניכטעט. פון וואָס ווע׳לן מיר דאָ לעבן?

האַנס האָט אויף אַלע פראַגן נישט געענטפערט. ער איז געלעגן אויפן רוקן און געקוקט מיט אָפענע אויגן אין דער פינצטערניש אַריין. פון דער קעגנאיבערדיקער וואַנט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, קוקט אַראָפּ צו אים דאָס פּאַטריאַרכאַלישע, דרייסטע פּנים פון דעם ייד, מיט זיין שאַרפן שניידיקן בליק...

ה.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט זיך האַנס אָנגענומען מיט מוט. ער האָט זיך געשטאַרקט צו פאַרטרייבן פון זיך די געפילן פון גערדריקטקייט און חרטה, וואָס האָבן אים באַהערשט אין דער שלאָפלאָזער נאַכט.

ער איז אַרויס איינשאַפן אביסל האָלץ און איינקויפן אביסל שפּייז ביי די נאָענטע פּויערים אין דער געגנט.

ביים דורכגיין פאַרביי דעם פּאָליציי־הויז, האָט אים באַמערקט דער געסטאַפּאָ־קאָמיסאַר און אים אַריינגערופן. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ווי ער איז דורכגעשלאָפן די ערשטע נאַכט אין דעם הויז. דער קאָמיסאַר האָט אים אויפגעוואָרט מיט ראָם און באַרימט זיך פאַר אים, ווי אַזוי ער האָט דאָס שטעטל געמאַכט יידן־ריין; ווי אַזוי ער האָט די צען פאַרנעמסטע יידישע איינוואוינער פון שטעטל אויסגעבאָדן אין דער ווייסל אין אַ פראָסטיקן טאָג. בלויז צוויי פון זיי איז געלונגען אַריבערצושווימען צום צווייטן ברעג. די אַנדערע אַכט זיינען אַראָפּ צום גרונט. דער קאָמיסאַר האָט באַרואיקט דעם נייעם איינוואוינער זיינעם, אַז דער אייגנטימער פון דעם הויז, וועלכעס ער האָט האַנסן אָוועקגעגעבן, איז אויך געווען צווישן די אַכט, און ער קאָן זיין רואיק, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען...

האַנס איז אַוועק פון קאָמיסאַר מיט אַ שווער געמיט און מיט אַ גרויס וואַנט־בילד פון „פירער". אין קאָפּ איז אים געשטאַנען דעם קאָמיסאַרס פאַרזיכערונג: „דיזער קאָמט נימאַלס צוריק..." די פיס האָבן אים קוים געטראָגן. די פּויערים, ביי וועלכע ער איז געגאַנגען איינקויפן שפּייז, זיינען אַליין געווען הונגעריק, פאַראַרימט און דערשראָקן. די דייטשע סאָלדאַטן האָבן ביי זיי צוגענומען ביז צום לעצטן קערנדל.

האַנס איז אַהיימגעקומען אַ מידער און אויסגעמאַטערטער מיט אַ ביסל קאַרטאָפלעס אין טאָרניסטער. ער האָט געטראָפן עלזאַן מיט פאַרווייינטע

אויגן. זי האָט זיך אים געוואָרפן אויפן האַלדז מיט געיאָמער:

— האַנס, ליבער האַנס, איך קאָן דאָ נישט זיין! עס שטיקט מיך דאָ אין דער יידן־שטוב... לאָמיר אוועק פון דאַנען!

האַנס האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל איר ענטפערן. די הענט האָבן זיך אים אַראָפּגעלאָזט.

די ספרים־אַלמער איז געשטאַנען אַן אויפגעפּראַלטע. איין טיר איז געשטאַנען ביי דער זייט אַן אויסגעבראָכענע. די אַלטע, ירושהדיקע פּרוכנע וועלכע פון דער אַלמער האָבן שוין נישט געקאָנט דערטראָגן די טירלעך. אַלע פּאָליצעס זיינען געווען געפּאַקט מיט ספרים, געבונדענע אין לעדערנע און לייוונטענע רוקנס, מיט גאָלד־געדרוקטע אותיות, פון וועלכע דאָס גאָלד איז שוין געווען אָפּגעריבן פון אַלטקייט און פון באַנוצן זיי. די גאַנצע אונטערשטע טייל פון דער שאַפע האָט אויסגעפולט דאָס אַלטע אין לעדער געבונדענע ש"ס, פון וועלכן די רוקנס זיינען שוין געווען טיילווייז אָפּגעשיילט.

האַנס קינדער האָבן זיך געפּאָרעט אַרום דער ספרים־אַלמער און ארויסגעשלעפּט ספרים — משניות, חומשים, מחזורים, פּסחדיקע הגדות און בענדער פון שלום עליכם, און נייגעריק געבלעטערט אין זיי און געוואונדערט זיך ווי אַזוי די יידן פאַרשטייען צו לייענען אין אַזאַ שרייבעכץ...

אין איינעם פון די מחזורים האָבן די קינדער אָנגעטראָפן אייניקע בילדער — די מזלות. אויך אין די הגדות האָבן זיי אָנגעטראָפן בילדער, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט מיט נייגעריקייט און זיי האָבן זיך געווענדעט צו דער מוטער, אַז זי זאָל זיי דערקלערן וואָס די בילדער באַדייטן. אָבער די מוטער זייערע, אַן אויפגערעגטע און פאַרביטערטע, האָט זיי אָפּגעזידלט:

— וואָס בין איך דען אַ יודין, אַז איך זאָל פאַרשטיין אין די יידישע שריפטן? זאָגט דעם פאָטער, אַז ער זאָל מיט די ביכער איינהייצן דעם אויוון און אַביסל דערוואַרימען די שטוב.

האַנס האָט געטראַכט, אַז עלזאַ האָט רעכט, מען דאַרף ביסלעכווייז אַנהויבן אויסרוימען די יידישע שפּורן פון שטוב און באַפרייען דאָס הויז פון דעם גייסט פון די יידישע איינגעטימער. דאָס בעסטע וואָס ער קאָן טון מיט די יידישע ביכער איז איינהייצן מיט זיי דעם אויוון. פונדעסטוועגן איז גוט, איז אים דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ, דורכצובלעטערן גוט פריער די ביכער. עס איז דאָך מעגלעך, אַז דער ייד האָט באַהאַלטן אין

זיי דאָלאַר־באַנקנאָטן און אַנדערע אויסלענדישע וואַליוטע...

האַנס האָט אַרויסגעשלעפּט אַ באַנד פון די גמרות און אָנגעהויבן מישן די בלעטער. צווישן די געלע און פאַרפלעקטע בלעטער האָט ער נישט געפונען קיין דאָלאַר־באַנקנאָטן, אַנשטאָט זיי האָט ער גאָר דאָרט געפונען שוואַרצע און ווייסע האָר, וואָס זיינען דאָרט געלעגן צונויפגעפּרעסט. דאָס זיינען געווען שפּורן פון די בערד פון עטלעכע דורות פון דער משפּחה, דורות וועלכע האָבן געלערנט, פאַרטיפט זיך אין זיי און געפונען אַ זין און אַ טרייסט פאַר זייער אָרימקייט און פּיין...

עס האָט געווייעט פון די פאַרגעלטע בלעטער מיט פאַרדעמפּטע ריחות. אַלטע און אומבאַקאַנטע לעבנס און שטייגער האָבן אַרויסגעקוקט און אַרויסגערעדט צו האַנסן פון די פאַרגעלטע גמרא־בלעטער. ווי אַזוי זאָל ער זיך אויספּלאָנטערן פון דער נעץ, אין וועלכער די אומזעבאַרע יידישע לעבנס, וואָס שוועבן דאָ אַרום אין דער שטוב, ווילן אים פאַרפּלאָנטערן...

ז.

האַנס האָט מעכאַניש גענומען אַרויסשלעפּן די ספרים צום אויוון־צו. אַ גאַנצן שטוים האָט ער זיי אָנגעוואָרפן אויפן פּאָל. בענדער פון גרעצס געשיכטע מיט מחזורים, מוסר־ און השכלה־ספרים, מיט בענדער פון מענדעלע און שלום־עליכם, מיט שלחן־ערוכס און סלאָוויטער גמרות האָבן זיך אויסגעמישט צוזאַמען. אַלע דורות פון דער יידישער געשיכטע זיינען דאָ געווען פאַרטראָטן מיט זייערע שאַפונגען. קודם כל האָט ער גענומען אַראָפּרייסן פון זיי די טאָוולען. די ספרים, אַרומגעריסענע, אַרומגעפליקטע, ווי פייגל מיט אָפּגעריסענע פליגלען, האָבן אַלע רואיק געוואַרט אויף זייער גורל...

אויף איינעם פון די ספרים — אַ מורה־נבוכים — זיינען אויף דער צווייטער זייט פונעם שער־בלאַט געווען פאַרשריבן די וויכטיקסטע פאַמיליע־געשעענישן און דער סדר־היוחסין פון די עפּשטיינס. פון ר׳ נטעס אַן עלטער־זיידע האָט דאָס ספר געשטאַמט און ער האָט דאָס מיט אַ נענדזוענער פען, מיט דראָבנע געכתיבהטע אותיות פאַרצייכנט, ווי אין אַ פּנקס אַריין, די אַלע געשעענישן פאַר די קומענדיקע דורות פון דער משפּחה. נאָך אַ מינוט, און די פייער־צונגען וועלן דאָס אַלץ איינשלינגען און אָפּמעקן ווי אַ חלום. די פלאַמען פון אויוון האָבן באַגאָסן די ספרים מיט אַ רויט־בלוטיקער שיין...

די קינדער האָבן אויפגעלעבט ביי דער אַרבעט. דאָס איז געווען פאַר זיי אַ שיינע און פאַרווײַלנדיקע שפּיל. זיי האָבן זיך אָנגעלייגט פולע אָרעמס מיט ספרים און זיי געטראָגן צום אויוון.

האַנס האָט מיט רואיקייט געווּקט די ספרים אין אויוון אַריין. די פייער־צונגען האָבן זיך קוים אָן עצה געגעבן מיט דער אָנגעלייגטער שפּייז. די שטוב האָט זיך אָנגעפילט מיט רויך און מיט סאַזשע. האַנס האָט כסדר געהאַלטן אין איין דערלייגן אין אויוון אַריין, מיינענדיק אַזוי אַרום צו באַפרייען די שטוב און זי אויסרוימען פון יידישקייט, אָבער דער באַרג ביים אויוון האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. האַנסן האָט אַזש גענומען שווינדלען פאַר די אויגן און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די יידישע אותיות פון די פאַרברענטע ספרים טאַנצן, שוועבן אין דער לופטן און זיי פילן־אָן די גאַנצע שטוב...

פון אַן אויסגעליידיקטער פּאָליצע מיט ספרים האָבן די קינדער אַרויס־געשלעפּט אַ לייוונטן זעקל, וואָס איז אַרויסגעפאַלן אויפן פּאָל מיט אַן איידעלן געקלאַנג. פון דעם זעקל האָט האַנס אַרויסגענומען אַ פּאָר זיל־בערנע בענטש־לייכטער, אַלטע און צעבויגענע; אַ בשמים-ביקס, מיט אַ טורעם און מיט אַ פענדל אין דער שפּיץ, אינעם סטיל פון „מגדל דוד", און אַ מאַסיוון זילבערנעם בעכער מיט אַ פוס — אליהו הנביאס כוס, אָדער אַ קידוש־בעכער.

האַנס און זיין ווייב האָבן לאַנג באַטראַכט מיט נייגעריקייט די זיל־בערנע חפצים און געוואויגן זיי אויף די הענט און געשאַצט וויפיל זיי האָבן די ווערט...

די זילבערנע רעליגיעזע חפצים, וואָס געפינען זיך שוין דאָ אַ סך צענדליקער יאָרן אין דער שטוב, האָבן איצט אויסגעקוקט ווי פאַריתומט, ווי געפאַנגענע אין דער פרעמד. פון דער קאַמאָדע אַראָפּ האָבן זיי איינ־געזאַפּט אין זיך דעם גאַנצן טרויער און חורבן פון דער שטוב, ווי לע־בעדיקע פילבאַרע באַשעפעניש.

די געפונענע זאַכן — כאָטש זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען די נייע באַ־לעבאַטים, אַז מ'קאָן פאַר זיי קיין גרויסעם נישט באַקומען, האָבן זיי גע־געבן מוט. דאָס איז געווען פאַר זיי אַן אָנגענעמע איבעראַשונג.

עלזאַ האָט אַרויסגעזאָגט פאַר האַנסן די השערה, אַז די יידן האָבן זיכער ערגעצוואו אין דעם הויז פאַרשטעקט געלד, אָדער ווערט־זאַכן. זיי־נען מאַן און ווייב אַרויפגעקראָכן דורך די הויז־טרעפּ, וואָס פירן צום בוידעם־אַרויף.

מיט אַ ליכט אין דער האַנט האָבן זיי ארומגעשפּאַנט איבערן בוידעם און געזוכט אין יעדן ווינקעלע. דער בוידעם, דער פאַמיליע־מוזעאום פון די אַלטע יידישע היימען, מיט אַ ים אַנטיקוואַרע, אָפּגענוצטע זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָרט ארומגעוואַלגערט זינט דורות, האָט געדרייצט זייער פאַנ־טאַזיע.

זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פאַרמאַכטן און מיט ראַגאַזשעם פאַרדעקטן קאַסטן. מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָבן זיי גענומען אויספאָרשן זיין אינהאַלט.

דאָס איז געווען דער קאַסטן מיטן יום־טובדיקן געפעס. עס האָט פון זיין אינעווייניק אַרויסגעקוקט אַ באַזונדערע ריינקייט. די טעלער און די וואַזאַנקעס האָבן געבלאַנקט מיט ווייסקייט. עס האָבן באַזונדערס גערופן זייער אויפמערקזאַמקייט אַ שיכט בלויע געשליפענע גלעזלעך. דאָס זיינען געווען די כוסות, וואָס ר׳ נטעם הויזגעזינט פלעגט נוצן אין די סדרים־נעכט. יעדעס קינד האָט געהאַט זיין כוסה. אפילו פאַרן געשטאָרבענעם עלצטן זון און אַ צווייטן, וואָס געפינט זיך איצט אין אַמעריקע, האָט מען אויך זייערע כוסות אָנגעגאָסן אין די ליכטיקע סדרים־נעכט, גלייך ווי זיי זאָלן זיך דאָ געפינען ביים טיש צוזאַמען מיט דער משפחה... אַזאַ מנהג איז געווען אין דער שטוב. און קוקנדיק אויף די כוסות, וואָס זיינען גע־בליבן שטיין אומבאַרירט אויפן טיש, פלעגן טאַטע־מאַמע געהיימערהייט אָפּווישן אַ טרער...

האַנס מיט עלזאַן האָבן די בלויע כוסות אַראָפּגענומען מיט זיך, כאָטש זיי האָבן זיי איצט אינגאַנצן נישט באַדאַרפט. דער בלויער קאָליר זייערער איז געווען אַזאַ מילדער און דורכזיכטיקער. עס האָט פון די כוסות גע־שמעקט מיט יום־טובדיקייט, מיט פּסחדיקער ריינקייט און אָפּגעהיטנקייט.

ז.

ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט. דער דרויסן האָט אַריינגעקוקט אַ נעפּל־דיקער, אַ קרענקלעכער. האַנס האָט נישט געוואוסט צו וואָס ער זאָל זיך נעמען. אַרבעט איז דווקא געווען אַ סך. די זאַכן, וואָס זיי האָבן גע־בראַכט מיט זיך, זיינען געשטאַנען נאָך פאַרפּאַקט. נישט האַנס און נישט עלזאַ האָבן געטראַכט צומאָל וועגן אָנהויבן אויפצופּאַקן די זאַכן. די הענט האָבן זיך זיי נאַרנישט געלייגט צו דער אַרבעט.

האַנס האָט געקליבן זיך אויפצוהענגען דעם „פּירערס״ בילד. ער האָט אַזויערנאָך געוואָלט געבן אַן אייגענעם און נאָענטן קאָלאָריט דער פרעמ־

דער שטוב. האַנס האָט זיך לאַנג געפּאָרעט ביים בילד פון ווילנער גאון, וואָס ער האָט געהאַט אַראָפּגענומען פון דער וואַנט. ער האָט געוואָלט איינפּאַסן אין דער ראַם אַריין דעם פירערס בילד, אָבער ביים אַרויסשלעפּן די טשוועקלעך, וואָס האָבן געהאַלטן די שויב, איז זי צעפּלאַצט געוואָרן. האָט ער דעם „פירערס" בילד אויפגעהאַנגען אָן אַ ראַם.

פון איינער פון די וואַליזקעס האָט ער אַרויסגענומען נאָך אייניקע בילדער, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, און זיי אויך אויפגעהאַנגען אויף דער זעלבער וואַנט, אונטער דעם פירערס בילד. איין בילד האָט פאַרגעשטעלט אַ יעגער, וואָס טראָגט אַהיים פון יאַגד אַ שטוים ערשט־געשאָסענע, בלוטיקנדיקע נאָך האָזן און פייגל. דאָס צווייטע בילד איז געווען אַ רעפּראָדוקציע פון אַן אַלט־דייטשן האָלצשניט, אויסגעשניטן פון אַ דייטשן זשורנאַל, וואָס ווייזט ווי אַ קוכער מיט אַ מעוברתדיקן בויך שאַרפט אַ מעסער צו קוילען אַ גרויסן חזיר וואָס שטייט נעבן אים.

היטלערס בילד האָט אַראָפּגעקוקט מיט כעס פון איבער דער קאָמאָדע אַראָפּ אין דער שטוב אַריין, וואָס האָט נאָך געטראָגן אויף שריט און טריט די שפּורן פון יידישקייט.

אין דער שטוב איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער, אָבער פאַרביסענער קאַמף צווישן צוויי קולטורן — אַ קאַמף צווישן יידנטום און גערמאַנערטום. אַ געראַנגל צווישן דעם אַלטן ספרים־אַלמער, די שבת־לייכטער, מיט דעם מעסער...

דעם זעלבן אָוונט, פאַרן לייגן זיך שלאָפן, האָט האַנס אָנגעצויגן דעם זייגער, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אין שלאָפצימער און וועלכער האָט זיך פאַר דער צייט, זינט מ'האָט די פריערדיקע באַלעבאַטים פאַר־טריבן, געהאַט אָפּגעשטעלט. ווידער ווי אַמאָל האָט זיך דער אומרו פון זייגער גענומען באַוועגן און אין שטוב האָט זיך גענומען הערן די באַקאַנטע און היימישע שפּראַך, דער אייביקער און מאָנאָטאָנער טיק־טאַק, וואָס שאַפט שטימונג און וואַרימע היימישקייט.

דער אומשולדיקער און גאָרנישט מיינענדיקער טיק־טאַק האָט אָבער די איינוואוינער פון דער שטוב אָנגעפּולט מיט אומרואיקייט. די אַלע חרטה־געפילן, וואָס האָבן זיך אַלץ מער אויפגעוועקט אין זיי אויף זייער קומען אַהער, האָט דער זייגער עפּעס מאָדנע אויפגעכאַפּט, פאַרגרעסערט זיי און זיי איבערגעחזרט אָן אַ שיעור מאָל...

און ס'איז געווען אַזוי פיינלעך דעם פאָר־פאָלק צו הערן פון די גע־לענערס אַראָפּ די פעסטע און ריטמישע שפּראַך פון דעם זייגער, וואָס האָט

אָפּגעקלונגען אין דעם פינצטערן חלל פון צימער, ווי אַ שבועה, ווי אַן אומפאַרמיידלעכע קללה.

ח.

ביינאַכט האָט פאַסירט עפּעס, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ טויט־שרעק אויף זיי. אייגנטלעך האָט נישט פאַסירט קיין אויסטערלישעס. אַ קלאַפּ האָט זיי אויפגעוועקט פון שלאָף. האַנס האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, אַראָפּ פון בעט און איז אַריין אין צווייטן צימער. דעם „פירערס" בילד איז געהאַט אַראָפּגעפאַלן פון דער וואַנט אויף דער קאָמאָדע אַרויף און איבערגעקערט און צעבראָכן עטלעכע פון די בלויע כוסות.

זיכער, אַז ס'איז נישט געווען קיין אויסטערלישעס אין דעם. מעגלעך, אַז דאָס טשוועקל איז נישט געווען גאָר גוט אַריינגעקלאַפּט, אָדער צוליב דער פרוכגעוואַטער וואַנט האָט דאָס פאַסירט. אָבער זייער אויפגערעגטקייט, זייער אָנגעשפּיצטער געמיט האָט געמאַכט זיי אַבערגלויבעריש. דאָס געפינען זיך אין דער פרעמדער שטוב, וואו יעדע זאַך האָט געטראָגן דעם הויך פון אַן אַנדערן, וויטן פאַר זיי לעבן, האָט געווירקט אויף זייער געמיט און דעריבער האָבן זיי אויפגעכאַפּט און אַריינגעטייטשט אַ מיין אין יעדער מינדערוויכטיקער געשעעניש...

ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, האָט די אומבאַדייטנדיקע געשעעניש געווירקט אויף זיי. דאָס אַרישע פּאָר־פאָלק האָט געזען אין דעם אַ שלעכטן סימן.

מאַן און ווייב זיינען שוין געלעגן וואַך און אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט צו יעדן שאָרך. פון דרויסן האָט זיך געהערט אַ שוואַך מיאַוקען פון אַ קאַץ. מאַן און ווייב זיינען געלעגן און געשוויגן. זיי האָבן נישט געוואָלט פאַראַטן זיך איינס פאַר ס'אַנדערע מיט זייער אומרואיקייט. דערפאַר האָט דער זייגער אויפגעכאַפּט זייער שרעק און פאַרטייטשט דאָס אויף זיין שפּאַך...

אינדערפרי, ביים אַרויסגיין פון שטוב, האָט האַנס אויף דער שוועל געטראָפן ליגן די קאַץ פון די פריערדיקע באַלעבאַטים — אַ טויטע, אַ געפרווירענע. דאָ אויף דער שוועל, איז זי אויסגעגאַנגען, אין איר היים...

מיטן פוס האָט האַנס זי אַראָפּגעשאַרט פון דער שוועל, ביז אויף יענער זייט רינשטאָק, אין מאַרק. דער מאַרק איז געלעגן אַ ווייסער. איבער נאַכט איז אָנגעפאַלן אַ געדיכטער שניי. דער שניי האָט צוגעגעבן

דעם שטעטל אַ באַזונדערן אומעט. ווי אַ שטיק פּאַרגליווערט לעבן האָט דאָס אַלץ אויסגעזען. האַנס, וואָס איז שוין געווען אָפּגעוואוינט פון אַזאַ ווינטערדיקער לאַנדשאַפט, האָט דאָס אויפגענומען מיט בענקעניש, מיט אומרואיקייט.

האַנס איז אַריין צום געסטאַפּאָ־קאָמיסאַר.

— וואָס ברענגט דיך דאָ אַהער אַזוי פרי?

האַנס האָט אַ שולדיקער אַרויסגעשטאַמלט:

— איך וויל אַוועק פון דאַנען. מיר וועלן דאָ נישט קאָנען...

דער קאָמיסאַר האָט היינט האַנסן נישט מכבד געווען מיט ראָם, ניין. דאָס פּנים פון געסטאַפּאָ־קאָמיסאַר האָט זיך אָנגעגאָסן מיט רציחה:

— פון דאַנען אַוועק איז נאָר פאַראַן איין וועג — האָט זיך דער קאָמיסאַר געהיצט — צום קאָנצענטראַציע־לאַגער. ביזט דאָ אין דינסט פון דייטשלאַנד, צו העלפן דערהאַלטן די דעראָבערטע טעריטאָריעס אין באַזיץ פון דריטן רייך. נעם דאָס גוט אין אַכט!

האַנס איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ער האָט אויסגעהערט דעם קאָמיסאַרס בייזע און שטרענגע ווערטער, ווי אַ טויט־אורטייל...

ט.

עס זיינען דורך נאָך עטליכע טעג. דאָס לעבן איז דאָ געווען פאַר זיי טרויעריק און שווער. זיי האָבן גאַרנישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי די פריערדיקע איינוואוינער, וועלכע זיינען פון דאַנען פאַרטריבן געוואָרן, האָבן דאָ געקאָנט לעבן אַזוי פיל יאָרן, אַזוי פיל דורות אין אַזאַ ענגשאַפט און אָרימקייט. עס האָט זיי ממש פאַרפעלט לופט אין די ענגע חדרימלעך.

פאַר דער צייט זיינען אָנגעקומען פון אויסלאַנד נאָך דייטשע פאַמיליעס זיך צו באַזעצן דאָ אין דעם שטעטל. האַנס האָט זיך מיט זיי נישט געטראָפן. דאָ, אין דער שטוב זייערער, האָבן זיי געלעבט אָפּגעזונדערט.

זיי האָבן נישט געקאָנט אויסרוימען די שטוב פון דעם יידישן גייסט, וואָס איז דאָ געווען איינגעוואָרצלט און האָט אַראָפּגעקוקט, אַראָפּגעשריען פון אַלע ווינקעלעך. זיי האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי געפינען זיך נישט אין אַ פריוואַטער שטוב, נאָר אין אַ סינאַגאָגע... יעדן טאָג האָבן זיי אָנגעשטויסן זיך אויף נייע און אומבאַקאַנטע פאַר זיי שפורן פון יידן און יידישקייט. אַמאָל זיינען דאָס געווען די מזוזות וואָס זיינען געווען איינ־

געפּאַסט אין בלעכענע פּושקעלעך אין די ביישטידלען; אַ מעשענער חנוכּה־לייכטער; דאָקומענטן, וואָס זיינען געווען געשריבן מיט געכתיבהטע אותיות, און בריוו און אַלטפרענקישע מלבושים זיידענע, וואָס זיינען שוין געהאַט צעקראַכן, צעדריוועלט געוואָרן פון אַלטקייט.

האַנס מיט עליזאַ האָבן געפירט אַ כסדרדיקן קאַמף, אַ שווערן קאַמף קעגן אַן אומזעבאַרן און שטאַרקן שונא... זיי האָבן דערפילט מיט יעדן טאָג שטאַרקער די פריערדיקע יידישע איינוואוינער פון דעם הויז. די אומרעכט האָט ארויסגעשריען צו זיי פון יעדן ווינקעלע און שפּאַלט. אַלץ האָט גערעדט צו זיי מיט אַ פרעמדער, מיסטעריעזער שפּראַך, וואָס האָט זיי אויפגערעגט און אַנגעשטעקט מיט אומרואיקייט. פאַרוואָס און נאָכ־וואָס האָט מען זיי פאַרטריבן, די פריערדיקע איינוואוינער פון דאַנען?

מער ווי עליזאַ האָט האַנס דערפילט די ביטערע עוולה, וואָס איז גע־שען מיט די יידישע איינוואוינער פון דעם הויז. ער האָט זיך געפילט שולדיק, אַ מיטשולדיקער אין דעם פאַרברעכן. דאָס געוויסן האָט אים געפּייניקט און אים צוגענומען יעדן ווילן צו טון עפּעס איינצואָרדענען זיך אין דעם גערויבטן הויז...

די טריט האָבן גענומען ברענען אונטער זייערע פיס. דאָס באַקומען שפּייז איז שווערער געוואָרן מיט יעדן טאָג. שווייגנדיקע, ווי ברוגזע, האָבן מאַן און ווייב זיך ארומגעדרייט אין דער שטוב. די פּעק זייערע זיי־נען נאָך אַלץ געשטאַנען איינגעפּאַקט. די פּעק האָבן אָנגעהאַלטן ביי זיי די לעצטע האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך נאָך קאָנען אַמאָל ארויסרייסן פון דעם אָרימען קבר...

י.

אַמאָל, ביינאַכט, האָט האַנס זיך געדרייט אויפן געלעגער און נישט געקאָנט איינשלאָפן. דאָס פּנים, דער קאָפּ, דער גאַנצער קערפּער — אַלץ האָט אין אים געברענט, געגליט פון חרטה און פון פאַרצווייפלונג.

דרויסן האָט דער ווינט געריסן זיך, געברומט, געקלאַפּט אויף אומ־באַקאַנטע שרעקלעכע טענער. האַנס האָט זיך אָנגעטון און איז אַרויס.

דער שנייאיקער ווינט האָט אים דורכגענומען. עפּעס אַן אימפּעט האָט אים גענומען טראָגן. ער איז געלאָפן איבערן מאַרק צו דער קירך און פון דאָרט מיטן שטעגל, וואָס פירט צו דער ווייסל אַראָפּ.

פונדערוווייטנס האָט זיך געהערט דאָס וואָיען פון הינט. האָנס איז גע־שטאַנען נעבן ברעג פון דער שטראָמיקער ווייסל. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָ אויף דעם זעלבן אָרט, וואו ער שלעפט זיך איצט, האָט דער געס־טאַפּאָ־קאָמיסאַר אריינגעטריבן די צען יידן פון שטעטל, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דער אייגנטימער פון דעם הויז, וועלכעס האַנס באַוואוינט איצט...

פון מארק אָראָפּ האָט זיך דערטראָגן דער עכאָ, די דערשראָקענע קולות פון עלזאַן, וועלכע האָט גערופן מיט געוויין אין דער פינצטערע נאַכט אריין:

— האַנס, האַנס, וואו ביזטו?!

האַנס האָט נישט געענטפערט...

האָבן זיי אים געשוינט, די מערדער?

א.

א שווערע אומרואיקייט פייניקט מיך לעצטנס וועגן מיין אַלטן טאַטן. אַזוי לאַנג אַז איך האָב נישט קיין ידיעה פון אים...

זיין הויכע אַביסל איינגעבויגענע געשטאַלט איז מיר איצט אַזוי נאָענט און זי שיילט זיך אויס בולט דורך דעם ווייטן שטח און צייט וואָס כ'האָב אים נישט געזען.

אויף שריט און טריט באַגלייט מיך מיין טאַטנס ליכטיקע געשטאַלט, און זי איז פאַר מיר אַן אָנהאַלט, אַן אָנשפּאַר אין די קריטישסטע מאָמענטן.

אין די טיפע קנייטשן פון מיין טאַטנס איידעלן פּנים נעסטן שפּורן פון מיינע נישט ווייטע קינדער־יאָרן. טעג, ליכטיקע, ווען די שכינה האָט גערוט אין אונדזער ירושה־שטוב, און טעג, טונקעלע, ווען וואָלקנס שווערע האָבן זיך פאַרצויגן איבער אונדזער באַלעבאַטישער היים.

— מען דאַרף האָבן בטחון — פלעגט זאָגן מיין טאַטע ביי יעדער געלעגנהייט.

און די פּשוטע יידישע ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט אַ רואיקן באַרו־איקנדן טאָן, קלינגען נאָך איצט אין מיינע אויערן און ווירקן ווי אַ גוטער באַלזאַם אויף מיין צעטרייסלט געמיט.

ווי אַ ליכטיקער שטערן לייכט צו מיר אַרויס דער מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון שטעטל. דאָס גאַנצע שטעטל איז נאָכגעגאַנגען נאָך די אָנגלאָדענע וועגענער מיט זאַכן. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי זיך געזעגנט.

— ר' משה, אויף וועמען לאָזט איר אונדז איבער?

נאָך ביים היינטיקן טאָג, ווען איך דערמאָן זיך אין דעם מאָמענט, פיל איך, אַז עס ווערט ליכטיק אַרום מיר און אַ טיפער דרך־ארץ נעמט מיך דורך צו מיין שטילן, כמעט שטענדיק שווייגנדיקן טאַטן, מיט שיינע יידישע מדות.

איך פיל אין מיר נאך די טיפע קרעכצן פון מיין טאטן, בשעת ער האט אין די בין־השמשותן געשפאנט איבער דעם צימער און געקרעכצט אויף אייגענע דאגות און צרות הכלל.

יעדער פון מיין טאטנס קרעכצן האט זיך איינגעשניטן אין מיין יונגער נשמה און האט אויף מיר שטארקער געווירקט, ווי די שארפסטע שטראף־רייד. צוזאמען מיט די קרעכצן האב איך אלס יונג קינד גענומען אויף זיך פליכטן, פענטעס, פון וועלכע כ׳וועל זיך שוין אייביק נישט קאנען באפרייען.

עס קלינגען נאך איצט אין מיינע אויערן די לעצטע ווערטער, וואס איך האב געהערט פון מיין טאטן, בשעת איך האב זיך געזעגנט מיט אים אוועקצופארן אין דער וועלט אריין.

— וועלן מיר זיך נאך אמאל זען, זלמן?...

אין דעם מאמענט האט זיין שטים פארלוירן די זיידענע געמיטלעכקייט און זי האט זיך אנגעזאפט מיט טרערן, וועלכע ער האט נישט געקאנט אויסבאהאלטן פון מיר.

דאס איז געווען דאס איינציקע מאל ווען איך האב מיין טאטן געזען א וויינענדיקן.

איך פיל נאך איצט אויף מיין לייב דעם שוידער, וואס די ווערטער, די לעצטע ווערטער פון מיין טאטן, האבן ביי מיך געהאט ארויסגערופן. וועל איך נאך אמאל הערן זיין גוט און בארואיקנד קול?

האט די השגחה פארשוינט מיין אלטן טאטן, אז ער זאל נישט אומקומען דורך די הענט פון די רוצחים? — — —

ב.

אויפן שאסיי, וואס פירט פארביי דעם שטעטלשן בית־עולם האב איך אים באגעגנט. א בארוועסער און מיטן טלית־זאק אונטערן ארעם האט ער געשפאנט א פארטיפטער און געלייטערטער.

א הויכער, אן אויסגעדארטער, מיט צעבלוטיקטע פיס, האט ער געשפאנט איבערן שאסיי מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ, און געקוקט פאר זיך מיט זיינע שווארצע און טרויעריקע אויגן.

— טאטע!

ער האט געשוויגן און איז ווייטער געגאנגען זיין וועג.

— טאטע, דערקענסט מיך נישט?! — האב איך אויפגעציטערט.

און דער טאַטע האָט געווענדעט זיין בליק צו מיר און האָט טרויעריק און קאַלט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיר.

איז דאָס טאַקע מיין טאַטע, אָדער איז דאָס אַ שאָטן גאָר, אַן עכאָ פון זיין געשטאַלט?

בין איך געשטאַנען אַזוי נעבן מיין טאַטן און ביידע האָבן מיר גע־שוויגן. און די שווייגעניש איז געוואָרן געדיכטער, שטאַרקער פון מינוט צו מינוט און האָט מיך געשטיקט.

איך האָב מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן אַזאַ שווערע שווייגע־ניש און האָב אויסגעבראָכן מיט אַ געיאָמער:

„איך פיל זיך אַזוי שולדיק, טאַטע. כ׳האָב אייך געלאָזט אַליין אויף די אַלטע יאָרן און כ׳בין אַוועק אין דער וועלט אַריין, זוכן ברויט פאַר מיר״.

„אויף אַלע אייביקייטן האָב איך זיך פאַרזינדיקט. כ׳האָב אייך, אַלטע לייט, געלאָזט אויף הפקר, געלאָזט אייך אויף דעם חסד פון אַן אכזריות־דיקן שונא, און אַליין בין איך אַוועק — צו באַזעצן זיך אין אַ לאַנד פון זאַטקייט, אין אַ לאַנד פון ברויט און פלייש״.

„ווי איז מיר! איך האָב אויסגעביטן, טאַטע, דיין שבתדיקע גיים־טיקייט אויף — דעם חלב באַדעקטן כאַמאַן — — —״

אַ קעלט האָט גענומען טרייסלען מיט אַלע מיינע גלידער. אַ פרעמ־דער און זינדיקער בין איך געשטאַנען פאַר מיין אַלטן טאַטן. מיין גאַנץ לעבן וואָלט איך אַוועקגעגעבן אַז איך זאָל ווידער זיך פילן אַזוי נאָענט צו מיין טאַטן, ווי אין יענע טעג פון מיין קינדהייט, ווען איך האָב געטרונקען פון זיין קידוש־ און הבדלה־בעכער.

און איך האָב מיט ברען, מיט פייער גענומען זאָגן שטיקער פון תפלות, אָפגעריסענע שטיקער פון פיוט, וואָס האָבן נאָך אַרומגעבלאָנדזשעט אין מיין זכרון פון די קינדער־יאָרן, ווען איך בין געשטאַנען אין אונדזער אָרי־מער שול ביים טאַטנס שטענדער און אַריינגעקוקט אין זיין מחזור אַריין.

דער טאַטע האָט מיט באַדויערן אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף מיר, ווי ערב יום־כיפור צום בענטשן, און ער האָט טרויעריק געשעפטשעט:

„...איבעריקע רייד, מיין קינד. גאָט הערט אונדז נישט מער. ער האָט זיך אָפגעטאָן פון אונדז״ — — —

איך בין געבליבן אַ פאַרגליווערטער פון טאַטנס רייד.

מיין טאַטע אַ גאָט־לעסטערער?!

איך האב דערפילט דאס געשריי, וואס האט זיך אנגעקליבן ווי א שטור־רעם אין זיין איינגעטריקנטער ברוסט.

וואס פארא מוראדיקע און גרוילהאפטע איבערלעבונגען עס האט גע־מוזט דורכמאכן מיין טאטע; וואס פארא בלוט־פארגליווערנדיקע בילדער עס האבן איינגעזאפט אין זיך זיינע אויגן, וועלכע האבן אזויפיל יארן געשוועבט צווישן די שורות פון הייליקע ספרים, אז ער, דער פרומער און אפגעהיטענער — זאל ווערן א גאטס־לעסטערער...

ווי לאנג איז ערשט, אז איך בין געווען דער אומגלויביקער, און מיין טאטע פלעגט מיר פארווארפן גאט־לעסטערונג?

אזא אויסטערלישער בייט מיט די ראלן?!

כ'האב נישט געוואגט דעם בליק אויפצוהויבן צו מיין טאטן. זיין גאט־לעסטערונג האט אים נאך מער דערהויבן און געהייליקט. איך האב געזען, געפילט אין אים די פארקערפערונג פון אלע ליידן אונדזערע...

:: :: ::

פון ווייטנס זיינען אנגעלאפן די גערמאנישע מערדער, צעווילדעווע־טע. באוואפנטע פון קאפ ביז די פיס, האבן זיי זיך געיאגט נאך מיין אלטן טאטע.

איך האב געוואלט אים באשיצן, פארשטעלן אים, אדער נעמען אים און אנטלויפן, אבער ער האט נישט געוואלט.

„איך מוז דא בלייבן!"

ער האט זיך איינגעהילט אין זיין טלית, וואס ער האט געטראגן מיט זיך, און דרייסט און מוטיק איז ער געבליבן שטיין אן אויסגעגלייבטער.

איך בין געבליבן א פארציטערטער, א צעבראכענער, א מאכטלאזער אין מיין אומבאהאלפנקייט, אן א געשריי צומאל אין מיין האלדז.

ג.

מיין טאטנס געשטאלט באאומרואיקט מיך. זיין ליכטיקע געשטאלט מאנט עפעס ביי מיר.

האבן זיי אים געשווינט, די מערדער?

אפשר נויטיקט ער זיך איצט אין מיין טרייסט, אין מיין הילף?

אפשר דארף איך קדיש זאגן נאך אים?

מערער אבער פון אלץ מאנט ער ביי מיר נקמה, — נקמה פאר אים און פאר אלע קדושים אונדזערע — — —

געווען אַמאָל אַ שטעטל...

אַ קינד האָט היינט אויפגעוועקט זיין טאַטן מיט פרייד.

— זע, טאַטע, זיי האָבן אָפּגענומען דיין שטעטל! דאָרט וואו דער זיידע און די פעטערס האָבן געוואוינט!

אַנטקעגן דער גלייכגילטיקייט מיט וועלכער דער פאָטער האָט אויפגענומען די בשורה, איז דאָס קינד געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער.

— פרייסט זיך גאָרנישט, טאַטע?

— יאָ, מיין קינד...

— אָבער פאַרוואָס...

דאָס קינד האָט דערזען ווי עס גיסן זיך טרערן פון זיין טאַטנס אויגן.

— עס איז דאָרט פון זיי קיינער נישט פאַרבליבן, קיינער נישט. בלויז דער נאָמען איז געבליבן פון מיין באַליבט שטעטל.

:: :: ::

געווען אַמאָל אַ יידיש שטעטל אין פוילן, מיט אַ געדיכט, פולסירנד לעבן, מיט אַן איינגעוואָרצלטן און אייגענעם שטייגער. היינט ליגט עס פוסט און וויסט, אָן נשמה.

ווי וועלן זיי דאָרט קאָנען ווייטער עקזיסטירן די שטעטלעך, די פאַרוואָרפענע און פאַרגעסענע „טל ומטרלעך”, אָן יידן? דאָס יידישע לעבן האָט זיי געגעבן חן, אייגנאַרט, קאָלאָריט און פאַרבונדן זיי מיט דער גרויסער און ווייטער וועלט.

געווען אַמאָל דאָרט אַ יידיש שטעטל און דאָס איז שוין נישטאָ מער. אַ ווילדער און אכזריותדיקער שטורעם האָט אַלץ אויסגעריסן ביזן וואָרצל, צעטראָטן און דערשטיקט.

פון דעם פאַרגעסענעם אָרימען שטעטל מיט די אויסגעדרייטע ווענט און איינגעפאַלענע דעכער פון די פּרוכנעוואַטע ירושה־הייזער, האָבן מיר אַלע געצויגן יניקה און געשפּייזט זיך מיט דער שיינקייט פון די דערינערונגען, וואָס מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך אין דער ברייטער וועלט אריין.

דאָס אָרימע און פאַראָרימטע שטעטל איז געווען אונדזער רעזער־וואואַר פון גייסטיקע כוחות. פון דאָרט זיינען געקומען אונדזערע בויער און שעפער, אונדזערע דיכטער און קנאַישע פאַרטיי־לידער.

די בעסטע טאַלאַנטן אונדזערע זיינען געקומען פון שטעטל, פון יענעם וואונדערלעכן פאָלקס־שעפערישן רעזערוואואַר.

דאָרט, אין די חדרים (שפּעטערע חדרים־מתוקנים און נאָך שפּעטערע פאָלקס־שולן), אין די האַלב איינגעפאַלענע הייזקעס און אין דער הימל־שרייענדיקער דחקות און אָרימקייט — האָבן זיך אויסגעוואָרימט, אויסגע־איידלט געפילן און עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט און קאָנסערווירט די אַלע זאַפטן און שעפערישע באַגערן, וואָס האָבן שפּעטער באַקומען זייער הער־לעכן אויסדרוק אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן, דורך אומבאַקאַנטע שטעטלשע בחורים...

אָן דער שטעטלדיקער יניקה וואָלטן אַלע אונדזערע פּאַרטייען, באַוועגונגען און לאָזונגען קיין האַפט און קיין קיום נישט געהאַט.

אין יעדער באַוועגונג, פון וואָס פאַרא טענדענצן און כאַראַקטער זי זאָל נישט זיין, האָט דער קליינשטעטלדיקער בחור אריינגעבראַכט שטי־מונג, ראָמאַנטישקייט, ברען און אימפּעט פון נישט אויסגעוועפּטע, נישט אויסגענוצטע לעבנס־רעזערוון.

ווער געדענקט נישט די קליינשטעטלדיקע בחורים מיט די פאַרחלומטע אויגן, וועלכע פלעגן קומען אין די גרויסע שטעט אריין אין זייער מאָדנעם בית־מדרש הילוך!

פאַרשעמטע, פאַרלוירענע און אומדערפאַרענע, פלעגן זיי יאָרנלאַנג איינחזרן גראַמאַטיקאַלע כללים, גרייטנדיק זיך צו די עקסטערנע עקזאַמע־נעס; אויסגעבלייכטע און הונגעריקע פלעגן זיי זיצן אין די אוניווערזיטעט־ביבליאָטעקן און שטילן זייער דורשט נאָך וויסן; אָדער גאָר קלאַפּן אין די טירן פון די רעדאַקציעס מיט פעקלעך כתבים, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך.

און דאָס זעלבע שטעטל האָט אויך צוגעשטעלט אַ גוטן מענטשן־מאַטעריאַל פאַר אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, וואו עס זיינען נאָר אויפ־געגאַנגען אונדזערע ישובים.

אומעטום האָבן זיי מיטגעבראַכט מיט זיך אימפּעט און ברען פון נישט־אויסגעלאָדענער שעפערישקייט און בענקעניש — אָן עבאָ פון דעם פאַרבענקטן, ראָמאַנטישן וועלדל אין שטעטל...

:: :: ::

געוועזן אמאל א שטעטל אין פוילן...

עס שטייט דארט נאך אפשר די שטעטלשע, ארימע, אבער אייביק הייליקע שול — א פארשעמטע, א פארשוועכטע און פאראומרייניקטע פון די פערד וואס די רשעותדיקע געמאנער האבן דארט געהאלטן. אבער עס איז נישטא דארט קיין איין ייד, וועלכער זאל די שול אויסרייניקן און צוריק אנצינדן דעם נר תמיד...

פוסט, אן לעבן, אן נשמה, זיינען דארט פארבליבן די פיל הונדערטער שטעט און שטעטלעך.

נישט פון בית המדרש און נישט פון געוועזער שטיבל וועלן זיך טראגן די תפילות פון א עדה יידן. נישט דער שבתדיקער און פריידיקער „לכה דודי" און נישט דער וואכעדיקער און אומעטיקער „והוא רחום" וועט זיך דארט הערן.

די קלייטניקעס פון שטעטל וועלן מער נישט זיצן מיט פארזארגטע פנימער און ווארטן אויף א קונה, און דערווייל פארגעסן, שטילן דעם צער מיט ארייננקוקן אין א ספר.

און ווי איז מעגלעך צו פארשטעלן זיך די שטעטלעך אן יידן, יידן־ריין, בשעת אין אונדזערע באגריפן זיינען זיי אזוי דורך און דורך יידיש אין זייער תוך?

וואס, א שטייגער, וועט דארט טון די לבנה איבערן שטעטל, אויב עס וועלן נישט זיין קיין יידן וואס זאלן זי מחדש זיין?...

און דער טייך — ווי וועט ער זיך פילן דארט, אויב עס וועלן נישט זיין יידישע קינדערלעך, וואס זאלן זיך שווענקען, פליעסקען אין זיינע וואסערן, און יידישע טאטעס, וואס זאלן גיין צו „תשליך"?...

און דאס סאסנע־וועלדל — אן יידישער יוגנט, וואס זאל עס באלעבן מיט געזאנג, מיט דיסקוסיעס און מיט „געפירטע" ליבעס?

און דער מארק, דער שטעטלשער מארק — אן דעם אלטן בית המדרש און אן יידישע קלייטן און אן יידישע פאסאזשירן, וואס איילן זיך צו דער באן?

און וואס פארא זין וועלן איצט האבן די ווערבע־ביימער, וואס האבן באזארגט יידן מיט הושענות?...

עפעס איז שווער צו באנעמען און פארצושטעלן זיך די היימישע שטעט און שטעטלעך אונדזערע אן יידן, און נאך שווערער איז שלום צו מאכן מיטן געדאנק, אז אזוי איז דאס טאקע.

:: :: ::

קיינער איז נישט געבליבן דאָרט. קיינער!

נישט דער אַלטער רב מיט זיינע אַפּיקורסישע זין, אויף וועלכע מען פלעגט ריידן, אַז זיי זיינען מחלל שבת.

נישט שלמה דער פערד־גנב, וועלכער האָט באַוויזן אַרויסצופירן דעם פּריצס בעסטע רייט־פערד...

נישט דער אַלטער מורה הוראה ר׳ יוסף, וועלכער האָט אַריינגענומען צו זיך דעם „מלבים", דעם אַמאָליקן לענטשיצער רב, ווען מ׳האָט אים אַרויסגעטריבן פאַר אַפּיקורסות.

און נישט דער משוגענער, הערש, וועלכער פלעגט זיך שווערן פאַר יעדן איינעם, אַז ר׳האָלט ביי אָפּקויפן די גרויסע מיל מיט דער גאַזשעלניע, און אַז ער וועט זיך משדך זיין מיט ר׳ נטען, דעם וואַלד־סוחר.

עס וועט שוין קיינמאָל קיין רעדנער־ליטעראַט אַראָפּקומען צו דער ביבליאָטעק פון דער גרויסער וואַרשע, און די יוגנט זאָל זיך מיט אים אַרומפירן ווי מיט אַ גוטן יידן און ציילן זיין יעדן טריט און וואָרט...

מ׳וועט שוין פון די חרובע שטעטלעך קיינמאָל נישט אַרויסבאַגלייטן ביז צו דער באַן־סטאַנציע די אַוועקפאָרנדע גרופּעס חלוצים מיטן געזאַנג פון „מי יבנה הגליל".

עס וועט שוין דאָרט קיינער מער נישט איבערלעבן דעם מילדן נאָך פּסח און אויך נישט דעם פאַרזאָרגטן און ערנסטן אלול, וואָס האָט געמאַכט ציטערן די פיש אין טייך...

דאָס שטעטל — אין דעם ערב־שבת און אין די טומלדיקע ירידים, אין חתונות און אין לויות.

נישט געבליבן דאָרט קיין איינע פון די שטעטלשע אָפּגעהיטענע מאַמעס און פרומע באָבעס, וואָס זאָלן אין אין עת־צרה אויסמעסטן דאָס בית הקברות מיט ווייסן תכריכים־פאָדים...

און די שטעטלשע שקצים וועלן נישט האָבן מער קיין סוכות צו קאַנען אין זיי אַריינוואַרפן שטיינער...

טויט, געשטאָרבן איז דאָס שטעטל, און צי איז כאָטש דאָס בית הקברות, די קברים געבליבן?

:: :: ::

און ווידער וועקן אויף די היימישע נעמען אונדזערע וואונדן. ווי אומטרייסטבאַרע אבלים מיט צעריסענע הערצער, שטייען מיר פאַר דעם

מוראדיקן חורבן.

ווער האָט געגעבן אייזערנע נערוון צו קאָנען מאַכן אַ סך־הכל פון דעם חורבן? ווער איז גאָר אומשטאַנד צו באַנעמען דעם פאַרלוסט און זיך קלאָר מאַכן וואָס די פאַרלוירענע ישובים האָבן באַדייט פאַר אונדזער יידישן לעבן?

עס גלויבט זיך קוים און עס ווילט זיך גאָרנישט גלויבן, אַז יענע וואונדערלעכע רעזערוואוארן, פון וואַנען אונדזער לעבן האָט געצויגן זיין יניקה, זיינען שוין אויף אייביק צעשטערט און פאַרשטומט.

און עס איז נישטאָ דאָס וואָרט, די טרער צו באַוויינען די גרויסע און ווייטיקלעכע אבידה אונדזערע.

געז. פאר יידישע וועלטלעכע שולן
ביבליאטעק א. נ. פון
שלמה מענדעלסאן

אינהאַלט

זייט

שטאַנדפּונקטן

דער שרייבער — 9
דער גאַסן־קערער — 17
די מאַמע — 20
דער בוכהאַלטער — 28
דער סאָלדאַט — 33
דער יידישער לערער — 39
דער זייגער־מאַכער — 44
די קראַנקן־שוועסטער — 49
דער שוסטער — 55
דער קאַווראַדאַר — 60
דער ציימונגס־פאַרקויפער — 67
דער קאַנדוקטאָר — 73
דער גנב — 78
דער קעלנער — 85
דער שניידער — 90
דער זשורנאַליסט — 95
דאָס מעסער — 101
אַ מענטש עסט — 107

שטייגער

אַ יידישער יום־טוב אין אַ בוענאָס איירעסער
פאַרשטעטל — 117
נײַם אַ ייד אין טעאַטער אַרײַן — 130
אַ זונטיק אויף ליניערס — 138
אין אַ יידישער באַנק — 146

ט ו י ט

אַ מענטש שטאַרבט — 155
פאַרברידערונג — 162
אַרום אַ טויטן־געשעפט — 167

שטאַטישער ריטם

תפיסות מיט באַקוועמלעכקייטן — 177
דער טראַמוואַי — 183
זעקס אַזיינער פאַרנאַכט אויף פלאַרידאַ — 191
היימלאָזע מעבל — 198
גאַסן — 204

פון חורבן

אין אַ היים פון אַ פאַרטריבענער יידישער משפחה
אין פוילן — 211
האָבן זיי אים געשוויגט, די מערדער? — 227
געווען אַמאָל אַ שטעטל... — 231

פאַרטייטשונג פון אַרגענטיניזמען

זייט 53 פראַפינאַס — טרינקט־נעלט.
„ 55 סאַנוואַנטשיקל — אַ שמאַלער קאַרידאָ.
„ 56 קאַרעדאָר — פאַרקויפער, פאַרמיטלער.
„ 57 האַסטאַ מאַניאַנאַ — ביז מאָרגן.
„ „ האַסטאַ לועגאַ — ביז שפּעטער.
„ 59 סעניאָר — הער.
„ 60 קאַוראַדאָר — אינקאַסענט.
„ 64 סיעסטאַ — נאָכמיטיק־שלאָף.
„ 65 קליענטעלע — קונדן.
„ 86 אַטענדירן — באַדינען.
„ 89 מינערוואַ — קליינע דרוק־מאַשין.
„ 93 אַ מעדידאַ — באַשטעלט, לויט דער מאָס.
„ „ מאָסאָ — קעלנער.
„ 97 ראַוויאָלעס — אַ מין קרעפּלעך, געפילט מיט גרינס.
„ 119 אַסאַדאָ — טעראַסע.
„ „ האַי קע ווער! — אויסגעצייכנט!
„ „ אַנטשאַאַס — קליינע הערינגלעך.
„ 120 קע קאָסאַ, קע מאַלאַ סוערטע — וואָס פאַראַ שלעכט מזל.
„ 121 טאַטשאַס — גרויסע וואַש־בלעכן.
„ 122 קאַראַמבאַ — אויסדרוק פון באַוואונדערונג.
„ „ קאַזשענסע, טשיקאַס, קאַזשענסע — שווייגט, קינדער, שווייגט.
„ „ רוסאַס — יידן.
„ „ פיעסטאַ — יום־טוב.
„ 123 באַילע פאַמיליאַר — פאַמיליע־באַל.
„ „ סאָסיעדאַדעס — אינסטיטוציעס.
„ „ סאָסיע — מיטגליד.
„ „ טאַנטאַ טיעמפּאָ, קאָמאָ לע וואַ? — אַזוי לאַנג שוין, ווי גייט עס אייך?
„ 124 צום רעסיווירן — גראַדואירן.
„ 125 האַבלאַ ביען, מוי ביען — רעדט גוט, זייער גוט.
„ „ פעליסיטירט — באַגריסט.
„ „ סאָסיעדאַד — אינסטיטוציע.
„ 128 אַניווערסאַריאָ — אַניווערסאַר.
„ „ פּאַסאָ דאָבלע — אַ טאַנץ.
„ 126 הימנאָ יידיש — יידישער הימן.
„ „ מוי ביען, מעסטראָ, מוי ביען — זייער גוט, לערער, זייער גוט.
„ 133 אַפויראַ, אַפוירא — אַרויס, אַרויס.
„ 135 טראַבאַכאַ ביען — אַרבעט גוט.
„ 136 פלאַטעאַס — זיץ־פּלעצער אין פּאַרטער.

„ 139 טאַרא פאַר וועינטע — אַלץ פאַר צוואַנציק.
„ „ טאַרא פאַר קינסע — אַלץ פאַר פופצן.
„ 140 רעגאַלעטאַ — דער אַריסטאָקראַטישער צעמענטאַר אין
בוענאָס איירעס.
„ 142 טאַקירס — — קומט די ריי.
„ „ סי סעניאָר — יאָ, הער.
„ 144 פאַפּיטאַ — טאַטעלע.
„ „ אַבועליטאַ — זיידעלע.
„ „ ק. ע. פ. ד. — די ראשי־תיבות פון זאַל רוען אין
פרידן.
„ 145 פאַברע זיידע — אָרעמער זיידע.
„ „ באַסטאַ — גענוג.
„ 148 נאָ סעניאָר, סי סעניאָר — ניין הער, יאָ הער.
„ 149 גאַמינאַ — אַ פעטס צו האָר.
„ „ קאָמאָ לע וואַ? ווי גייט עס אייך?
„ 150 בערענטע — פאַרוואַלטער.
„ 151 פאַגאַדאַ — באַצאָלט.
„ „ „הויבן” אַ וועקסל — ווערטערלער איבערזעצט פון
שפּאַניש.
„ 152 קווענטעניק — פאַרקויפט אויף אויסצוצאָלן.
„ 162 מאַרגע — טויטן־שטיבל.
„ 167 פאַמפאַ פונעברע — געזעלשאַפט וואָס אָרדנט איין
לויות.
„ 170 פאַר מאַזשאָר — הורט.
„ 179 בוענאָס דיאָס — גוט מאָרגן.
„ „ בוענאָס טאַרדעס — גוטן טאָג.
„ „ לעטשעראָס — מילך־פאַרקויפער.
„ „ מאַטערנידאַד — מוטער־אָפּטיילונג אין שפּיטאָל.
„ 180 פאַר פאַוואָר, סעניאָראַ — זייט אַזוי גוט, פרוי.
„ „ קוקאַראַטשעס — זשוקעס.
„ 184 קאָלעקטיוואָ — קליינער אָמניבוס.
„ 185 גוואַרדאַ — קאָנדוקטאָר.
„ „ רוביאַ — בלאָנדינקע.
„ 186 וויקטראָלעראַ — מיידל וואָס אַטענדירט די וויק־
טראָלאַ.
„ 189 קוואַדרעס — קוואַרטאַלן.
„ 193 גוט שאַבעס — אַ פאַרגרייזטער נאָמען פון אַ פאָפּו־
לער געשעפט אין בוענאָס איירעס.
„ 195 גרינגאָס — גרינע.
„ 197 סאַענס פעניאַ — אַרגענטינער פרעזידענט, וועלכער
האָט איינגעפירט פרייע און דעמאָקראַטישע וואַלן.
„ „ אַלקיטראַן — סמאָלע.

„ 198 רעמאַטע — ליציטאַציע.
„ 200 גראַנדע — גרויס געווינס.
„ 201 פראַפעסאָראַ דע פּיאַנאַ — פּיאַנאָ־לערערן.
„ „ ראַבלענער טיש — אַ דעמבענער טיש.
„ 202 פראַסערס — די גרינדער און בויער פון דער אַרגענ־
טינער נאַציע.

Este Libro de "Mit eiguene oign" (Ensayos y Reportajes) de Salomón Wassertzug se terminó de imprimir el día 24 de Octubre de 1945, en los talleres gráficos de Julio Kaufman, calle Junín 344 de la ciudad de Buenos Aires